STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05952

MIRTALA

Eliza Arzheshka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עליזאַ אָרזשעשקאָ.

מירטאַלאַ.

ראָמאַן

פון אָריגינאַל איבערזעצט

דורך

ע. נ. פרענק.

פערלאג ב. שימין, ווארשא.

1911. תרע״ב.

Типографія «Гацефира» Павская .40

Типографія «Гацефира» Павская .40

עליזא אָרזעשקאַ.

אַ זעלטענע ערשיינונג איז געווען די פוילישע שריפטשטעלערין, עליזא אָרזעשקאַ, די פערפאַסערין פון דעם ווערק „מירטאַלאַ", וועלכעס מיר געבען אין איבערזעצונג די יודישע לעזער.

פול מיט רחמנות, מיט מיטגעפיהל צו ליידענדע איז איהר הארץ געווען. זי האָט גוט געשפירט דעם צער פון יעדען שוואַכען, יעדען ליידענדען, פערפאָלגטען, בעזיעגטען, ווי דאָס וואָלט געווען איהר אייגענער צער. און ווענינג זענען געווען פאַר איהר די יסורים פון איהרע נאָהנטע, די שמערצען, וועלכע זי האָט שטענדיג אַרום זיך געזעהן; זי האָט זיך נאָך אַרויסגעזוכט אנדערע, ווייטערע פון איהר. וואו זי האָט דערשפירט אַ שמערץ, וואו נאָר זי האָט זיך עפּעס משער געווען, אַז דאָס לעבען איז נישט עפּעס זיס, דאָרט איז זי געווען, דאָרט האָט זי זיך בעמיהט אַלעס גרינדליך צו דער־קענען. זי האָט געגריבעלט, געפאָרשט דאָס לעבען, זיך איינ־בעקוקט נעהנטער, געפאָרשט אין ביכער, ביז זי איז דורכגענומען געוואָרען מיט די שמערצען און ליידען, פיעל מאָל נאָך מעהר פון די, וואָס די שמערצען און ליידען זענען זייער.

געבוירען געוואָרען איז עליזאַ אָרזעשקאַ אין יאָהר 1842 אין דאָרף מילקאָשצינאַ, גראָדנער גובערניע. איהר פאָטער, בענעדיקט פּאַוולאָווסקי, איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע פוילישע פּריצים אין יענער צייט. ווי אַלע גוטע, פרומע פּריצים, האָט אויך פּאַוולאָווסקי זיין טאָכטער ערצויגען אין ליעבע צו דער קאַטוילישער אמונה, צום פוילישען פאַטערלאַנד, צום פוילישען פאָלק. ווען זי איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר, האָט ער זי געשיקט קיין וואַרשאָ, אין דער שולע וואָס די מאָנאַכינען - סאַקראַמענטקעס — האָבען געהאַט אין זייער קלויסטער, וואו זי איז פערבליבען ביז זי איז אַלט געוואָרען 16 יאָהר.

אין דער שולע האָט זי געהערט, ווי מען זאָגט, צו די בעסטע שילערינס. די בעסטע אויסאַרבייטונגען האָט זי געשריבען. וואָס זי האָט געשריבען אין די אויסאַרבייטונגען, קען מען איצט נישט וויסען. וואַהרשיינליך האָט זיך אין זיי אָבגעשלאָגען עפּעס אַ קריטיק אויף דעם לעבען אין קלויסטער; עס איז דאָך אונמעגליך

אַז אַזאַ גײַסט, וואָס שטרעבט אײביג צו רעפאָרמען, צו אויכבעסערונגען, זאָל קענען צופריעדען זײַן מיט אַזאַ לעבען, ווי עס איז אויך אונמעגליך צו האַלטען אַלעס אין זיך, אין האַרצען, ניט אַרויסטרעטענדיג מיט אַ וואָרט געגען דער שטרענגער אָרדנונג פון קלויסטער־לעבען: פיעל תפלות, סײַ ווען מען וויל, סײַ ווען מען וויל ניט; מעסטען יעדען טריט, יעדע בעוועגונג, יעדען בליק; מדקדק זײַן אויף די מלבושים, אויף יעדען וואָרט, יעדען אָטהעם, וואָס מען לאָזט פון מויל אַרויס.

ענדיגענדיג די שולע, האָט די קלײנע עליזאַ אויך קײן פרײַהײט ניט בעקומען. אויף פערווײַלונגען אין גראָדנאָ האָבען זי איהרע עלטערען געפיהרט. דאָרט האָט זי דערקענט אַ 35־יעהריגער פריץ, פיאָטר אָרזעשקאָ, וועלכער האָט מודיע געווען איהרע עלטערען, אַז ער ליעבט זי און זײ האָבען זי חתונה געמאַכט מיט איהם.

דער שידוך איז געווען ניט קײן געלונגענער און נאָך עטליכע יאָהר, איז איהר פון איהם מעהר ניט געבליבען נאָר דער נאָמען: אָרזעשקאָ, מיט וועלכען זי האָט שפּעטער אונטערגעשריבען אַלע איהרע ווערק, האָטש זי האָט זיך מיט אָרזעשקאָ'ן געג'גט. זי האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ אַנדערן מאַן און זי האָט מיט איהם אויך ניט געלעבט. זי האָט זיך געשטעלט אין לעבען אַ גרעסערע אויפגאַבע, ווי צו זײַן אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מוטער פון עטליכע קינדער, צו פיהרען דאָס ווירטשאַפט פון אײן הויז. אַ מוטער פון דער גאַנצער מענשהײט צו זײַן האָט זי געשטרעבט, אַ נײַע ווירטשאַפט אין דער גאַנצער וועלט, האָט זי געוואָלט אײַנפיהרען, אַזאַ ווירטשאַפט, וואָס זאָל דערווײַטערן פון דער גאַנצער מענשהײַט די יסורים, בעזײַטיגען דעם אונטערשיעד, די אָבגעזונדערטקײַט און די סכסוכים צווישען קלאַסען, נאַציאָנען און אמונות.

ווען זי האָט צום ערשטען מאָל חתונה געהאַט, האָט זיך אין פוילען אָנגעהויבען די בעוועגונג פון דעם אויפשטאַנד, וועלכע האָט אַזוי פיעל שעהנע האָפנונגען ערוועקט אין די האַרצער פון אַלע פּאָלאַקען. געענדיגט האָט זיך אָבער דער אויפשטאַנד זעהר טרויעריג. מיט בלוט איז דאָס לאַנד בעגאָסען געווען, די זיסע האָפנונגען זענען אַוועק ווי אַ חלום און נאָך זײ איז כמעט ניט געבליבען אײן פאַמיליע, וועלכע האָט ניט געהאַט צו בעווײנען איהרע נעהנטסטע, וואָס זענען אומגעקומען אין דער מלחמה.

אין דער גרויסער פֿערצווייפֿלונג, וואס האט דאמאלס בעהערשט דאס פּוילישע פֿאלק, האבען זיך די בעסערע גייסטער גענומען צו ארבייטען אין אלע שיכטען פֿון פֿאלק, צו הויבען דעם מאראלישען, עקאנאמישען און גייסטיגען צושטאנד פֿון לאנד.

צווישען די אלע גרויסע גייסטער האט זיך געשטעלט די יונגע אריסטאקראטין, די אין קלויסטער ערצויגענע עליזא ארזעשקא. זי האט געפֿארשט דאס לעבען אין פּאלאצען, אין פּריצישע הויפֿען, אין פּויערען הייזלעך, אין ווערקשטעלען פֿון בעלי מלאכות, אין יודישע גבירישע הייזער און אין צובראכענע, פֿאלענדע הייזלעך פֿון יודישע ארימע לייט, אין הדרים, אין פּענסיאנאטען פֿון רייכע עלטערן, אומעטום איז זי געוועזען, אומעטום האט זי געזעהן ליידענדע, אומעטום האט זי געפֿינען צרות און אלעם האט זי געשטרעבט אויסצובעסערן.

אום די פֿעהלער זאלען קענען אויסגעבעסערט ווערען, מוז מען פֿריהער זעהען, אז מען זאל קענען די פֿעהלער, מען זאל וויסען פֿון וואנען די פֿעהלער שטאמען און מען זאל זיי וועלען אויסבעסערן.

עליזא ארזעשקא האט צו דעם צוועק זיך גענומען צו שרייבען ערצעהלונגען, אין וועלכע זי האט דאס לעבען געשילדערט און אויפֿגעוויזען, אז אט אזוי זעהט אויס דאס לעבען... נישט גוט איז עס און אויסגעבעסערט מוז עס ווערען.

די פֿארם פֿון די ערצעהלונגען האבען ביי איהר קיין גרויס וויכטיגקייט נישט געהאט; דער עיקר איז דאך געוועזען נאר דער מוסר, וואס געהט ארויס פֿון זיי. און האט זיך איהר געדאכט, אז די ערצעהלונג אליין קלעקט נאך נישט, האט זי צוגעגעבען בפירוש מוסר-ווערטער: דאס איז נישט גוט; אזוי דארף נישט זיין... בעסער איז אזוי און אזוי...

די ערשטע ערצעהלונג איהרע „פֿון הונגער יאהרען“ (Z lat głodowych) איז געדרוקט געווארען אין דעם פּוילישען וואכענבלאט „טיגאדניק אילוסטראוואני“ אין יאהר 1866. זי פֿיהרט דארט ארײַן דעם לעזער אין א עלענדע, פֿער'חשכ'טע ספֿערע, „וועלכע ארבייט שווער, איז אבגעריסען געווארען פֿון שעהנעם, איז פֿערנאכלעסיגט און דערווייטערט פֿון די ציוויליזאציע-גיטער“. אום אויסצובעסערן זייער לאגע, זייער לעבען צופֿערלייכטערן,

הייסט די פֿערפֿאסערין ליעבען, ליעבען אלע, צוציהען אלע צום פראגרעס.

אויף דעם זעלבען ארט האט זי געשריבען נאך א היבש ביסעל ערצעהלונגען, אין וועלכע זי האט מעהר געלערנט, ווי ערצעהלט, מעהר זיך בעמיהט צו איבערצייגען, ווי צו שילדערן.

אלעם אבער, וואס זי האט געשריבען איז דורכגענומען מיט רחמנות, מיט מוטער־ליעבע. פֿרויען זענען שוואך, בעהערשט פֿון עלטערען, פֿון מענער, פֿון דער געזעלשאפֿט, האט ארזעשקא געשריבען א רייהע ערצעהלונגען פֿון פֿרויען לעבען; זי האט געזעהן, אז דאס לעבען פֿון פריצים איז נישט נוצליך פֿאר דער געזעלשאפֿט, פֿאר'ן פֿאלק און פֿיעל מאל אויך פֿאר זיך אליין, האט זי געשילדערט דאס לעבען פֿון פריצים אין פֿערשיעדענע ערצעהלונגען; פויערען, יודען פֿון פֿערשיעדענע קלאסען האט זי בעשריבען. און אלע האט זי געלערנט, אויפֿגעוויזען, אז אזוי ווי עס איז, טויג נישט, און בעסער וועט זיין, אויב מען וועט אנדערש טהון, אויב די קוועלען פֿון שלעכטען וועלען אבגעשאפֿט ווערען.

און וואס מעהר זי האט געשריבען, דאס מעהר האט זיך אבער איהר טאלענט ענטוויקעלט און דאס מעהר קונסט איז געזעהען געווארען אין איהרע ווערק. זי האט שוין כמעט אויפֿגעהערט צו לערנען און אויפֿצווייזען; איהרע העלדען אליין, זייער לעבען און זייער האלטונג האבען פֿון זיך אליין געלערנט און אויפֿגעוויזען. זי האט שוין נישט בעדארפֿט זאגען: טהוט אזוי, אדער אזוי; די שילדערונג אליין האט געזאגט, ווי מען זאל טהון.

און אין שילדערן איז ביי איהר קיין שום אונטערשיעד נישט געוועזען צווישען מענער און פֿרויען, צווישען פריצים און אנדערע שטאנדען, צווישען קריסטען און יודען; אלע האט זי גלייך עהרליך געשילדערט, מיט דער זעלבער ליעבע, מיט דער זעלבער מיטלייד, מיט דעם זעלבען רחמנות.

דאס שילדערן האט זי געמוזט זעהר פֿיעל מיה קאסטען. א פריצה איז זי געוועזען און אום צו דערקענען דאס לעבען פֿון פויערען, פֿון בעלי מלאכות, פֿון ארימע לייט, האט זי געמוזט זעהר פֿיעל פֿארשען, זעהר פֿיעל זעהען. אמשווערסטען איז איהר אבער אנגעקומען צו דערקענען יודען, וועלכע זענען פֿון איהר גאנץ פֿרעמד געוועזען, פֿרעמד מיט זייער לעבענסארט, מיט זייער שפראך, מיט זייער אמונה, מיט זייער קולטור.

פֿאר ארזעשקא'ן איז אבער קיין שום זאך נישט צו שווער

געוועזען. נישט נאָר די נידריגע שיכטען פון קריסטען, אָבער אויך יודען האָט זי דערקענט, און נישט נאָר דאָס איצטיגע לעבען פון יודען, אָבער אויך זייער געשיכטע, זייער אַלטע ליטעראַטור, זייער קולטור. זי האָט געלערנט נישט נאָר דאָס לעבען, אָבער אויך זייער געשיכטע, זייער ליטעראַטור, וויפיעל זי האָט נאָר געקענט דערקענען פון די ביכער, וואָס זענען אין דעם געביט געשריבען געוואָרען אין אייראָפּעאישע שפּראַכען.

אין איהרע ערצעהלונגען „אליה מאַקאָווער" און „מאיר עזאָפאָוויטש" זעהט מען, אַז זי האָט זעהר פיעל געלערנט, זעהר פיעל געפאָרשט איידער זי האָט זיך גענומען זיי צו שרייבען.

איהרע שפּעטערע ווערק זענען פול מיט קונסט, דאָך האָבען זיי אַלע מאָל זייער טענדענץ צו דערוועקען מיטלייד, רחמנות און פיעל מאָל קען זי זיך ווייטער נישט אָבהאַלטען פון אויסגעשרייען אַזוי טהוט!...

אין דעם גרויסען ווערק „מאיר עזאָפאָוויטש" שילדערט זי אַ יודיש יונגעל מאיר, וועלכער שטאַמט פון גרויסען יחוס און זעהר רייכע, נאָר פאַנאַטישע עלטערען; ער שטרעבט צו בילדונג, צו ליכטיגקייט נישט נאָר פאַר זיך, אָבער אויך פאַר אַלע און צום סוף איז ער געצוואונגען צו פערלאָזען זיין פאַמיליע, זיין געבורטס-שטאָדט, זיינע נאָהנטע. די ערצעהלונג ענדיגט זיך מיט אַ בקשה צו די לעזער, אַז אויב ער וועט ערגעץ בעגעגנען דעם מאיר'ן, זאָל ער איהם הילף געבען.

אין די ערצעהלונגען „אליה מאַקאָווער" און „מאיר עזאָפאָוויטש" האָט זי געשילדערט דאָס לעבען פון רייכע יודען. אין אַנדערע ערצעהלונגען האָט זי געשילדערט אויך דאָס לעבען פון גאָר אָרמע יודען. „דיי קוויאַטעק" (גיב אַ בלומעלע) און „גדליה" זענען בעשרייבונגען פון אָרימע, אונגליקליכע יודען, וועלכע זוכען ברויט און אַרבייטען זעהר שווער, אום דאָס ברויט צו בעקומען.

עליזאַ אָרזעשקאַ האָט זיך נישט בעגניגען געלאָזט מיט בלויזע ערצעהלונגען, אום צו לערנען דאָס פאָלק. ביי יעדער ערשיינונג, וועלכע איז איהר נישט געפעלען געוואָרען, וועלכע האָט זי געריהרט, איז זי אַרויס מיט אַ פובליציסטישען בראָשורע, אין וועלכער זי האָט דערוויזען, געוואָרענט פאַר'ן שלעכטען. אין דעם טרויעריגען יאָהר אין דער יודישער געשיכטע, אין דעם געוויסען פאָגראָמען-יאָהר 1882, איז עליזאַ אָרזעשקאַ

אַרױס מיט אַ בראָשורע: O żydach i kwestyi Żydowskej (װעגען יודען און דער יודען־פֿראַגע), אין װעלכער זי בעמיהט זיך, װי װײַט עס איז איהר נאָר מעגליך געװען, צו פֿערטײַדיגען יודען.

די דאַמאָלסטיגע בעדינגונגען האָבען אָבער נישט ערלויבט צו װירקען אָפֿען געגען פּאָגראָמען, צו װײַזען זײַער אָבשטאַמונג, צו ענטדעקען זײַער קװעלע. די צענזור איז געװען זעהר שטרענג און אַפֿילו מיט רמזים האָט מען װעגען די ענינים נישט געקענט שרײַבען.

פֿערשװײַגען די גאַנצע ביטערע ערשײַנונג פֿון די פּאָגראָמען, אָדער זיך בעגניגען לאָזען מיט דער בראָשורע, אין װעלכער עס במעט גאָר נישט געקענט געשריבען װערען, האָט זי אָבער אויך נישט געקענט.

זי האָט דאַן אײַנגעפֿינען, אַז שוין בעסער, װי אין פּובליציסטישע אַרטיקלען, װעט זיך איהר אײַנגעבען צו שרײַבען חאָטש אין רמזים, צו געבען אָנצוהערענישען אויף דער אונגעהויער שרעקליכע עולות, װאָס װערען געטהון געגען יודען — אין אַ ערצעהלונג, אָבער נישט אין אַ געװעהנליכע ערצעהלונג, טאַקי פּראָסט פֿון הײַנטיגען, װעלכע די צענזור װאָלט װידער נישט דורכגעלאָזען, נאָר אין אַ היסטאָרישע ערצעהלונג, אין אַ ערצעהלונג פֿון די גאָר אַלטע צײַטען, פֿון הערשער, װאָס זענען אַ מאָל געװען אין אַנדרע לענדער. װײַט פֿון דאַנען, װײַט פֿון אונזערע צײַטען; פֿון יודען, נישט הײַנטיגער, נאָר אַ מאָליגע, פֿון שרעקליכע עולות, װאָס זענען זײַ געטהון געװאָרען נישט אין אונזערע צײַטען, נאָר אַ מאָל, אַ מאָל... געגען אַזאַ ערצעהלונג קען שוין צענזור גאָר נישט האָבען און פֿאָרט, געפֿינט זיך אין איהר אַזוי פֿיעל עהנליכקײַט צו די הײַנטיגע צײַטען, צו די הײַנטיגע געשעהענישען.

עליזאַ אָרזעשקאַ האָט זיך װידער גענומען שטודירען די געשיכטע פֿון יודען און דאָס פּאַסענדעסטע צו אַזאַ ערצעהלונג האָט זי געפֿונען אין דער צײַט פֿון נאָכ'ן חורבן בית־שני, אין דעם דאַמאָלסטיגען לעבען פֿון יודען אין רוים. און עס איז בעשאַפֿען געװאָרען פֿון דעם שטודירען — דאָס בעריהמטע מײַסטערװערק „מירטאַלאַ", װעלכעס מיר געבען דאָ די לעזער.

אין דעם װערק זעהען מיר, װי זעהר די פֿערפֿאַסערין האָט געשפּירט די יסורים און דעם צער פֿון די דאַמאָלסטיגע יודען, װאָס זײַער לאַנד איז חרוב געװאָרען, זײַער בית־מקדש איז רואינירט געװאָרען, זײַערע בעסטע זענען אויסגעהרג'עט געװאָרען און זײַ

אַליין געפֿינען זיך אין גלות, ביי די אַט, וואס האָבען זיי די שווערע חורבנות געמאַכט; מען זעהט, ווי דורכגענומען זי איז געוואָרען מיט די יסורים פֿון די דאַמאָלסטיגע יודען, ווי זעהר זי האָט פֿערשטאַנען, וואס אין זייערע הערצער טהוט זיך, מיט וואָס זייערע נשמות זענען אָנגעזאַפּט געוועזען דאַמאָלס, אין די צייטען פֿון אַספּסינוס און טיטוס און אויך – אין די היינטיגע צייטען... מען זעהט, פּאָגראָמען, מען זעהט ווער עס מאַכט זיי, מען זעהט ווער עס פֿיהרט זיי אָן, ווער עס רופֿט זיי אַרויס, צו וואָס זיי ווערען אַרויסגערופֿען. אַלעס זעהט מען.

עס איז קיין אונטערשיעד נישט צווישען דעם, וואָס איז געשעהן אַמאָל און צווישען דעם, וואָס געשיהט היינט; די פֿערזאָנען זענען אויך די זעלבע... עס איז קיין אונטערשיעד נישט צווישען די צייטען און עס איז אויך קיין אונטערשיעד נישט צווישען מענשען, אַלע זענען מענשען, גלייכע מענשען, יודען, קריסטען, רייכע, אָרימע, אַלע זענען גלייך, אַלע זענען ברידער. —

דאָס איז די הויפּט־אידעע פֿון עליזאַ אָרזעשקאָ.

אין די לעצטע יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהר הונדערט, ווען די פֿינסטערניש אין לאַנד האָט זיך געשטאַרקט פֿון טאָג צו טאָג, דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פֿערשפּרייט אין לאַנד, אַנטיסעמיטיזם אין געזעלשאַפֿט, אַנטיסעמיטיזם כמעט אין אַלע צייטונגען. עפּעס אַ געהיימע שטאַרקע מאַכט האָט דעם אַנטיסעמיטיזם געשטופּט אין אַלע ווינקעל׳עך אַריין. רעדען פֿריי געגען דעם אַנטיסעמיטיזם, האָט מען נישט געטאָרט; אַ צענזור איז געווען, וועלכע האָט שטאַרק געהיטען מען זאָל נישט שטרענג אַרויס געגען איהם.

עליזאַ אָרזעשקאָ דאָט אָבער נישט געקענט גלייכגילטיג זיך בעציהען צו דער ערשיינונג. זי האָט געמוזט אַרויס טרעטען געגען דעם אַנטיסעמיטיזם. דאַן האָט זי געשריבען איהר ערצעהלונג **Ogniwa** (קייטען), אין וועלכער זי שילדערט דאָס בעגעגעניש פֿון אַ אַלטען גראַף קסאַווערי מיט אַ אַלטען יוד, בערל, אַ זייגער־מאַכער, אַ זוהן פֿון אַ אַרענדאַר ביי דעם גראַפֿס פֿאָטער.

ביידע, דער אַלטער גראַף מיט׳ן אַלטען יוד, דערמאָהנען זיך די קינדער־יאָהרען, זייערע עלטערן, זייערע פֿערוויילונגען. ביידע זענען געוועזען קינדער, ביידע האָבען דאָס לעבען דורכגעמאַכט יעדער אויף זיין אַרט און ביידע זענען גלייך אַלט גע־

וואָרען, ביידע מוזען טראָגען ברילען אויף די אויגען, ביידע ליידען, ביידע זעגען ווי פרעמד ביי זייערע אייגענע קינדער און איינער פון אַנדערן קען זיך נישט אַבּרייסען.

ווען דער גראף איז געשטאָרבען און מען האָט איהם געפיהרט צום קבר, איז בערל נאָכגעגאַנגען ביז צו דעם קריסטליכען בית=חיים, וואו מען זעהט אַרוים אויך דאָס יודישע בית=חיים.

„און איין בעשותפות'דיגער הימעל האָט מיט אַ הויכע, ברייטע רינג פון אַ קייט צונויפגעשמידט די צוויי בית=חיים'ס" — ענדיגט די פערפאַסערין איהר ערצעהלונג.

יעדעס וואָרט אין דער קונסטפאָלער ערצעהלונג שרייט צו דעם לעזער: מענש, ווי קענסט דו פיינד האָבען? ווי קענסט דו האַלטען זיך פאַר גרעסער, פאַר בעסער פון אַנדערע? קען דען זיין אַ אונטערשיעד צווישען מענשען?...

עליזאַ אָרזעשקאַ'ס ערצעהלונגען פון יודישען לעבען האָבען געריעגט פיעל פון יודען און נאָך מעהר — יודישע טעכטער, נעהנטער צו דערקענען דאָס לעבען פון יודען, זייערע זיטען און מעלות. די ערצעהלונג „מירטאַלאַ", וועלכע איז איינע פון די בעסטע ערצעהלונגען אין דער וועלט=ליטעראַטור, וואָס מיר געבען איצט אין יודישער איבערזעצונג, וועט זיכער בעקענען די ברייטערע שיכטען פון יודישען פאָלק מיט דער זעהר אינטערעסאַנטער עפּאָכע פון דער יודישער געשיכטע, מיט דער עפּאָכע פון נאָכ'ן חורבן בית=שני, פון וועלכער עס איז נאָך אין דער יודישער שעהנער ליטעראַטור גאָר נישט געשריבען געוואָרען. זיי וועלען אויך אין איהר געפינען זעהר פיעל העכסט אינטערסאַנטע בילדער, וועלכע קענען זיך בעציהען נישט נאָר צו דער היסטאָריע, צו די אַלטע יאָהרען, אָבער אויך ווי געזאָגט, צו די נייע און אפילו גאָר נייעסטע צייטען...

I

אונטער אַ ריינעם שאַפּיר־הימעל, אין אַ גוס־רעגען פֿון גאָלדענע זון־ליכטלעך, האָט דאָס גרינע וועלדעל פֿון עגעריע אויסגעלעגט טיעפֿע און אונבעוועגליכע שאָטענס אויף די פֿעלדער, פֿון וועלכע דער דרך־אֶרץ פֿאַר דעם דאָפּעלט היילינען אָרט האָט אָבגערוקט אַלע מענשליכע וואַהנונגען און יעדעס גערויש. דאָפּעלט היילינ איז דאָס אָרט געוועזען ביי די רוימער; וואָרום אין דער בעשאָטענטער טיעפֿקייט זיינער, אונטער גרויסע צווייגען פֿון זעהר אַלטע פֿערשידענע בוימער, איז געשטאַנען דאָס ווייסע בילד פֿון איינעם פֿון די בעסטע געטער פֿון דער איינינער שטאָדט און דאָרט האָט געפּליסט אַ טייכעל, וועלכעס האָט מיט זיין שטילען מורמלען דערצעהלט דורות וועגען די לאַנגע שמועסען פֿון דעם גרויסען נומאַ מיט דער פֿערהילטער און קלוגער נימפֿאַ, זיין פרוי. דער גרויסער מלך־געזעצגעבער, זאָרגענדיג פֿאַר זיין פֿאָלק, וועלכעס איז נאָך דאַמאָלס זעהר יונג געוועזען, האָט פֿאַר אַכטהונדערט יאָהר געפֿלעגט קומען אויף דעם איינזאַמען אָרט, און דערקוויקענדיג זיין בעזאָרגט האַרץ אין דעם שאָטען און שטילקייט, האָט ער צו דעם שאַפּיר פֿון די הימלען אויפֿגעהויבען זיינע אויגען, בעטענדיג רחמים ער זאָל אַ נביאות בעקומען און עצות פֿון הימעל זאָלען איהם געגעבען ווערען. דאַמאָלס איז פֿון די שאַפּיר־הימלען אַראָב די היילינע געטין עגעריע, וועלכע האָט געבלאַנקט מיט איהר היילינקייט און גנעדיג איז זי צו דעם מלך געווען, און לאַנג דערנאָך האָבען זיי זיך אין דעם שאָטען פֿון די פֿיעל פערשידענע בוימער געשמועסט שטיל, איינגערוימט זיך סודות; די שעהנע געטין האָט געלעגט איהר האַנד אויף דעם מלך'ס האַרץ און האָט בערוהיגט דאָס בלוט, וואָס האָט זיך דאָרט געקאָכט און פֿון איהרע אונשטערבליכע ליפּענס קוש, האָבען זיך אַריינגעגאָסען אין זיין קאָפּ הערליכע געדאַנקען וועגען דער אמונה און געזעץ, וועלכע זענען געוועזען אַ פֿונדאַמענט פֿון דער קינפֿטיגער גרויסקייט פֿון רוימישען פֿאָלק און פֿון דעם אייביגען רוהם פֿון זיין ערשטען געזעץ־געבער. אַלץ איז פֿאַראיבער. פֿון דעם נאָמען נומאַ פּאָמפּיליוס האָט די צייט געמאַכט גאָר

אַ ווידער־קול וועלכער קלינגט וואָס אַ מאָל שוואַכער אין די אויערן און הערצער פון די שפּעטערע דורות; דאָס, וואָס ער האָט בעשלאָסען און בעשטימט איז בעהאַלטען געוואָרען אין שאָטען פון נייע בנינים; און נאָר דער המון, וועלכער איז נישט געלערנט געווען, האָט ווייטער געהאַלטען די אמונה אין דער הייליגקייט און אונשטערבליכקייט פון עֶגעריע. נאָר דאָס אַלטע וועלדעל איז אָבגעהיט און געפּלעגט געווען, און עס האָט פערוואייביגט אין מענשען'ס זכרון די צוויי שעהנע און זעלטענע ערשיינונגען: אַ פרוי, וואָס גיסט אַריין אין מוח פון אַ מאַנספּערזאָן קלוגע געדאַנקען און אַ מלך, וואָס זאָרגט פאַר זיין אונטערטעניג פאָלק.

דיר ריזענדיגע קייזערליכע רוים האָט געראָשט נאָהנט פון דעם אָרט, אָבער נישט אַזוי נאָהנט, אַז דאָס געראָש זאָל שטערען די הייליגע שטילקייט אויף די ברעגען פון וועלדעל און אין איהם. זעהר זעלטען האָבען איבערגעריסען די שטילקייט — טריט פון פּרוסטע מענשען, וועלכע זענען דאָרט אַהין געקומען אָבצוגעבען כבוד דער געטין, אָדער צו שעפּען וואַסער פון דער הייליגער קוועלע. אין רוים זענען געווען פיעל בית־מקדש'ס און וואָס אַ מאָל איז זייער צאָהל גרעסער געוואָרען; וויפיעל בית־מקדש'ס זענען אויך געווען הערליכע ערטער פון פערוויילונגען און שפּאַצירען. גאַנצע טעג זענען פאַריבער און קיין מענשען־פוס האָט נישט בעריהרט די גרויסע גרעזער מיט בלומען פון דעם הייליגען וועלדעל, קיין שטימע פון תפלה האָט זיך נישט געמישט מיט דעם שטילען געראָש פון טייבעל, וועלכעס האָט אייביג געצויגען זיין זילבערנעם באַנד ביי די פיס פון דעם ווייסען בילד פון דער געטין.

און דאָך ביי איינעם פון די ברעגען פון וועלדעל, דאָרט, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען די שטעגען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם וועלדעל און זענען געווען בעציערט, בעזעצט מיט בוקשפּאַנען און אויסגעבעט מיט באַזאָלט, איז יעדען טאָג פון דער פריה ביז שפּעט אָבענד געזעסען אַ מענש, וועלכער האָט געהיט, ווי מען זעהט, די שטעגען. געהיט האָט ער די שטעגען דורך אַ בעוועגליכע דורכזיכטיגע בעצוימונג, וועלכע איז געווען בעציערט מיט פערגאָלדעטען בראָנז און האָט נישט אַריינגעלאָזט אין דעם הייליגען וועלדעל, ביז מען האָט אַריינגעלעגט אַ מטבע אין דער האַנד פון דעם מענש וואָס איז דאָרט געשטאַנען און ער האָט די בעצוימונג אָבגערוקט. די מטבעות זענען געווען אַ אָבצאָהלונג, וועלכע איז אַיינגעטראָגען געוואָרען אין דער מלוכה דורך די וואָס האָבען דאָס הייליגע וועלדעל גע־

וואלט בעזוכען; דער מענש, וואס איז געשטאנען ביי דער בעצוימונג איז געוועזען א אינקאסענט פון דער קלייגער אבצאהלונג.

דער רוימישער אינקאסענט, האט לויט זיינע מלבושים און זיין פנים נישט אויסגעזעהן ווי א רוימער און ביים ערשטען בליק, האט מען דערקענט, אז ער איז א אנגעקומענער פון מזרח. פון דעם דארען, געלען, פערוועלקטען האלז זיינעם ביז צו די פיס, וואס נאר די פאדעשוועס און די פינגער זענען געוועזען בעדעקט מיט גראבע סאנדאלען, איז זיין דינע, איינגעהויקערטע פיגור בעדעקט געוועזען מיט א לויז, ברוין קלייד פון דיקען שטאף, וועלכעס איז אין פאס געוועזען מיט א אלטען פערגעלטען גירטעל.

אויף דעם קאפ האט ער געהאט א דיקען, געלען טורבאן, וואס זיינע הארטע געזעמסען האבען בעשאטענט דאס פופציג־יעהריגע דארע, געלע, פערוועלקטע פנים מיט א לאנגער, הויקערדיגער נאז און א לאנגער, גרויער, געקרייזעלטער באָרד. פון אונטער דעם טורבאן, אין דער לענג פון די באקען, האבען אויך אראבגעהאנגען לאנגע, גרויע לאקען, און איןביידע זייטען פון דער איינגעהויקערטער נאז, אונטער נאך שווארצע, געדיכטע ברעמען, האבען גרויסע, ווי די פינסטערע נאכט שווארצע אויגען געברענט ווי פייער און געקוקט ווייט מיט א אייביגער, אונענדליכער טרויערקייט. די זעלבע טרויערקייט האבען אויך אויסגעדריקט די דינע, רויטליכע ליפען, וועלכע האבען צווישען די געדיכטע וואנצעס און באָרד ביטער געשמייכעלט, אדער עפיס שטיל געזאגט צו די וויסטע פעלדער, צו דעם הימעל־שאפיר, צו די אונבעוועגליכע בוימער, צו דער רוישענדער און צו דעם ווידער־קול פון דער רוישענדער שטאדט. זיצענדיג אויף דער אנלעהן פו דער פערגאלדעטער בעצוימונג, בעדעקט זייענדיג מיט'ן שאטען פון וועלדעל, וועלכער האט איהם געשיצט פון דער היץ, מיט די פיס אין די סאנדאלען, וואס האבען זיך געוויגט אין דער לופט, האלטענדיג אין די דארע פינגער די עקען פון גירטעל, מיט זיינע פלאמענדע בליקען און איינגעהויקערטען רוקען, איז דער מענש געוועזען א לעבעדיג בילד פון גייסטיגע און קערפערליכע ליידען. ער איז געוועזען א יוד.

ווי אזוי איז דער מענש געווארען א אינקאסענט פון דער הייליגער אבצאהלונג? אלע, וואס האבען דאמאלס געלעבט, האבען לייכט אויף דעם געקענט ענטפערן. רוים איז פול געוועזען מיט אויסלענדער, און צווישען זיי האבען זיך געפונען פיעל רייכע מענשען, וועלכע האבען מיט זייער פלייסיגקייט פערגרעסערט זייער רייכטום, ווי מונבז, וועלכער איז אויך געוועזען א יוד און אין זיין באנק אויף דעם מארס=

פֿעלד האָט די גרויסאַרטיגע רוימער יוגענד גענומען גרויסע הלוואות. און טאַקי אין די הענד פֿון דעם באַנקיר מונבז, וועלכער האָט גענומען זעהר גרויסע פּראָצענטער האָט דער הערשענדער קייזער אָבגעגעבען נישט איין צוויַיג פֿון די מלוכה איינקינפֿטען. דער קייזער וועלכער האָט דאַמאָלסט געהערשט האָט געהייסען אַספּסינוס און ער האָט געזאַמעלט און געשפּאָרט דאָס געלד פֿון דער מלוכה, וועלכעס איז אַזוי פֿיעל יאָהר פֿערשוועגדעט געוואָרען דורך דעם קייזער נירון אין זיינע ווילדע פֿערוויילונגען און די אינערליכע מלחמות. אַספּסינוס, וועלכער איז געוועזן אין זיין אויפֿפֿיהרונג גראָב, האָט פֿערקעהרט, געזאַמעלט געלד, נישט קוקענדיג פֿון וואָס פֿאַר אַ קוועלע עס שטאַמט. ער האָט זיך נישט געמיאוסט מיט דעם געלד, וואָס ער האָט גענומען פֿון דעם פּראָצענטניק מונבז'ס הענד, וועלכע זענען זאָגאַר געוועזען ווייס און בעציערט מיט קאָסטבאַרע פֿינגערלעך. די ווייסע, בעציערטע הענד האָבען נישט געקאָנט אַליין נעהמען די אָבצאָהלונגען פֿון די פֿרומע, וועלכע זענען געקומען אין דעם וועלדעל פֿון עגעריע. זייער שטעל האָבען פֿערטרעטען די דאַרע, ציטערנדיגע, פֿערשוואַרצטע הענד פֿון מנחם'ן. פֿאַר וואָס האָט מנחם אָנגענומען די שטעלע פֿון וועלכער ער האָט קוים טרוקען ברויט געהאַט? ווער קאָן דאָס וויסען? אפשר האָבען אויף אַ אַנדערן אופֿן איהם נישט ערלויבט צו פֿערדינען אויף זיין בעדערפֿעניש, זיינע טיעפֿע פֿערטראַכטונגען, וועלכע מען האָט געזעהן אין זיינע אויגען, אויף זיינע ליפּען און אויף זיין פֿעראַקערט פּנים. אפשר איז איהם בעסער געוועזן צו זיצען און טראַכטען אויף דעם רוהיגען, שטילען אָרט. עס קען אויך זיין, אַז דאָס גרינקייט פֿון דעם וועלדעל האָט אַביסעל מנוחה אַריינגעגאָסען אין זיינע ברענענדיגע אויגען און דאָס געזאַנג פֿון די פֿויגעלעך מיט'ן זילבערנעם קלאַנג פֿון טייכעל האָבען איבערגעריסען די טרויעריגע ליעדער פֿון זיין נשמה, וועלכע האָט טייל מאָל דאָך געזונגען עפּים אַליעד פֿון טרייסט און האָפֿנונג.

אויף דער פֿערגאָלדעטער בעצוימונג, איינגעהויקערט, מיט די פּים בעריהרענדיג די ערד, איז ער געזעסען שטונדען לאַנג און געקוקט אויף דער גרויסער שטאָדט, וועלכע האָט געבאָדען אין בלאַנק פֿון דער זון איהרע ווייסע מאַרמאָרען, איהרע גאָלדענע קאָפּולען פֿון די בית=מקדש'ס, די בעהנ'טע בויגענס פֿון די טריאומפֿס=טויערן, די הויכע שפּיצען פֿון איהרע פּאַלאַצען און מצבות; ער האָט געקוקט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט קיינמאָל נישט זאַט קוקענדיג. אין זיינע אויגען און אין זיין שמייכעל, האָט מען אָבער נישט גע=

זעהן, אז ער האט געוואלט פערהערען דאס רייכטום און דאס שעהנקייט פון דער שטאדט. אפט האט מען איהן זיי געזעהן א שטארק בעוואונדערונג. ער האט מיט עמעצען זעהר שטיל גערעדט. ער האט געזאגט: — הויב אויף מיינע ברעמען און וויז מיר, פאר וואס פרעהען זיך שטענדיג די רשעים? עפען די אויגען פון מיין פערשטאנד און וויז מיר דיינע וועגען. צי לעבען צדיקים נאר כדי זיי זאלען ליידען? צי לערנסט דו א צדיק רעכטשאפענהייט, כדי רשעות זאל רייסען זיין הארץ? צי איין פאלק וואהנט אויף דער ערד, נאר אז די פיס פון א אנדער פאלק זאלען עס צוטרעטען? און ווער איז ביי דיר א גערעכטער? וועמען ווייזט דו דיין גנאד? דעם רויבער אדער דעם גערויבטען? דער רויבער האט אין זיין ערב פערגניגען, רייכטהום און א לאנג-לעבען און דער בערויבטער פאלט אויף דער פערבלוטיגטער ערד, אדער פון דעם ארט, וואוהין ער איז פערטריבען געווארען, קוקט ער מיט בענקשאפט אויף דער זייט, וואו עס געפינען זיך די חורבות פון ציון...

פון דער לופט, וואס איז אויסגעזעעט געוועזען מיט פונקען איז קיין ענטפער נישט אנגעקומען; נאר דאס גערויש פון דער גרויסער שטאדט, וועלכעס איז א ווייל גרעסער געווארען, האט דא אהער געשיקט א ווידער-קול פון פרעהליכע געשרייען, און די פערגאלדעטע שפיצען פון די הויכע בנינים, עלכע זענען דערהיצט געוועזען פון דער זון, האבען געשיקט צום הימעל א ליעד פון קראפט און טריאומף. מנחם האט זיינע בליקען געווענדעט אנדערשוואו, וואו זיי האבען זיך בעגעגענט מיט א גרויסען, ברייטען וועג, וועלכער האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי א ארם פון א ריזע, וואס ציהט זיך אויס און וויל ארומנעהמען א האלבע וועלט. גאנצע טעג האט אויף דעם וועג געהערשט א גערויש פון א מענגע מענשען און בהמות. מנחם האט פון ווייטענס געזעהן, ווי אויף דעם וועג געהען דורך וועגען, וועלכע זענען פול מיט סחורות און ווערען געצויגען דורך אייזלען און מויל-אייזלען, און אנדערע לייכטע שעהנע וועגעלעך, ביי וועלכע עס זענען איינגעשפאנט גוטע פערד מיט פלינקע פיס. צווישען די וועגען האט ער געזעהן געשטאלטען פון רייטער, וועלכע האבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואלטען געוועזען צוגעוואקסען צו די פערד, אדער אויסגעצירטע לעקטיקעס, וועלכע קנעכט האבען געטראגען אויף זייערע פלייצעס, און פון זיי האט זיך טייל מאל ארויסגערוקט א קאפ פון א פרוי אדער פורפור, וואס האט בעצירט דאס מלבוש פון א סענאטאר. טיילמאל איז דורכגעגאנגען דורך דעם וועג א אבטיילונג פון מיליטער, און

דאמאלס האבען פון די זון־שטראהלען געבלאנקט די פאנצערס און די שפיזען, פון די שווערע טריט האט געדונערט, אין דער לופט האבען זיך פונאנדערגעשיט מיליאנען קורצע, מעטאלענע טענער און זיי בעלייט האבען הויכע געזאנגען פון טריאומפס־ליעדער. אלץ איז דארט געוועזען בעוועגונג, גערויש, בלאנק, געזאנג, געלעכטער — גבורה. מנחם הויבט אויף זיינע צונויפגעדריקטע הענד צום הימעל און פון זיין ברוסט רייסט זיך ארויס א קורץ, הייזעריג אויסגעשריי:

— און פון ירושלים זענען חורבות געבליבען!

טייל מאל איז אויף זיין ארם אראבגעפאלען א שווערע האנד און א גראבע שטימע, האלב־פרעהליך און האלב־חוזק־מאכענדיג האט גערופען:

— וואס קוקסט דו אזוי אין הימעל אריין מיט דיינע בהמה'שע אויגען, דו, יוד, שמוציגער, קבצן פון עק־וועלט? צי זעהסט דו נישט, אז מיר ווילען אריינגעהן אין הייליגען וועלדעל? פאר וואס ציהסט דו נישט אויס דיין לאפע, אום מיר זאלען אין איהר קענען אריינלעגען אונזערע מטבעות?

מנחם האט זיך אויפגעוועקט פון זיין פערטראכטונג און האט דערזעהן צוויי, דריי מענשען, וועלכע זענען געוועזען געקליידט אין דיקע, ברוינע טאגעס און זייערע פנים'ער זענען געוועזען בעשאטענט מיט די ברייטע ברעגען פון זייערע היט. אן זייערע מלבושים און זייער האלטען זיך, האט מען געקענט דערקענען, אז זיי געהערן נישט צו די רייכע און מעכטיגע. זיי זענען געוועזען אפשר בעלי־מלאכות, אדער גאר בעטלער, וועלכע האבען געלעבט פון נדבות, וואס זיי האבען בעקומען פון רייכע אדער פון דער מלוכה. דאך האבען זיי זיך געשפירט פיל גרעסער פון דעם אבגעריסענעם, פרעמדען, וועלכער איז א זוהן פון א איינגענומען לאנד, וואס זיין הויפט־שטאדט און בית־מקדש איז ערשט פאר צוויי יאהר חרוב געווארען דורך דעם מעכטיגען טיטוס; אזא מענש מעגען אויך אזעלכע זידלען. ווארום זענען דען זיי נישט געוועזען די מנצחים? און צי איז ער נישט געוועזען איינער פון די, וועלכע האבען זיך אנדערש געקליידט, א אנדערע שפראך בענוצט, אנדערע מדות געהאט, אנדערש געגלויבט? צוריקגעהענדיג פון וועלדעל, האבען זיי איהם גערייצט:

— אפשר ביזט דו הונגעריג? מיר האבען אט דא א שטיק געבראטען חזיר און מיר וועלען דיר גערן א שטיקל געבען.

מנחם האט געשוויגען, קוקענדיג אויף דער ערד.

א אנדערער, וועלכער האט אויסגעזעהן, ווי א לץ פון די, וואס

די הײזער פון די מעכטיגע זענען פול געווען מיט זײ, האט איהם אמאל בעווארפען מיט בקשות:

— מײן ליעבסטער! פיהר מיך אמאל אין דײן שוהל און ווײז מיר דעם אײזעל־קאפּ, צו וועלכען איהר יודען זענט מתפלל. איך וואלט זעהר גערן געוואלט זעהן דעם אײזעל־קאפּ און דעם גרויסען קריספינום דערצעהלען, וואס איך האב געזעהן, ווײל שוין עטליכע טעג איז ער טרויעריג, און אויב איך וועל איהם מיט עפּיס נישט פערווײלען, וועט ער מיך נאך פון זײן טיש פערטרײבען.

דער לץ האט נישט קײן הוזק געמאכט, ער האט אמת'דיג הײם געבעטען און אום צו שטיצען זײן ביטע, האט ער מנחם'ן גע־צויגען בײם אויער, ווי די פרוי פון קריספינוס האט געטהון מיט איהר קלײנעם הונד פון גרוים ליעבשאפט צו איהם. מנחם האט נישט געזאגט, אז די מעשה מיט'ן אײזעל־קאפּ איז ליגען. ער האט גע־שוויגען, קוקענדיג אויף דער ערד און נאר מיט זײנע ציטערנדע הענד האט ער אבגערוקט די האנד, וועלכע האט וואס אמאל שטארקער געדריקט זײן אויער.

אנדערע זענען געווען גרויסע כעסנים, אכזריות'דיגע.

— א, איהר אנקומענדע — האבען זײ געזאגט — אוים דער הויט, וועלכע איהר רײסט אראב פון אונזערע רוקענס, מאכט איהר זיך פאנט־פעל! ווען דו, פערשאלטענער הונד, וואלסט נישט ארויסגע־שלעפּט פון אונז די אבצאהלונג, וואלט איהם דער קײזער שוין לאנג מבטל געמאכט און אונזערע מטבעות וואלטען געבליבען אין אונזערע בײטלען.

מנחם האט שטיל געענטפערט:

— דאס געלד, וואס איך נעהם פון אײך איז נישט מײן. איך בין א דינער פון מונבז'ן און איהם גיב איך אב אלעס, וואס מען גיט מיר.

— זאלען די געטער פון אונטער דער ערד אײנשלינגען דײן הערר מונבז, וועלכער האט פון מײן ארעמען ברודערס זוהן, מינציוס, אויסגעזויגען דעם לעצטען טראפּען בלוט און פאר דעם בלוט האט ערזיך געקויפט א פינגערל מיט רובינען! בײ די ערשטע פערווײלונגען, וועלען מיר הויך בעטען דעם קײזער, ער זאל הײסען אײך אלע פון רוים ארויסטרײבען.

אמאל איז א געשטאלט פון א זעהר רײכע פרוי דורכגעגאנגען אויף דעם שטעג און ארײנרוקענדיג א מטבע אין דער האנד פון מנחם'ן איז זי שווײגענדיג פערשוואונדען געווארען אין דער טיעפקײט

פון דעם וועלדעל. דערנאך, טרעטענדיג שטיל אויף די געדיכטע גרעזער, איז זי צוריקגעגאנגען. אי[הרע] טרויעריגע אויגען, וועלכע זענען עפיס פערבענקט, עפיס פערוויינט געווען, האבען זיך מיט נייגיריג־קייט פערהאלטען אויף מנחם'ס טונקעל, אויסגעאקערט פנים. זי האט זיך אנידערגעשטעלט פאר איהם און אברוקענדיג פון איהר פנים דעם לייכטען וואל, האט זי שטיל געזאגט:

– ארעם ביסט דו, איך וועל דיך מאכען רייך, אויב דו וועסט מיר זאגען, וואו איך קען בעקומען רוהע און טרייסט, וועלכע עס קענען מיר נישט געבען סיי אונזערע געטער, סיי מיין רייכ־טום. איהר אזיאטען, וויסט פיעל סודות און איהר האט עפיס א גאט וועלכער שיקט אייך אראב טרייסט אין אייערע שרעקליכסטע אונגליקען.

– וואס ווילסטו דו? – האט מנחם געפרעגט.

די שעהנע רוימערין האט מיט טרויעריגע אויגען געענטפערט:

– עס זענען מיר שוין פערמיאוס'ט געווארען אלע־ליי פערגני־גענס און דאס רייכטהום. איך ליעב נישט דעם, וואס איז מיין מאן און קיין איינעם פון די רוימישע יונגע־לייט קען איך נישט ליעבען. איך שטרעב צו אויספייערונג, צו עפיס א גוטסקייט, וועלכע זאל מיט איהר פלאם דערהיצען מיין הארץ; צו א העלדקייט שטרעב איך, צו א העלדקייט, וועלכעס זאל זיין ענליך צו דעם העלדקייט פון מיינע עלטערן; איך שטרעב צו דעם אונבעקאנטען גאט, וואס זיינעט־וועגען בויען די גריכען מזבחות און ער איז א וודאי נישט אזעלכער, ווי אונזערע געטער, אן וועלכע איך גלויב שוין נישט.

מנחם האט אויסגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט, און דערנאך האט ער געפרעגט:

– אויב דו גלויבסט נישט אין דיינע געטער, פאר וואס בע־זוכסט דו דאס וועלדעל פון עגעריע?

– דורשטיג בין איך צו שטילקייט און שאטען... איך שטארב אב אין גערויש און בלאנק. איך ליעב דא צו קלערען וועגען הימלי־שער ליעבע און גרויסע מענשליכע הערצער. איצט איז ליעבע נידריג און ווילד, און די הערצער פון די וועלכע זענען ארום מיר, זענען פון אייזען, אדער פון בלי טע!

מנחם האט זיך אראבגעבויגען צו דער פרוי, וואס האט אזוי געזאגט און לאנג, לאנג האט ער איהר איינגערוימט עפיס מאכענדיג סודות'דיג מיט זיינע ציטערנדע הענד און גרויע בארד. מען האט דערקענט, אז ער האט איהר געזאגט, זי זאל ערגיץ אין א געוויסע צייט קומען, ער האט איהר עפיס פערשפראכען און עפיס האט ער

איהר מגלה געוועזען. די רוימערין איז אוועקגעגאנגען און דער אלטער יוד האט ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף די קניען און סורות'דיגע שמייכלען האבען זיך געוויזען צווישען די פאלבען פון זיין פנים. ער האט זיך געקלערט און געזאגט:

— דער וועג פון רשעים איז פינסטער, זיי זעהען נישט וואו זיי פאלען. אט וועסט דו געשטרויכעלט ווערען, בבל (רוים, וועלכער האט חרוב געמאכט ירושלים, ווי אמאל בבל), אין דיין אייגען רייכטהום און דיינע פערגניגענס וועסט דו געשטרויכעלט ווערען, ווארום פערשכור'ט מיט זיי הויבען אן צו ווערען די נשמות פון דיינע קינדער. ווי א הירש זוכט א קוועלע אין וואלד, אזוי זוכען זיי נייע ליכטיגקייט!

א צייט דערנאך האט ער דערהערט, ווי צוויי קנעכט וועלכע זענען געגאנגען אין וועלדעל, האבען זיך דערצעהלט א וואונדערליך געשעהעניש, וואס איז פארגעקומען אין הויז פון זייער הערר. די פרוי פון זייער הערר, פלאוויא, האט אנגעהויבען צו גלויבען אין עפיס א אויסלענדישען גאט, זי האט זיך אנגעטהון עפיס משונה'דיגע קליידער, אויף מאהלצייטען איז זי נישט געגאנגען, און בעזוכען האט זי אנגעהויבען צוזאמען מיט איהר א פערטרויטע דיענסט דעם מיאוס'ען, שטינקענדען טהייל פון דער שטאדט, אין וועלכען עס וואהנען בלויז אזיאטען, סיריער און יודען. די קנעכט האבען פון דעם גערעדט קאלטבלוטיג, נאר מיט א ביסעל חוזק־מאכעריי, ווי עס רעדען געוועהנליך קנעכט וועגען דער אויפפיהרונג און די משונה'דיגע קאפריזע פון זייערע הערען. נאר די פאלדען פון מנחם'ס פנים האבען פרעהליך געציטערט, ווען ער האט דערהערט פאלגענדע ווערטער:

— דער מעכטיגער צעסטיוס, פלאוויא'ס מאן, בייזערט זיך און איז טרויעריג, וויל מענשען לאכען פון איהם. פון פלאוויא'ן לאכען איהע פריינדינס, בעקאנטע און אויך דער קייזער אליין, לאנג זאל ער לעבען.

די וויטערע ווערטער פון דעם שמועס, האט מנחם שוין נישט געהערט, נאר אלץ וויטער מיט דעם טריאומפס־שמייכעל צווישען די פאלדען פון זיין פנים, האט ער געזאגט:

— סורות'דיג זענען דיינע וועגען, גאט! אט, האט א עלענדער ווארם, וועלכער ווערט אין שטויב געטרעטען, אריינגעלאזט א טראפען גיפט אין דעם גאוה'דיגען הארץ פון א פירשט.

בעוויינענדיג זיך אביסעל האט ער גענומען דאס גרויסע ספר וועלכעס ער האט גוט בעהאלטען פאר די פערביינעהענדע און לאנג־

ואס האט ער זיינע בליקען געפיהרט אויף די שורות פון פערגעלטען פארמעט. נישט לאנג האט ער אבער געלעזען, ווייל זיין פאנטאזישע נאטור, איז נישט פעהיג געווען לאנג בעהאפטען צו זיין צו א פרעמדען געדאנק, און אויך ווייל די ווערטער, וואס ער האט געלייענט, האבען אנגעצונדען אין זיין הארץ א פלאם פון בעגייסטערונג. ער האט זיך אלוא גיך אראבגעלאזט פון דעם שפיץ פון דער פערגלרעטער בעצוימונג, מיט גיכע טריט איז ער צוגעגאנגען צו דער זייט, מיט אכטונג האט ער דארט צוריק אנידער געלעגט דאס ספר, און דערנאך, זיצענדיג אויף זיין ארט, האט ער ארויסגענומען פון אונטער זיין קלייד האלצענע טאפלען און מיט א שפיצינגען גריפעל, האט ער אנגעהויבען שרייבען אויף דעם וואקס. וואס איז געווען בעצויגען אויף די טאפלען. ער האט געשריבען גיך און מיט היץ. זיינע באקען זענען ביים שרייבען רויטליך געווארען, טראפען פון שוויים האבען געפליסט פון אונטער זיין טורבאן און האבען זיך צוזאמענגעגאסען מיט די טרערען, וואס האבען געפליסט פון זיינע אויגען. מנחם איז אודאי געווען א פאעט, איינער פון די, וואס די גרויסע צרות פון זייער פאטערלאנד האבען אויף דעם פייעריגען וואגען פון יסורים געפיהרט צו די שפיצען פון פאנטאזיע, צו הייסע בעגייסטערונג.

אמאל, ווען ער איז בעשעפטיגט געווען מיט זיין שרייבען, איז מיט דעם שטעג צווישען די בוקשפאנען אנגעקומען א הויכער יונגער מענש, וועלכער האט געהאט אויף זיך א מאנטעל, וואס זיין קאפטור האט געשיצט דעם קאפ זיינעם פון דער היץ. אין דעם שאטען פון קאפטור, האט מען געזעהן א לענגליך פנים, אן וועלכען מען האט דערקענט, אז ער איז פון מזרח, ווי מנחם. דער יונגער מענש איז געגאנגען, ווי מען האט געזעהן, נישט אין דעם הייליגען וועלדעל, ווארום עטליכע טריט פאר מנחם'ן האט ער זיך פערהאלטען און מיט א פריינדליכען בליק האט ער געקוקט אויף דעם אינקאמענט. אפשר האט ער איהם נישט געוואלט שטערן, נאר ווען ער האט זיך נישט געקענט דערווארטען ביז ער וועט ענדיגען, איז ער נעהנטער צוגעגאנגען און שטיל האט ער עטליכע מאל גערופען:

— מנחם, מנחם!

פון מנחם'ס פינגער איז דער גריפעל ארויסגעפאלען. זיין טאפעל האט ער מיט א שרעקעדיגער בעוועגונג בעהאלטען אונטער זיין קלייד און אויף דעם אנקומענדען האט ער אויפגעהויבען די אויגען, וועלכע האבען געבלאנקט פון התלהבות'דיגער היץ און שרעק.

— דו דערקענסט מיך נישט, מנחם? — האט דער אנקומענדער

געזאָגט — איך בין יוסטוס, דער סעקרעטער פון מעכטיגען אגריפּוס. איך האָב געפּלענט זיין אין דיין הויז אַ אָפטער גאַסט, ווען ביי דיר איז נאָך געוועזען יונתן, וועלכען דו האָסט ביי זיך, ווי אַ זוהן געהאַלטען.

— זיי מיר מוחל, יוסטוס, וואָס איך האָב דיך נישט באַלד דערקענט. מיינע אויגען הויבען אָן אַלט צו ווערען.

— ניין — האָט יוסטוס געענטפערט מיט אַ שמייכעל — נאָר דו ביסט געוועזען בעשעפטיגט מיט דיין ארבייט. דו שרייבסט...

— איך! איך! — האָט מנחם אויסגעשריען — איך קען שרייבען? איך? ניין, איך האָב געשריבענער רעכנונגען פאַר מיין העדר מונבז!... מעהר קען איך נישט!

— דו ווילסט נישט אויסזאָגען... — האָט יוסטוס געלאַכט — דו קענסט רוהיג זיין; איך וועל דיך שוין מעהר נישט פרעגען וועגען דיינע סודות. נישט אומזיסט בין איך שוין עטליכע יאָהר ביי אגריפּוס'ן און ביי זיין קעניגליכע שוועסטער בּיראָניקאַ. דאָרט איז פערהאַנען אַזוי פיעל סודות, וויפיעל שטערען עס זענען פערהאַנען אויף דעם הימעל. איך האָב זיך אויסגעלערנט אַכטען סודות; האָב איך אַליין דען נישט קיין אייגענע סודות אין מיין האַרץ? אין אונזערע ציימען, ווער טראָגט דאָס נישט אין זיך אייגענע אָדער פרעמדע סודות? די פּנים'ער זענען אַנדערש, די הערצער אַנדערש; אַנדערש דענקט מען, אַנדערש רעדט מען. איך פרעג דיך אַלזאָ נישט, מנחם, וואָס דו טהוסט און פאַר וואָס דו טהוסט. איך בין געקומען צו דיר וועגען אַ וויכטיגע זאַך.

— איך הער — האָט ערנסט און אַרטיג געזאָגט מנחם.

יוסטוס האָט געזאָגט:

— די זאַך איז פּשוט. איך ווייס נאָר נישט, צי וועט זי ביי דיר אויך אויסזעהן אַזוי פּשוט. אָט אַזוי: דער פריינד פון מיין העדר אגריפּוס, יוסף פלאַוויוס... איך דאַרף דיר נישט זאָגען, ווער ער איז... וויל אָננעהמען נאָך איין סעקרעטער פאַר זיך, וועלכער זאָל אונטער זיין לייטונג שרייבען און איבערשרייבען אַ גרויס ווערק, וועלכעס ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. דו ווייסט, אַז טראָץ אַלעם, וואָס מען זאָגט אויף איהם, ליעבט ער זיין פאָלק און אַלע וואָס זענען ביי איהם זענען יודען. ער האָט מיך אויך איצט געהייסען אויסזוכען אַ יוד, וועלכער קען שרייבען גריכיש. די אויפגאַבע איז זעהר שווער. איך האָב געקלערט פון דיר. ווילסט דו פערנעהמען די גוטע און בכבוד'ע שטעלע ביי דעם געלעהרטען יוד,

וועלכער איז אַ גוטער פריינד פֿון אַגריפּוס'ן און בּיראָניקאַ, אַ בּעליעבּטער פֿון קייזער און זיין זוהן טיטוס?

מנחם האָט אויסגעהערט מיט ערנסטקייט, מיט אַראָבּגעלאָזטע ברעמען און ערשט ווען יוסטוס איז שטיל געבּליבּען, האָט ער געענטפערט:

– אַ דאַנק דיר, יוסטוס, דערפֿאַר, וואָס דו געדענקסט אָן מיר, נאָר אַ סעקרעטער בּיי יוסף פֿלאַוויוס וועל איך נישט ווערען.

יוסטוס האָט זיך נישט געוואונדערט און מיט אַ רוהיגע שטימע האָט ער ווידער געזאָגט:

– דער לויהן פֿאַר דער אַרבּייט איז גרויס. אַ וואהנונג אין דעם פּאַלאַץ פֿון אַגריפּוס, אַ אָרט בּיי זיין טיש און צוואַנציג טויזענד סעסטערציען יעהרליך. קלער זיך איבּער.

– איך נעהם נישט אָן – האָט קורץ און רוהיג מנחם געענטפערט.

– בּלייבּענדיג אויף דער שטעלע, וואָלסט דו געקענט טויזענדער טובות טהון אונזערע אָרעמע בּרידער...

– פֿאַר קיין שום בּעלוֹיהנונג, יוסטוס!

– דו האָסט אַ קינד, וועלכעס דו האַלטסט ווי דיין אייגענע טאָכטער, מירטאַלאַ... וואָס איהר יוגענד דאַרף פֿרישערע לופֿט, פֿון די וועלכע זי האָט אויף דער פֿאָרשטאָדט אויף יענער זייט טיבּער...

– פֿאַר קיין שום בּעלוֹיהנונג, יוסטוס!

– די עלטער, מנחם, געהט צו דיר מיט גרויסע טריט. ווען די שוואַכקייט וועט דיך צושמידען צו דעם יסורים-בּעט, ווען דיינע מידע הענד וועלען זיך שוין נישט קענען נעהמען צו קיין אַרבּייט, וועסט דו געפֿינען אין אַגריפּוס'ן און יוסף'ן גוטע, פֿריינדליכע שיצטער...

– פֿאַר קיין שום בּעלוֹיהנונג, יוסטוס!

יוסטוס האָט אַ ווייַלע געשוויגען, געטראַכט, און דערנאָך האָט ער שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די בּוימער פֿון הייליגען וועלדעל זאָלען נישט הערען, האָט ער געפֿרעגט:

– און אויבּ... און אויבּ יונתן, דיין געליעבּט קינד, דער גבור, דער אָרעמער פֿעריאָגטער, וועלכען עס בּרענגען אַוודאי איצט די היצען פֿון אַפריקאַ און די פערצווייפלונגען, וועלכע זענען טויזענד מאָל ערגער פֿון די היצען, אויבּ ער... וועט צוריק קומען? מיט וואָס וועסט דו איהם שיצען פֿון די געפֿאַהרען? ווע מען וועסט דו רופֿען, מען זאָל

איהם רעטען? אגריפּוס און פֿלאַוויוס קענען איהם שיצען; איין וואונק פֿון בעראָניקאַס ווייסען פֿינגער קען אָברוקען זיין האַלז פֿון אונטער דער האַק אָדער אַרויסרייסען זיין קערפּער פֿון די פֿלאַמען...

מנחם האָט געציטערט און געפֿלאַטערט, זיינע אָרמס האָבען געקלאַפּט אין דער לופֿט ווי די פֿליגעל פֿון אַ פֿערוואונדעטען פֿויגעל און פֿון זיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען אַ געשריי:

— יוסטוס, יוסטוס! פֿאַר וואָס רעדסט דו מיך אַזוי צו? מיין יונתן!... דאָס איז אמת!... זיין האַלז קען איבערגעגעבען ווערען דער האַק... און אפשר וועט מען איהם וואַרפֿען אין פֿלאַמען־פֿייער אַריין, ווי מען האָט געוואָרפֿען גאַריאַס׳ן און דער רוימער המון וועט אַזש משוגע ווערען פֿון שמחה זעהענדיג די יסורים און דעם טויט פֿון איינעם פֿון די לעצטע בעשיצער פֿון ציון... אָ, יוסטוס, וואָס האָסט דו מיר געזאָגט! דו האָסט מיך בעשוואָרען אָן דעם האַלז פֿון דעם קינד, וואָס איז אַזוי געליעבט ביי מיין נשמה, אָן דעם האַלז פֿון דעם קינד, וועלכעס איך האָב ארויסגעריסען, אויסגעקויפֿט פֿון דעם גלות פֿון אדום! יאָ, יוסטוס! אַגריפּוס קען איהם שיצען, פֿלאַוויוס קען איהם אויסלעזען, בעראָניקאַ... אָ!

ער איז שוין נישט געזעסען אויף דער בעצוימונג, נאָר געלעגען איז ער אויסגעצויגען אונטער אַ בוים, מיט די הענד האָט ער זיך געדריקט זיין קאָפּ, דעם שטערן האָט ער אַריינגעשטופּט אין גראָז און פֿון זיין ברוסט האָבען זיך אַרויסגעריסען געמישטע געשרייען:

— יונתן! מיין יונתן! גבור מיינער! אונגליקליכער נע־ונד׳ניק!... מיט וואָס וועל איך דיך שיצען? וועמען וועל איך רופֿען, מען זאָל איהם ראַטעווען? אָ, דו, וואו איז דיין רחמנות?

יוסטוס האָט שווייגענדיג מיט מיטגעפֿיהל געקוקט אויף דער פֿערצווייפֿלונג, וועלכעס האָט געוואָרפֿען די גלידער און אָדערן פֿון דעם אַלטען יוד. זיינע אויגען זענען אַביסעל פֿייכט געוואָרען און זיין שעהן מויל איז צונויפֿגעדריקט געוואָרען מיט אַ אויסדריק פֿון אַ שטומען שמערץ. ביסלעכוויז האָט זיך מנחם אָנגעהויבען בערוהיגען. האַלטענדיג דאָס פּנים צוגעדריקט צו דער ערד, האָט ער געקלערט אַ היבש ביסעל צייט איז פֿאָראיבער, איידער ער האָט זיך קוים אויפֿגעהויבען און קוקענדיג מיט זיינע ברענענדע אויגען אויף יוסטוס׳ן האָט ער ווידער געזאָגט:

— פֿאַר קיין שום בעלוינונג!

יוסטוס האָט אַראָבגעבויגען זיין קאָפּ.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר ענטזאָגען, איך האָב אָבער געהאַט האָפֿנונג, אַז ווען איך וועל דיר איבערלעגען...

— וואָס פֿאַר איבערלעגונג, יוסטוס? — האָט מנחם געפֿרעגט מיט אַ ציטערנדע, אָבער שוין אַ ביסעל רוהיגערע שטימע — פֿון אָרעם־קייט זאָגסטו דו מיר? אָבער איז דען אָרעמקייט נישט פּאַסענד פֿאַר אַ מענש פֿון אַ אומגעוואָרפֿען פֿאָלק? מירטאַלאַ? צי האָב איך זי נישט אַרויסגעריסען גלייך מיט יונתן׳ן פֿון אדום׳ער קנעכטשאַפֿט? זאָל זי טיילען מיט מיר מיין שוואַרץ ברויט און צוזאַמען מיט מיר זאָל זי אָטהעמען די לופֿט פֿון אונגליק. יונתן? ער וואָלט געוועזען דער ערשטער, וואָס וואָלט מיך נישט געהייסען אָננעהמען רייכטהום און פֿערגניגען פֿון די וועלכע זענען אָבגעפֿאַלען, האָבען אָבגעטרעטען פֿון אונזער לאַנד, אונזער פֿאָלק...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ בלאַנק פֿון שנאה אין די אויגען. יוסטוס האָט נאָך אַ ווײַלע פֿון שטיל־שוויַיגען געענטפֿערט:

— צו שטרענג ביזט דו, מנחם, און צו גיך משפּט׳סט דו. קיין אָבגעפֿאַלענע זענען זיי נישט, נישט אגריפּוס, נישט יוסף און אפילו נישט בירעניקאַ. אָפֿען האַלטען זיי אַלע אונזערע ימים־טובים, זעהר גרויסע נדבות געבען זיי אונזערע אונגליקליכע ברידער...

— אָבער די הערצער זייערע, יוסטוס, די הערצער, הערצער!.. האָט איהם מנחם איבערגעהאַקט די ווערטער און די פֿאַלדען פֿון זיין פּנים האָבען זיך זעהר פֿערקריכט פֿון מיאוס׳ן זיך — די הערצער, יוסטוס — האָט ער ווידער געזאָגט — די הערצער, וועלכע האָבען זיך בעהאַפֿטען צו די זינד פֿון אדום און די גאוה פֿון אדום; זייערע הענד, יוסטוס, די הענד, וועלכע בעהעפֿטען זיך טאָג טעגליך מיט די הענד פֿון אונזערע שונאים! יוסף פֿלאַוויוס עסט ביי דעם טיש פֿון אספּסינוס! בירעניקאַ ווערט געהאַלזט פֿון טיטוס׳ן, פֿון דעם זעלבען טיטוס׳ן... אָ, דו, וואו איז דיין גערעכטיגקייט!... פֿון דעם זעלבען טיטוס, וועלכער האָט אָנגעצונדען אַ פֿייער אין אונזער בית־מקדש! אגריפּוס איז געקליידט אין אַ מלבוש פֿון אַ רוימישען סענאַטאָר מיט זעקס ליקטאָרען*), וועלכע יאָגען אַראָב פֿון וועג, ווי די הינד, אונזערע אָרעמע ברידער, וואָס שטעהען און בעטלען! חאַ! חאַ! חאַ! און דו, יוסטוס, האָסט די עזה צו זאָגען, אַז זיי זענען נישט קיין

---

*) ליקטאָרען״ האָבען געהייסען די, וועלכע האָבען פֿאַר די העכסטע בעאַמטע פֿון דער מלוכה אין רוים געטראָגען בינדלעך מיט ריטער, אַלס צייכען פֿון מאַכט.

אבגעפאלענע! זיי האלטען אב שבתים! „רחמנות וויל איך, נישט קיין קרבן”! האט גאט געזאגט דורכ'ן מויל פון אונזער נביא. אונזערע ארעמע ברידער געבען זיי נדבות! און אין דעם פאלאץ פון אגריפוס טריפט גאלד! און וויפיעל קאסט דאס קאסטבארע פינגערל, וועלכעס אויף בעראניקא'ס פינגער האט ארויפגעלעגט דער, וואס האט חרוב געמאכט אונזער לאנד? און וויפיעל זענען ווערטה די מתנות, וועלכע יוסף פלאוויוס האט בעקומען פון פאפעא, דער אויסגעלאסענער פרוי פון דעם אכזריות'דיגען נירון? זאלען זיי אליין פרעסען און טרינקען דאס עשירות, וועלכעס זיי האבען זיך אויף אזא אופן ערוואָרבען! מיין מויל וועט דאס נישט בעריהרען...

יוסטוס האט מיט אכלומר'שע רוהע אויסגעהערט די היציגע ווערטער פון מנחם'ן, נאר אין שאטען פון זיין קאפטור האט א רויטליכקייט בעדעקט זיין שטערן.

— וואס קלערסט דו אלזא וועגען מיר, מנחם? — האט ער שטיל געפרעגט — וועגען מיר, וועלכער וואהנט צווישען זייערע פערגאָלדעטע ווענד און עס ביי זייער טיש?

מנחם האט אראבגעבויגען דעם קאפ אין פערטראכטונג; נאך א ווייַלע האט ער שטיל געזאגט:

— איך ליעב דיך, יוסטוס, ווייל דו ביסט דער בעסטער פריינד פון מיין יונתן, ווייל איך קען דיין נשמה און איך ווייס, אז אין איהר וואהנען: רחמנות און טריַיהייט. דער הונגער האט דיר די ביינער אויסגעטריקענט, האסט דו זיך פאר דעם הונגער בעהאלטען אונטער דעם דאך פון אגריפוס. דו ביסט אלע מאל געוועזען א גוטער, פון הלל'ס תלמידים, וועלכע זענען וויַיט פון שנאה, פון קפדנות און מיט בלוט-פערגיסען מיאוס'ן זיי זיך... אך! איך האב אויך אמאל געהערט צו הלל'ס תלמידים! געהאט האב איך א טויבען-הארץ, און איך האב געטרונקען נאר זיסען האניג פון פריינדשאפט און שלום. אבער, יוסטוס, קיין שום פעפער ברענט נישט אזוי דעם גומען און קיין וויַין רוישט נישט אזוי אין קאפ, ווי די עולות, וועלכע ווערען פון א מענש געטהון! און זעה, יוסטוס, דאס זענען אויך די שאדענס, וואס דער דריקער מאכט דעם בעדריקטען: דיין ריינע נשמה מוז שמוציג ווערען אין דער דיענסט ביי די רשעים, מיין זיס הארץ, איז אנגעזאפט מיט גיפט:

לאנג האבען זיי ביידע געשוויגען; נאך א לאנגער ווייַלע האט יוסטוס שטיל געפרעגט:

— ציַ האסט דו גישט קיין נייע ידיעות וועגען יונתן'ן?

– ער לעבט! – האָט מנחם קורץ געענטפערט.

– געלויבט איז גאָט! גאָט האָט איהם ביז איצט אַרויסגעריסען פון זיינע פערפאָלגערס הענד. בלייב געזונד, מנחם!

– שלום זאָלסט דו האָבען, יוסטוס!

יוסטוס איז אַוועקגעגאַנגען, נאָר אָבגעהענדיג עטליכע טריט, איז ער צוריק געקומען.

– אויב... – האָט ער געזאָגט – אויב יונתן וועט קומען אין דיין הויז, טהו מיר צו וויסען... אפשר וועל איך איהם קענען מיט עפּיס ניצען... ערלויב מיר צו ווייזען אייך מיין פריינדשאַפט ווי ווייט איך קען!

מנחם האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכען, אַז ער בעשטעהט אויף דעם, וואָס יוסטוס האָט געזאָגט. ער האָט אַלזאָ נישט אַנגענומען די גוטע שטעלע ביי דעם מעכטיגען יוסף פלאַוויוס און ווי פריהער איז ער זיך געקומען אין וועלדעל ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און איז אַהיים געגאַנגען, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. דאָס אָרט, אויף וועלכען ער איז געזעסען, איז געווען נישט בעקוועם, און דאָך האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען איהם מקנא געווען, אַז ער האָט אַזאַ שטעלע. איינער פון די, וואָס האָבען איהם מקנא געווען, איז געווען סילאַס, אַ סיריער, אין אַ שמוציג-רויטע טוניקאַ, וועלכע איז געווען אומגעגירטעלט מיט אַ לעדערנעם גירטעל. די פיס זיינע זענען געווען באָרפיס, דער קאָפּ–האַלב-גאָל האַלב-געל און זיין פנים האָט אויסגעדריקט שלעכטקייט און שווינדעל. ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט טראָגען לעקטיקעס, נאָר פערברענגענדיג אַ גרויס טייל פון זיין לעבען אין שקלאַפשאַפט, האָט ער געוואָלט לעבען אָהן אַרבייט ווען ער איז בעפרייט געוואָרען דורך זיין הערר, איידער ער איז געשטאָרבען. דאָס טראָגען לעקטיקעס איז צו-שווער געווען פאַר זיין קערפער, וועלכער איז פריהער רואינירט געוואָרען דורך די מלקות, וואָס ער האָט געפלעגט אָפט בעקומען און זיינע צייכענס זענען איהם אייביג אויף די פלייצעס געבליבען. דערנאָך, ווען ער איז בעפרייט געוואָרען, איז זיין קערפער נאָך מעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך דעם אויסגעלאַסענעם לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט. ער וואָלט פיעל בעסער געוואָלט זיצען גאַנצע טעג אין שאָטען פון בוימער און גאָר נישט טהון, איידער צו טראָגען לעקטיקעס. ער וואָלט נישט געזעסען, ווי מנחם, אויף דער האַרטער בעצוימונג, נאָר ער וואָלט זיך אויסגעצויגען אויף דעם קיהלען, ווייכען גראָז. זיינע נאַקעטע פיס וואָלטען זיך געוואַרעמט ביי דער זון און זיינע פלינקע הענד וואָלטען געקענט אַ טייל פון די

מטבעות, וועלכע ער וואלט בעקומען, אריינרוקען אין זיין בייטעל; ער וואלט זיך דא אהער געבראכט עטליכע חברים, מיט וועלכע ער וואלט לוסטיג געשמועסט, שפילענדיג מיט זיי אין ביינדלעך און טרינקענדיג וויין. אויף וויין וואלט ער דאך געהאט, ווען ער וואלט דא געוועזען א אינקאסענט, און דוקא גוטען וויין וואלט ער געטרונקען. ווען נישט דער פערשאלטענער יוד, וועלכער איז דא אנגעקומען פאר עטליכע יאהר און זיך דא בעזעצט אויף אייביג, וואלט ער געבעטען איינעם פון זיינע גוטע פריינד, וועלכער דיענט ביי מונבז'ן און דער וואלט פועל געוועזען ביי זיין הערר, ער זאל איהם, סילאס'ן, געבען די שטעלע. דאדורך טאקי, ווען מנחם איז זעהר פערטיעפט געוועזען אין לעזען, אדער אין שרייבען, האט ער טיילמאל פלוצלונג אנגעהויבען ציטערן, איז אראבגעשפרונגען פון דער בעצוימונג און מיט שרעק האט ער זיך ארומגעקוקט. די סיבה פון זיין איבערשרעקען איז געוועזען א געשריי, אדער א שרעקליכער, אונמענשליכער פייף, וועלכער איז ענליך געוועזען צו א געשריי פון א ווילדע חיה, אדער א ווילדען פויגעל, וועלכער האט זיך פלוצלונג נעבען זיין אויער געהערט. ער האט זיך אומגעקוקט און האט גאר נישט געזעהן, אבער נאך איידער זיין שרעק האט זיך איינגעשטילט, האט אנגעקלאפט אויף זיין פוס א שטיין, וועלכער איז געווארפען געווארען מיט אזא געשיקטער האנד, אז ער האט דעם פוס פערוואונדעט און אראבגעווארפען פון איהם דעם סאנדאל. גלייכצייטיג האט ער דערזעהן דאס דארע געשטאלט פון סילאס'ן אין דער שמוציג-רויטער בלוזע, וועלכער, ווארפענדיג אין דער לופט די שמוציגע פיס, האט זיך בעהאלטען צווישען די בוימער און פון צווישען די צווייגען האט ער ארויסגעשטעקט צו איהם זיין פנים, וואס איז געוועזען פערקרימט מיט א בייזען שמייכעל און זיינע קליינע, פינקעלדיגע אויגעלעך. א אנדער מאל, ווען עס איז זעהר שטיל געוועזען, איז סילאס ארויסגעשפרונגען פון אונטער א בוים אדער א בערג'ל און מיט אויסגעשארפטע ציינער האט ער משונה'דיג פאר איהם געשפרונגען און געטאנצט. אין דער בלויער, פערגאלדעטער לופט, אויף די וויסטע פעלדער און אין שטילען וועלדעל, האט דאס בארפיסע, שמוציגע געשטאלט פון סילאס'ן אויסגעזעהן, ווי ער וואלט פון גיהינם אראבגעקומען. פון זיין פערקרומט מויל, האט זיך געשאטען א האגעל פון אונפערשעהמטע ווערטער. מנחם האט פערמאכט די אויגען, אבער די אויערן האט ער נישט געקענט פערמאכען. ער האט געליטען און געשוויגען. ער האט אויך געשוויגען, ווען ער האט אין די פאלדען פון זיין מלבוש געפונען, נישט וויסענדיג, פון וואנען

דאָס האָט זיך גענומען, אַ שטיק חזיר=פליייש. ער האָט אָבער לענגער נישט געקענט שווייגען. ווען ער איז אַמאָל פאַר נאַכט צוריק געגאַנגען אַהיים און צוקומענדיג צו דער פאָרשטאָדט, האָט ער בעגעגענט עטליכע מענשען, וועלכע האָבען געיאָגט אַ שוואַך מיידעל. ווען זיי האָבען דאָס מיידיל דעריאָגט, האָט זי געשריען. מנחם האָט דערקענט די שטימע פון זיין מירטאַלאַ, וועלכע ער האָט ביי זיך אויפגעצויגען, ווי אַ טאָכטער. ער איז געלאָפען גיך מיט אַלע קרעפטען. עס זענען אָבער פאַר איהם אָנגעקומען עפּיס צוויי וויכטיגע מענשען און האָבען פעריאָגט די, וואָס האָבען דאָס מיידעל נאָכגעיאָגט. די נאָכיאָגער זענען געווען: סילאַס און זיינע גוטע=פריינד, אויך סיריער לעקטיקע=טרעגער.

— וואָס ווילסט דו פון מיר? וואָס האָב איך דיר געזינדיגט? — האָט מנחם צו מאָרגענס געפרעגט סילאַס'ן, ווען ער איז, ווי געוועהנליך געקומען אין וועלדעל עגעריע.

— איך וויל אַז דו זאָלסט מיר דאָס אָרט אָבטרעטען — האָט סילאַס געענטפערט — און דיין זינד איז דאָס, וואָס דו ביזט אַ הונד פון יהודה, וואָס אַזעלכע האָבען סיריער אין אַנטיוכיאַ 20,000 פאַר אַ יאָהרען אויסגעהרג'עט. אויב דאָרט האָט מען אַזוי פיעל פון אייך אויסגעהרג'עט, פאַר וואָס זאָל איך נישט איינעם קענען דערווערגען?

— זאָל זיך גאָט מרחם זיין אויף דיר, דו מענש מיט שוואַרצע געדאַנקען און אכזריות'דיג האַרץ! איבערקלער זיך! יהודה און סיריא זענען דאָך צוויי שוועסטערן. מיר האָבען דאָך איין שפּראַך, פון איין שטאַם קומען מיר ביידע אַרוים.

— פערברענט זאָלסט דו ווערען אין די פייעריגע אָרמס פון מולך! די שפּראַך מיט דעם שטאַם געהען מיך אַזוי פיעל אָן, וויפיעל די פאָדעשווע פון אַ צוריסענעם סאַנדאַל. טרינקען וויל איך, און פאַר דעם געלד, וואָס מונבז צאָהלט דיר, וואָלט איך געקענט טרינקען צו דער זאַט. ליגען וויל איך, און דו פערנעהמסט דאָס אָרט, אויף וועלכען איך וואָלט געקענט רוהיג ליגען. דאַדורך האָב איך בעשלאָסען דיך פון דאַנען צו פערטרייבען, אָדער פון דיין קעהל אַרויסצורייסען דיין יודישע נשמה.

— איך וועל זיך אויף דיר בעקלאָגען! — האָט מנחם רוהיג געענטפערט.

— ביל, הונד! פייף דו געמיינע שלאַנג! וועלען מיר זעהן, צי דיין העט מונבז, דער מענשען=פרעסער, אויף וועלכען פיעל איידעלע

זוימער שאַרפֿען שוין לאַנג זייערע צונגען, וועט דיך קענען שיצען פֿאַר נעגעל פֿון סילאַס'ן !

מנחם איז געגאַנגען צו מונבז'ן און סילאַס איז בעשטראָפֿט געוואָרען. גאַנצע צעהן טעג האָט איהם מנחם נישט געזעהן. דערנאָך האָט ער זיך אָבער ווידער געוויזען, נאָר מנחם'ן האָט ער אויפֿגעהערט קוועלען. ער האָט נאָר שטאַרק געזוכט אַ געלעגענהייט זיך צו בעגעגנען מיט מנחם'ן און ווען ער האָט די געלעגענהייט בעקומען, האָט ער שווייגענדיג אויפֿגעהויבען די האַנד און מיט איהר געדראָהט. נאָר איין מאָל, בעגעגנענדיג זיך מיט מנחם'ן צווישען פֿיעל מענשען, וועלכע האָבען פֿערפֿולט דעם מאַרק, פֿערבייגעהענדיג נעבען איהם, האָט ער מיט אַ גראָבע שטימע געזאָגט:

— אַ בעהאַלטענע שנאה איז שרעקליכען פֿון אַ אָפֿענע. די שעה פֿון סילאַס'ן, וועט אויך אמאָל אַנקומען.

מיטאָג, זיצענדיג אויף דער בעצוימונג, האָט מנחם געגעסען ברויט מיט ציבעלעס און נאָכגעטרונקען וואַסער מיט עסיג; ער האָט געלעזען, געשריבען, געקלערט, שטיל-שווייגענדיג האָט ער אויסגעהערט די בעליידיגונגען און דאָס ליצנות פֿון די פֿערבייגעהענדער, שטיל-שווייגענדיג האָט ער געליטען דאָס חוזק-מאַכען און די דראָהונג פֿון דעם סיריער. קוקענדיג פֿון ווייטענס אויף די גרויסע הייזער און פּאַלאַצען פֿון רוים, האָט ער לייכט דערקענט דאָס אָרט, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ פֿון אגריפּוס, וועלכער איז גלייכצייטיג געווען די וואָהנונג פֿון יוסף פֿלאַוויוס, וועלכער האָט איהם מנחם'ן געבעטען, ער זאָל זיין סעקרעטאַר ווערען. קיינמאָל, קוקענדיג אויף דעם פּאַלאַץ, האָט ער נישט מקנא געווען די וואָס וואָהנען אין איהם. אָפֿט האָט אָבער זיין אויג געפֿלאַמט פֿון כעס. אָפֿט האָבען זיך אויך זיינע פּלייצעס אַזוי שטאַרק איינגעהויקערט, ווי עס וואָלט אויף זיי געלעגען אַ ריזענדיגע משא. מיט ציטערנדע ליפּען האָט ער איבערגע'חזר'ט דעם נאָמען פֿון יונתן'ען, דעם גבור, נע-ונד'ניק, פֿער'משפּט'ן . . .

אָבער אויף אַלע יסורים זיינע, האָט ער געהאַט עפּיס אַ געהיימע רפואה. יעדען טאָג, ווען די זון האָט זיך בעהאַלטען אונטער דעם פּורפּור-ברעג פֿון הימעל, דער גלאַנץ פֿון דער גרויסער שטאָדט איז טונקעל געוואָרען און איהר גערויש האָט אויפֿגעהערט, ווען פֿון דעם הימעל-שאַפֿיר האָבען אַראָבגעפֿליסט אויף די שטילע פֿעלדער דורכזיכטיגע שלייערס פֿון טונקעלהייט, און אין דער טיעפֿע פֿון וועלדעל האָט וואָס אַ מאָל דייטליכער און זילבערנער געקלונגען דאָס וואַסער

פון טייבעל, — דאמאלס האט מנחם אנגעשפארט זיין פנים אויף די
הענד און מיט בליקען, וועלכע האבען געבלאנדזשעט הויך, מיט זיין
געשטאלט, וואס האט זיך לאנגזאם געוויעגט, איז ער איבערגעטראָ־
גען געווארען אין א זיסער, ליעבליכער פערטראכטונג. עס קען זיין,
אז דאמאלס איז ער צוריק געווארען, ווי איינער פון בית־הלל: ער
האט זיך געמיאוס'ט מיט מחלוקת'ן, בלוט־פערגיסען און מלחמות.
זיין פנים האט זיך בערוהיגט, דאס מויל זיינס האט שוין דאמאלס
נישט געהאט דעם אויסדרוק פון שמערץ, און אין די אויגען זיינע איז
פערלאשען געווארען די ליידענשאפט. שטיל, לאנג, האט ער געזונגען
זיין האפנונגס־ליעד:

„ווי א וואלקען, וואס געהט פאראיבער, אזוי איז דער רשע;
א צדיק איז ווי א אייביגער פונדאמענט"...

„די שטעג פון א צדיק, ווי א פאס פון ליכטיגקייט, שפארט זיך
ארויף אין דער הויך, צו דעם טאג פון טריאומף"...

„די האפנונג איז די שמחה פון אונגליקליכע. האף, מיין פאלק,
אויף דעם טאג פון גערעכטיגקייט!"...

א אויסדרוק פון שטילער שמחה, האט בעגאסען זיין פנים, ווען
ער האט קוקענדיג אין הימעל געזאגט:

— דו, וואס מיין מויל קען דיין נאמען נישט ארויסזאגען, דיר
דאנק איך, וואס דו האסט אויך אויף מיר געשיקט די פלאג, מיט
וועלכער דו קוועלסט מיינע ברידער, ווייל הונדערט מאל, טויזענד
מאל איז בעסער צו ליידען צוזאמען מיט געדריקטע, ווי צו האבען
פערגניגענס צוזאמען מיט בעדריקער...

ער איז אויפגעשטאנען. זיין ספר, וועלכעס ער האט געהאט
ארויסגענומען פון בעהעלטעניש, האט ער גוט בעהאלטען אין די
פאלדען פון זיין מלבוש, און אויף דער שטעג, וואס איז געווען
געדעקט מיט באזאלט און ארומגעזעצט מיט בוקשפאן, איז ער געגאנגען
רוהיג, מיט א אויסגעגלייכטען רוקען און זאגאר מיט א מין גאוה צו
דער שטאדט־טהייל, וועלכע האט געהייסען „טראנסטיבעריום", דאס
הייסט, יענע זייט טיבער.

II.

טראנסטיבעריום איז געווען דער פירצעהנטער קווארטאל פון רוים
וועלכע האט געהאט צוויי בערגער: יאניקול און וואטיקאן. אויף דעם

צווייטער זייט פון טיבער, אויף די זיבען בערגער, וועלכע זענען געוועזען די וויעג פון רוים, זענען פערזאמעלט געוועזען אלע הערליכקייט פון דער שטאדט, איהר גלאנץ און גבורה; דא, אין טראנסטיבעריום, זענען געוועזען די גרויסע געזעלשאפטליכע גערטנער, וועלכע זענען גערופען געווארען מיט די נעמען פון צעזאר (קייזער) און אגריפינא, ווי אויך די פאלאצען פון די מעכטיגע, וועלכע זענען געוועזען ארומגענומען מיט גערטנער און פון צווישען די פיעל גרינס, וואס האט בעדעקט די צוויי בערגער, האט מען ארויסגעזעהן הערליכע בויגענס פון די טהויערן, דורך וועלכע מען איז ארוים פון דער שטאדט. דא אויך, ביי דעם בארג יאניקול, אויף א ענגען שטח, וואס איז פערמאכט געוועזען מיט א וואנד פון בארג און ברעג פון טייך, גענגען דעם בויגען פון גערמאניקוס, וועלכער האט ווי מיט א רייכע קלאמער פערמאכט די האסטישע גאס, וואס האט זיך ארויבגעלאזט פון בארג אווענטין, זענען געוועזען זעהר פיעל נידריגע הייזלעך, אין וועלכע עס האבען געוואהנט סירייער און יודען. דאס ארט האט זיך אונטערשיידט פון אנדערע טהיילען פון דער שטאדט נישט נאר מיט דעם, וואס די בנינים זענען נידריגער געוועזען, אבער אויך מיט זייער בויען־ארט און נאך מעהר מיט'ן אויסזעהן פון זייערע איינוואהנער. אויך אויף דער צווייטער זייט פון טייך, זענען געוועזען ארמערע ערטער און ענגע בנינים. צום ביישפיעל דאס ארט, וואס האט געהייסען סיבורא, האט געהאט ענגע געסלעך, צונויפגעבאקטע הייזלעך, וועלכע זענען אזוי קרושעלדיג געוועזען, אז מענשען האבען מורא געהאט פערביי צו געהן. די הייזער זענען אבער געוועזען הויך, ביז זעקס שטאק האבען זיי געהאט, בעציערט זענען זיי געוועזען מיט זיילען, וואס די ציגעל, פון וועלכע זיי זענען געבויט געוועזען, זענען עהנליך געוועזען צו די הערליכסטע מארמאר־שטיינער פון וועלכע די שענסטע שטאדט־טהיילען זענען געבויט; אפילו די שמאלע געסלעך, זענען געוועזען אויסגעפלאסטערט מיט הערליכע שטיינער, וועלכע האבען געבלאנקט ווי די שפיגלען און אויף פיעל ערטער זענען געוועזען בילדער פון הימלישע געטער, אדער פון מענשען, וועלכע זענען פערגעטערט געווארען. דארט האט מען נישט געהערט קיין אנדערע שפראך, אויסער לאטיין און גריכיש, און אין די דינע מאגערע פנים'ער פון דער בעפעלקערונג, האט מען דערקענט, אז די מענשען שטאמען פון די אלטערטהימליכע קוויריטען אדער העללענען, וועלכע זענען געוועזען אין רוים שוין זעהר לאנג. אויף דער פארשטאדט פון יענער זייט טיבער, איז גאנץ אנדערש געוועזען. הונדערטער קורצע, שמאלע, געדרעהטע געסלעך,

האָבעֶן זיךְ געֶדרעֶהט אַרום די אֵיינשטאָקיגעֶ, נידריגעֶ הײַזלעֶך, מיט פלאַכעֶ דעֶכעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן געֶוועֶן אַרומגעֶנומעֶן מיט שטאַכעֶטעֶן און בעֶציערט מיט עֶפּיס אַ דרײַ־קאַנטיג בײַדעֶל, וועֶלכעֶס האָט טרויעֶריג געֶקוקט מיט אַיין־אֵיינציג פֿעֶנסטעֶר אָהן גלאָז, וועֶלכעֶס איז צוטהײַעֶר געֶוועֶן פֿאַר די אַיינוואָהנעֶר און דאַדורךְ איז עֶס פערטרעֶטעֶן געֶוואָרעֶן מיט שויבעֶן פון אַ פּעֶנכעֶר אָדעֶר פֿון סמאַטעֶס, וואָס זעֶנעֶן דורכגעֶזאַפּט געֶוואָרעֶן מיט וואַקס. אַזאַ בוי־אַרט איז פֿרעֶמד געֶוועֶן די רוימעֶר, ביז זי איז געֶבראַכט געֶוואָרעֶן דאָ אַהעֶר דורךְ די וואַנדעֶרעֶר פֿון יהודה. דאָס דרײַ־קאַנטיגעֶ בײַדעֶל אויף דעֶם פלאַכעֶן דאַךְ, האָט געֶהאַט אין זיךְ אַ קלײנעֶ שטוב, וועֶלכעֶ האָט געֶהעֶרט צו דעֶר וואָהנונג אונטעֶן און האָט געֶהײסעֶן „עֲלִיָה"; דעֶר פֿלאַכעֶר דאַךְ, וועֶלכעֶר איז געֶוועֶן אַרומגעֶנומעֶן מיט שטאַכעֶטעֶן, האָט ווי ברײטעֶר געֶמאַכט דעֶם קלײנעֶם שטח פון הײַזעֶל. אויף דעֶם האָט מעֶן געֶגעֶסעֶן, געֶדאַוועֶנט און געֶשלאָפֿעֶן. די געֶסלעֶךְ, הײַזלעֶךְ און קלײנעֶ פלעֶצעֶר, זעֶנעֶן פֿול געֶוועֶן מיט מעֶנשעֶן אין מלבושים, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן גאָר נישט עֶהנליךְ געֶוועֶן צו די מלבושים, וועֶלכעֶ מעֶן האָט געֶטראָגעֶן אין אַנדעֶרעֶ טהײלעֶן פֿון דעֶר שטאָדט. דאָ האָט מעֶן נישט געֶזעֶהן קײן ברוינעֶ, בלויעֶ, אָדעֶר ווײַסעֶ טאָגעֶן, קײן עֶנגעֶ טוניקעֶס, קײן דינעֶ, ווי די וואָלקעֶנדלעֶךְ, שלײעֶרס, וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶזאָלט פֿעֶרהילעֶן די געֶשטאַלטעֶן. מאַנספּעֶרזאָנעֶן האָבעֶן דאָ געֶטראָגעֶן לאַנגעֶ „כּתנות" (העֶמדעֶר) וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶרײַכט ביז צו דעֶר עֶרד און אין פֿאַס זעֶנעֶן זיי געֶוועֶן אַרומגעֶנומעֶן מיט גירטלעֶן. זײעֶרעֶ קעֶפּ האָבעֶן געֶטראָגעֶן שוועֶרעֶ טורבאַנעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן אַראָבגעֶלאָזט אויף די אויגעֶן און די באַקעֶן—שאָטעֶנס פֿון די הויכעֶ גזימסעֶן. די טורבאַנעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶן פעֶרוויקעֶלטעֶ ווערק, וועֶלכעֶ עֶס וואָלט נישט פעֶרשטאַנעֶן צו מאַכעֶן קײן רוימעֶר, וועֶלכעֶר איז אַרומגעֶגאַנגעֶן אין הוילעֶן קאָפּ און נאָר טהײל מאָל האָט עֶר זיךְ איהם בעֶדעֶקט מיט אַ לײַכטעֶן הוט, אָדעֶר מיט'ן קאַפּטאָר פֿון זײַן מאַנטעֶל. דעֶרפֿאַר האָבעֶן פֿרויעֶן געֶבלאַנקט אין זײעֶרעֶ קלײדעֶר, ווי פיעל־פֿאַרביגעֶ בלומעֶן אויף די לאָנקעֶס. גרין, בלוי, געֶלב איז געֶוואָרעֶן אין די אויגעֶן פֿון די, וואָס זעֶנעֶן דאָרט אָנגעֶקומעֶן און האָבעֶן געֶקוקט אויף אַ גרופּעֶ פֿרויעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן זיךְ דאָ צונויפגעֶקומעֶן אויף אײנעֶם פֿון די עֶנגעֶ פלעֶצעֶר, אום עֶפּיס צו קויפעֶן אָדעֶר פֿעֶרקויפֿעֶן, אָדעֶר זיי זעֶנעֶן געֶזעֶסעֶן אין אַ הויז און געֶשמועֶסט צווישעֶן זיךְ. קײן גאָלד און זילבעֶר האָט נישט געֶבלאַנקט אויף זײעֶרעֶ גירטלעֶן; באַנד פֿון לײַנוואַנד אָדעֶר פֿון בוימוואָל, האָט זיי געֶדיעֶנט אַלס גירטלעֶן און די באַנד האָט געֶבלאַנקט

מיט איהר פערשידען=פארביגקייט . עלטערע פרויען האבען בעהאל=
טען זייערע קעפ, ווי מענער אין וויסע אדער קאלירטע טורבאנען ;
יונגע פרויען האבען אראבגעלאזט אויף די פלייצעס זייערע שווארצע
אדער גאלד-פארביגע צעפ און אפט האבען זיי, געקלונגען מיט די
גלעקלעך, וועלכע האבען זיך געוויגט ביי זייערע הויכע סאנדאל'ען,
וואס זענען געווען געמאכט פון רויט , אדער גלענצענד לעדער . די
אלע , מאנספערזאנען, פרויען און קינדער, מיט געקרייזעלטע האר ,
האלב=נאקעטע , האבען גערעדט מיט א שפראך , וואס איז אונפער=
שטענדליך געווען אין די איבריגע שטאדט=טהיילען פון רוים. די
שפראך , וועלכע איז אויסגעבילדעט געווארען פון צוויי מזרח=שפראכען :
פון דער כשדישער און סירישער , איז אויך בענוצט געווארען ביי די
סירער. דאס גערויש , וואס האט דא געהערשט שטענדיג , איז פער=
גרעסערט געווארען דורכ'ן גרויסען בעוועגליכקייט פון דער בעפעל=
קערונג , דורך דעם , וואס דאס ארט איז נאהנט געווען צום פארט און
דורך די פיעל פאבריקען , וואס זענען דארט געוועזען. די בעפעלקערונג
איז געווען בעוועגליך , די עלטערע מאנספערזאנען , האבען זיך, איינ=
געהויקערט און פערקלערט דורכגערוקט אמט דורך א המון, וואס
האט זיך געשלעפט מיט טריט פון אונגליקליכע ; אפילו יונגע-לייט
האבען געהאט מידע און טרויעריגע פנים'ער, און פון הינטער די
טורבאנען, וועלכע האבען בעדעקט די קעפ פון פרויען, האבען גע=
קוקט שרעקענדע און וויינענדיגע אויגען . אויף דער גאנצער בעפעל=
קערונג האט זיך געזעהן א צייכען פון א קרענקליך לעבען אויף
פרעמדער ערד און אונטער א פרעמדער זון פון אונרוהען און גלות=זארג ,
פון פרישע צרות און א הארטען קאמפף מיט'ן ארעמקייט ; דאך איז זי
געווען בעוועגליך ; פלינק, גיך, ליידענשאפטליך האט זי זיך געדרעהט
ארום פיעל בעשעפטיגונגען . אין די הייזער האבען מענשען געארבייט
אויף וועבער=שטוהלען , געקלאפט מיט האמערס ; פיעל האבען איינגעפאסט
גלאז אין ראמען , געשליפען טהייערע שטיינער , אויסגעארבייט פערפומען.
אנדערע האבען געמישט שטרוי מיט לעהם און די מישונג אויסגעטרע=
טען מיט די פיס, אום דערנאך ציגעל דערפון צו מאכען ; אנדערש=
וואו זענען אויסגעארבייט געווארען טעפ ; אין פיעל הייזער זענען
געזעסען מענשען און געהאפטען מיט גאלדענע און זילבערנע פעדעם ;
אביסעל ווייטער זענען געווען גערבער=הייזער, אין וועלכע עס איז
אויסגעארבייט געווארען דינע, פיינע פעל. נאך ווייטער האבען גע=
ארבייט פארבער. פון עטליכע איינפאהר=הייזער , וועלכע האבען אוים=
געזעהן שטוציג און טרויעריג איז ארוים א גערויש פון גראבע שטימען

און אַ ריח פון די עֶרגסטע גענטראַנקען און אָרים זיי האָבען זיך פֶערד
זאַמעלט טרעֶגער און לעֶקטיקעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן געֶגאַנגעֶן צו זייעֶר
אַרבייט אין דער שטאָדט, אָדעֶר פון דעֶר שטאָדט צוריק אַהיים. רוים
איז פול געֶוועֶן מיט יודישעֶ טרעֶגעֶר און סירישעֶ און לעֶקטיקעֶר.
אַם מעֶהרסטעֶן האָט מעֶן זיי געֶזעֶהן אויף דעֶם אָרט געֶבעֶן טיבעֶר, וואו
עֶס האָבעֶן זיך פֶערהאַלטעֶן שיפעֶן, וואָס זעֶנעֶן געֶוועֶן געֶלאָדעֶנט
מיט סחורות, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן דאָ אַהעֶר געֶשיקט געֶוואָרעֶן פון דעֶם
גרויסעֶן פאָרט אָסטיאַ. די שיפעֶן זעֶנעֶן אָנגעֶקומעֶן אונאויפהעֶר;
אונאויפהעֶר האָט אויך דאָרט געֶהעֶרשט אַ טומעֶל פון די מעֶנשעֶן,
וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶאַרבייט אויף די שיפעֶן און ביי די סחורות, וואָס זיי
האָבעֶן פון די שיפעֶן אַראָבגעֶנומעֶן, לעֶגעֶנדיג זיי אויף דעֶם ברעֶג,
אָדעֶר אויף די רוקעֶנס פון מויל־אייזלעֶן און זיי געֶפיהרט
צו דער בריק. דאָס קלאַפעֶן, פייפעֶן, רייבעֶן פון כלים אין ווערק־
שטעֶלעֶן און פאַבריקעֶן, דאָס שרייעֶן פון די מאַטראָזעֶן אויף די שיפעֶן,
דאָס געֶרויש פון וואַסעֶר און רודעֶרס, דאָס קלאַפעֶן פון וועֶגעֶן און
פון בהמות, וואָס האָבעֶן זיי געֶשלעֶפט, דאָס געֶרויש פון די איינ־
פאָהר הייזעֶר צוזאַמעֶן מיט די געֶשרייעֶן פון קויפעֶר און פֶערקויפֶער,
מיט לוסטיגעֶ אָדעֶר וויינעֶנדיגעֶ געֶשרייעֶן פון קינדעֶר, — האָבעֶן געֶ־
בילדעֶט אַזאַ געֶרויש, ווי אַ אונאויפהעֶרנדעֶר דונעֶר. די ריזעֶנדיגעֶ
רינשטאָקס און אונטעֶר־עֶרדישעֶ קאַפאַלעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶרייניגט
רוים נאָך פאַר הונדעֶרטעֶר יאָהרעֶן, האָבעֶן דעֶם טהייל שטאָדט
נישט געֶקענט רייניגעֶן. נאָך מעֶהר, ווי אין דעֶר שפּראַך, אין די
מלבושים און זיטעֶן, האָט מעֶן דעֶרקעֶנט, אַז דאָ וואָהנעֶן מעֶנשעֶן
פון מזרח — אין דעֶם מיסט, וואָס איז אומעֶטום געֶלעֶגעֶן, און שמו־
ציגעֶן וואַסעֶר, וואָס האָט געֶרונעֶן פריי, אין די ריחות, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן
אַרויס פון די קיכעֶן. ריחות פון ציבעֶלעֶס און פֶערפוילטעֶ פיש האָבעֶן
זיך געֶמישט מיט דעֶם געֶדיכטעֶן רויך פון די געֶרבעֶרייעֶן, מיט דעֶם
בייסעֶנדעֶן ריח פון פאַרבעֶרייעֶן, מיט דעֶם שטאַרק־שמעֶקעֶנדעֶן ריח
פון הדסים, קאַסיעֶס, אַלעֶאָזעֶן, שאַפראַן, צימעֶרינג, אַראָמאַטישעֶ
שאָלעֶכטסעֶן און וואָרצלעֶן פון בוימעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַרויס פון
פֶערפומעֶן־פאַבריקעֶן. דאָס אַלעֶס, צונויפמישעֶנדיג זיך מיט דעֶם ריח
וואָס געֶבעֶן אַרויס פון זיך פֶערהאַרעֶוועֶטעֶ, מידעֶ מעֶנשעֶן, האָט
געֶשאַפעֶן אַ אַטמאָספֶערעֶ, וועֶלכעֶ קיין שום פרעֶמדעֶר, וואָס איז דעֶרמיט
נישט געֶוואָהנט געֶוועֶן, האָט נישט געֶקענט דעֶרטראָגעֶן אָהן ליידעֶן.
דאַדורך שאַקי האָט זיך דאָ קיינמאָל נישט געֶוויזעֶן קיינעֶר פון דעֶר
בעֶסעֶרעֶר רוימישעֶר וועֶלט, און יעֶדעֶר פון די, וועֶלכעֶ האָבעֶן

שפאציערט אויף די בערגער קאפיטול, אווענטין אדער אויף דעם קײזער-
ליבען פאלאטינישען בארג אין פרישען און שמעקענדיגען שאטען פון
פאלאצען, האט געקוקט מיט פעראכטונג אויף דער בעפעלקערונג,
וואס האט געוואהנט אויף דער צווייטער זייט פון טיבער. צו געהן
דארט הין, צווישען די נידריגע פלאכע דעכער, צווישען די מענשען,
וועלכע רעדען מיט א אונפערשטענדליכע שפראך, אין דעם שטויב,
רויך, שלעכטען ריח און גערויש, איז פאר יעדען פון זיי געוועזן א
מיאוס'ערע און ערגערע אויפגאבע, ווי דורכצושווימען דעם ים,
און ארוים פון איהם אויף די ברעגען פון אפריקא אדער בריטאניע.

נאר אויב פון דער הויך אראב איז קײנער קײנמאל נישט גע=
גאנגען, האבען פון אונטען ארויפגעקלעטערט יעדען טאג מאסען
מענשען, וועלכע האבען זיך פון דארט אבגעריסען און שטענדיג זענען
זיי דארט=הין צוריק געקומען. יעדען טאג האבען מאסען יונגע און
אלטע יודען, פערלאזט דעם טראנסטיבעריום, נישט ענדערנדיג
זייערע מלבושים. דורכגעהענדיג אײנע פון די בריקען זענען זיי גע=
גאנגען דורך העריליכע, ברייטע גאסען אויף די בערגער, וואו עס
האבען געוואהנט די העררען פון דער וועלט. די יודען זענען געוועזן
הענדלער, וועלכע האבען ארומגעטראגען אין שטאדט די סחורות,
וועלכע זענען אין זייער שטאדט=טהייל אויסגעארבייט געווארען און מיט
זייער אריגינאליטעט האבען זיי צו זיך צוגעצויגען די רוימער. אײנער
פון די הענדלער, האט געטראגען ביליג ציערונג, וועלכעס האט דאך
געבלאנקט, ווייל עס איז אויסגעארבייט געוועזן פון שטיקלעך גלע=
זערנע און קריסטאלענע כלים, וועלכע זענען צובראכען געווארען
אין רײכע הייזער און די אײנוואהנער פון יענער זייט טיבער האבען
זיי אבגעקויפט; א אנדערער האט צוגעצויגען די אויגען פון די פער-
בײגעהער מיט שעהנע פרויען=סאנדאלען, וועלכע זענען געוועזן גע=
מאכט פון רויט, אויסגעדריקט לעדער; נאך א אנדערער האט געהאלטען
אין דער האנד העריליכע בענדער, וועלכע זענען געפלויגען אין דער
לופט, ווען דער ווינד האט געוועהט; נעבען איהם איז געשטאנען
אײנער, וואס האט געוויזען הערליך=געשניטענע שטײנער אויף פינגער-
לעך, אדער פאנטאסטיש געמאכטע כלים, וועלכע זענען פול געוועזן
מיט פליסענדע זאכען, וואס האבען פרעמד געשמעקט. די רוימער
זענען צוליעב פיעל סבות נישט צופריעדען געוועזן דערפון, וואס אזוי
פיעל פרעמדע קומען אן אין זייער שטאדט, אין צענטר פון זייער
געווערב. נישט צופריעדען איז געוועזן דער גאוה'דיגער פאטריציוס,
(יחסן) קוקענדיג אויף דעם שפל'דיגען, שמוציגען פרעמדען. דער

רוימישער פאַטריאָט, האָט איהם בעטראַכט אַלס עלעמענט, וואָס שוואַכט אָב די קראַפט פון זיין פאַטערלאַנד. נאָך מעהר אונצופריעדען איז פון איהם געווען דער דענקער, וועלכער האָט אין איהם געזעהן, אַ פאַנאַטישען מענש, וועלכער גלויבט נאָך אָן דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען. אַם מעהרסטען האָבען איהם פיינד געהאַט דער סוחר און דער פאַבריקאַנט, וואָס זייערע האַנדלען האָט מען אויסגעמיידט און מען איז געגאַנגען צו דעם יוד, אָנקויפען זיינע סחורות. דער גאַסען-פּעֶבעֶל (המון), וועלכער איז שטענדיג דורשטיג געווען צו נייעס, האָט געלאַכט פון דער שפּראַך, וועלכע איז איהם אונפערשטענדליך געווען, פון די מלבושים, וועלכע זענען איהם געווען פרעמד, פון די מאָגערע קערפּערס און פון דעם געדולדיגען שווייגען. נישט איין פּאַטריציום, פילאָזאָף, סוחר און פאַבריקאַנט, וועלכע וואָלטען די פרעמדע געוואָלט אָבבלאָזען פון רוים, האָבען זיך אַליין געפרעגט: פון וואַנען האָבען זיי זיך דאָ אַהער גענומען? צו וואָס זענען זיי געקומען? פאַר וואָס זענען זיי נישט געבליבען דאָרט, וואו עס זענען געווען די וויגען און עס געפינען זיך נאָך די קברים פון זייערע אָבות? און פרעגענדיג אַזוי און נישט געפינענדיג קיין ענטפער אויף זייער פראַגע, האָבען זיי גאָר פערגעסען אָן די טריאומפען פון די מלחמות, אָן די נצחונות, וועלכע האָבען געבראַכט קיין רוים טויזענדער געפאַנגענע יודען; זיי האָבען גאָר פערגעסען, אַז אין דעם איינגענומענעם לאַנד, וועלכעס איז רואינירט געוואָרען מיט פייער און רציחות, איז שרעקליך געווען צו פערבלייבען; זיי האָבען פערגעסען, אַז די קינדער פון די געפאַנגענע, וועלכע זענען מיט געוואַלד דאָ אַהער געבראַכט געוואָרען, זענען געבוירען געוואָרען דאָ, אין דער גלות-שטאָדט און מאַסען וואַנדערער, פון וועלכע זיי האָבען אַוועקגערויבט דאָס פאַטערלאַנד, האָבען זיך געמוזט מאַכען נעסטען אין זייער, די מנצחים'ס פאַטערלאַנד. די מנצחים האָבען גאָר פערגעסען, אַז די אָנגעקומענע, וועלכע זענען זיי נישט בעליעבט, זענען דאָ אַהער געבראַכט געוואָרען דורך די בלוטיגע מערדערייען; אַז אויב דער געדריקטער ליידט צרות, וואַקס איינציגווייז אַרויס פון דעם בעדריקערס גליק — אַ רוט פון שטראָף און נקמה.

צווישען די פיעל מענשען, וואָס זענען יעדען טאָג אַרויסגעלאָפען פון דעם ענגען, שמוציגען טראַנסטיבעריום, איז אָפט געווען אַ יונג מיידעל, וועלכע איז געווען שעהן, מאָגער און משונה'דיג געקליידט. זי איז געווען איינע פון די העֶטעֶרינס, וועלכע האָבען אַרומגעטראָגען לאַנגע וואָלענע בענדער און גירטלען, וועלכע זענען

געוועזען בעדעקט מיט שטיקערייַ לויט די מזרח־מוסטערן און האָבען פֿאַנטאַסטיש געבלאַנקט מיט פּורפּור, זילבער און גאָלד. די רוימישע פֿרויען האָבען זיך זעהר בעמיהט צו בעקומען אַזעלכע בענדער, מיט וועלכע זיי האָבען בעציערט די ברעגען פון זייערע קליידער, זייערע כלים און פענסטער. די בענדער זענען טהייַער געוועזען און האָבען קיין שום עהנליכקייט נישט געהאַט צו די בענדער, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך רוימער. דורך זייער טייַערקייט און אָריגינאַליטעט זענען זיי פֿיעל חשוב'ער געוואָרען. די יונגע העפּטערין, וויפֿיעל מאָל זי האָט געזאָלט זעהר פריה געהן פון טראַנסטיבעריום קיין רוים, איז זי אַרויסגעגאַנגען פֿון איינעם פון די קלענסטע, אָרעמסטע הייַזלעך אין דער פאָרשטאָדט און איז געלאָפֿען, נישט געגאַנגען, דורך שמאָלע געסלעך, לוסטיג, לייַכט, כמעט נישט בעריהרענדיג די ערד, און בייַ דער ליכטיגקייט פֿון דער זון, וואָס איז דאַמאָלס ערשט אויפֿגעגאַנגען, האָט זי מיט ליעבע זיך אייַנגעקוקט אין די שעהנע זאַכען, וואָס זי האָט אין דער האַנד געטראָגען. אָפֿט האָט זי אויפֿגעוויקעלט די שעהנע שלאַקען פון דעם שטאָף און אייַנקוקענדיג זיך, האָט זי געשאָקעלט מיט איהר קליין, אָריגינעליש קעפּעל. איהר קעפּעל, איז געוועזען בעדעקט מיט אַזאַ געדיכטע מענגע פֿייַער־געלבע לאָקען, אַז פֿון ווייַטענס בייַ דעם בלאַנק פֿון דער זון, האָט מען געקענט מיינען, אַז זי האָט אויף דעם קאָפּ אַ גאָלדענעם קראַנץ. פון דער נאָהנט, האָט מען געקענט זעהן, אַז די לאָקען האָבען אַ פֿיינקייַט פֿון זייַד און אין שאָטען פון די ווייַכע, געדיכטע האָר, — אַ ווייַס, איידעל, דאַר פנים מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגען, וואָס זייערע פלאַמען האָט געלינדערט דער שאָטען פון לאַנגע ברעמען, און מיט אַ קליין, רויט מייַלעכעל. איהר קערפּער איז געוועזען בעדעקט מיט אַ אָרעם, אָבגעשאָסען קלייד, וועלכעס איז געוועזען אין פאַס אַרומגענומען מיט אַ שטיקעל אָבגעשאָסענעם שטאָף, וועלכער איז אָבער הערליך אויסגעהאַפטען געוועזען. איהר בחנ'טער האַלז, איז געוועזען אַרומגענומען מיט אַ בלאַנקענדען און קלינגענדיגען האַלז־באַנד, וועלכער איז בעשטאַנען פון פֿאַרביגע גלעזלעך, וואָס זענען געוועזען געפּאַסט אין בראָנז.

זי איז געלאָפֿען. פֿון די דאַרע אָרמען איהרע האָבען אַראָב געהאַנגען די געהאַפֿטענע בענדער. מיט ליעבליכקייט האָט זי דעם קאָפּ געוויעגט, שמייכלענדיג צו די פֿרויען, וועלכע האָבען זייערע קעפּ אַרויסגעבויגען פון די פֿענסטער און טהירען און האָבען צו איהם אויך מיט גנעדיגקייט געשמייכעלט. מאַנכע פֿון די פֿרויען האָבען זי בעגריסט מיט הויכע געלעכטער פון צופֿריעדענהייט אַז זיי זעהען זי. דאָס מיידעל

האָט זײַ געענטפֿערט מיט אַ צופֿריִדענהײַטס שמײכעל. זי האָט זיך געפֿרעהט, װעהענדיג, אַז מען ליעבט זי. אַם מעהרסטען האָט זי זיך אָבער געפֿרעהט, װען עס האָט זי בעגריסט די אַלטע שרה, װעלכע איז געװען די אײגענטהימערין פֿון דער גרעסטער האַפֿטען־פֿאַבריק אין טראַנסטיבעריום. די סחורה, װאָס דאָס מײדעל האָט געטראָגען צו פֿערקױפֿען איז געװען שרה׳ס. דאָס מײדעל האָט אױסגעהאָפֿטען דעם שטאָף, װעלכען שרה האָט איהר געגעבען און מיט שרה׳ס פֿאָדעם האָט זי געהאַפֿטען. שרה האָט איהר גוט בעצאָהלט פֿאַר דער אַרבײַט און נאָר איהר, נישט אַ אַנדער מײדעל, האָט זי געשיקט אין דער שטאָדט אַרײַן די סחורה צו פֿערקױפֿען, װײַל קײן שום מײדעל האָט נישט געצױגען אױף זיך די אױפֿמערקזאַמקײַט פֿון מענשען, װי זי און קײן שום אַנדערע האָט אין דער אדום׳ישער שפּראַך אַזױ קלוג נישט געקענט רעדען. די אדום׳ישע שפּראַך האָט איהר געלערנט דער, װעלכער האָט זי ערצױגען און שרה האָט איהר געלערנט העפֿטען. דאָס מײדעל האָט אַבער קורצליך בעסער געקענט העפֿטען פֿון שרה׳ן, קוים זי איז אױפֿגעװאַקסען, האָט זי שױן געהאַט װאונדערבאַרע אײַנפֿעל און בעגײַסטערונגען. זי האָט אָבגעװאָרפֿען פֿון זיך די מוסטערן, װעלכע מען האָט איהר געגעבען און פֿון אונטער איהרע קלײנע הענדטלעך זענען אַרױס בלומען, שלאַקען, װעלכע זענען צו קײן שום מוסטער נישט ענהליך געװען און האָבען זיך געהאַלטען, װי אין געשניצטע רעמען, אין דעם קאָפּ פֿון דעם מײדעל, אונטער די געדיכטע, פֿײַעריגע האָר האָבען געבלאַנקט פֿלאַמען פֿון נײַע אײַנפֿעל, הערליכע שעפֿונגען. װען די דיקע שרה האָט צום ערשטען מאָל געזעהן די זעלבסטשטענדיגע אַרבײַט פֿון איהר שילערין, האָט זי געפּאַטשט מיט די הענד און מיט אַ שמײכעל האָט זי עטליכע מאָל אױסגעשריִען.

— מעשׂה חושב! מעשׂה חושב! (קינסטלער־אַרבײַט)!...

דאָס מײדעל איז דאַמאָלס אַנערקענט געװאָרען אַלס קינסטלערין און טאַקי דאַמאַלס האָט זי בעקומען פֿון שרה׳ן דעם האַלז־באַנד פֿון קאָלירטע גלעזלעך און הערליך שעהנע סאַנדאַלען, װעלכע זענען געװען אָהן גלעקלעך, װײַל גלעקלעך זענען נישט פּאַסענד געװען פֿאַר אַ אָרעם מײדעל, נאָר דערפֿאַר זענען זײ געװען פֿון טונקעל־רױט לעדער און מיט פּאָדעשװעס, װעלכע האָבען הױך, לוסטיג געקלאַפּט אין דעם ברוק פֿון די גאַסען אין רוים. מיט די סאַנדאַלען און מיט דעם האַלז־באַנד, האָט זי זיך אױסגעציִערט נאָר דאַמאָלס, װען זי איז געגאַנגען אױף דער צװײטער זײַט פֿון טיבער.

הויך און לוסטיג קלאַפּענדיג מיט די סאַנדאַלען אויף דעם ברוק
פֿון מאַרמאָר-שטיינער, האָט זי זיך וואָס אַמאָל לאַנגזאַמער אַרויפגע-
שלעפּט אויף דעם אָווענטין-באַרג און האָט פֿערגעסען אַן די שעהנע
בענדער, וואָס זי האָט געטראָגען אויף איהר אָרם. איצט האָט זי
געהאַט פֿאַר זיך אַנדערע שעהנהייטען, וועלכע זי האָט שוין לאַנג
געקענט, נאָר קיינמאָל האָט זי זיך נישט געקאָנט זאַט-קוקען אויף
זיי, די שניצערייען און מאַלערייען, די אויספלאַסטערונגען פֿון פֿער-
שידענ-פֿאַרביגע מאַרמאָר-שטיינער, די זיילען, בילדער, טהייערע
און הערליכע מלבושים פֿון מענער און פרויען, וועלכע זי האָט דער-
זעהן, האָבען אין איהר ערוועקט נייגיריגקייט און ערשטוינונג. דאָס
לעבען, וועלכעס האָט געקאָכט, דאָס לעבען, וואָס איז געוועזן נישט
רוישענד, שמוציג, פערמישט מיט קללות און טרערען, ווי אויף
דער פֿאָרשטאָדט, וואו זי האָט געלעבט, נאָר דאָס הערליכע, בלאַנקענ-
דע, לוסטיגע לעבען האָט אַריינגעגאָסען אין איהר ברוסט האַלב
זיסע, האַלב שמערצענדע געפֿיהלען. אָן איהרע ברייט אָפֿענע אויגען,
ציטערנדע ליפּען, אָן דעם רויטליכקייט, וועלכעס האָט זיך געוויזען
אויף איהרע באַקען, האָט מען געקענט דערקענען, אז זי וואָלט גערן
נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגען, נישט אַטהעמען מיט דער לופט,
נאָר טרינקען זי אָהן אויפהער. זי איז געגאַנגען, אַ שטיקעל וועגס לאַנג-
זאַם, אַ שטיקעל גיך. געשמייכעלט האָט זי צו אַלעם, מיט וועלכען
איהרע בליקען האָבען זיך בעגעגענט און אונוויסענד, ווי זי וואָלט
זיך געוואָלט צופאַסען צו די שעהנהייטען און צו דעם בלאַנק, וואָס
זי זעהט אַרום זיך, האָט זי זיך אויסגעציערט מיט די האַפטען, וואָס
זי האָט געטראָגען. זי האָט זיך מיט זיי דעם האַלז אַרומגעוויקעלט,
אַראָבגעלאָזט אויף דעם אָבגעשאָסענעם קלייד, אומגעהאָנגען זיי אַרום
די אָרמס איהרע, און באַלד האָבען זי בעשיט גאָלדענע און זיל-
בערנע פֿונקען, וועלכע די זון האָט אָנגעצונדען אין איהרע האַפטען,
און זיי האָבען געבלאַנקט, ביז זיי זענען פערלאָשען געוואָרען אין
שאָטען פֿון דער זיילען-האַלע, צו וועלכער זי איז אַרויפגעגאַנגען אויף
עטליכע מאַרמאָר-טרעפּ, וואו זי האָט זיך געשטעלט ביי אַ זייל און
איז געשטאַנען שטיל, אויסקוקענדיג קונים.

די זיילען-האַלע איז געבויט געוואָרען אויף דעם באַרג אָווענטין
דורך איינעם פון די רייכסטע לייט אין רוים, צעסטיוס, וועלכער
האָט זי געשענקט דער בעפֿעלקערונג, אַלס אַ אָרט פֿון שפּאַציר און
אָבקיהלונג. די האַלע איז בעשטאַנען פון צוויי לאַנגע רייהען זיילען,
וועלכע זענען געשלאָסען געוועזן דורך אַ לייכטען דאַך אין דער הויך-

און דורך א מארמאר־אויספלאסטערונג אונטען. די גזימסען פון דאך, די קעפ און די אונטער־טיילען פון די זיילען, זענען געווען בעלעגט מיט רייכע שניצערייען; דעם סופיט האבען הויך בעדעקט געשניצטע קוואדראטען און מעדאליאנען. צווישען די זיילען זענען געשטאנען הויכע, שעהנע שטיין־בילדער. געוועהנליך זענען דארט דורכגעגאנגען מאסען מענשען, מענער און פרויען פון פערשידענע שטאנדען און נישט איינער האט זיין בליק פערהאלטען אויף דעם יודישען מיידעל, וואס איז געשטאנען ביי א זייל. נישט איין רוימישע פרוי איז צוגעגאנגען צו איהר, האט בעטראכט איהרע האפטען, און מעהר אדער וועניגער האט זי געקויפט. גערעדט צו איהר האט מען פערשידען: מיט גאוה, גנעדיג, אדער קאלטבלוטיג. זי, שוין לאנג זעהענדיג דאס ארט און די מענשען, איז זי שוין דרייסט געווען. אויף די פראגען, מיט וועלכע מען האט זיך צו איהר געווענדעט, האט זי געענטפערט קורץ און שארף. רויטליך איז איהר פנים געווארען, ווען זי האט דערזעהן די שמייכלען, וועלכע זענען ארויסגערופען געווארען דורך איהר אויסשפראכע אין לאטיין אדער גריכיש. מיט די ביידע שפראכען האט מען צו איהר גערעדט און אין ביידע האט זי געקענט ענטפערן, זי איז אבער מבולבל געווא־ען און איהרע לאנגע ברעמען האט זי אראבגעלאזט אויף איהרע שווארצע אויגען, ווען איהרע בליקען האבען זיך בעגעגענט מיט א שמייכעל פון פעראכטונג, אדער פון ליצנות. אם שלעכטסטען און אם מיאוס׳טען איז אין איהרע אויגען געווען דאס פנים פון א געוויסען העפטער, וועלכען זי האט דארט אפט געזעהן. פון א שמועס, וועלכען זי האט געהערט, איז זי געוואהר געווארען, אז ער איז געווען א אייגענטהימער פון א העפטעריי, ווי שרה; ער האט אבער זיין העפטעריי נישט אין טראנסטיבעריום, נאר אויף אווענטין און ער הייסט סילוויום. ער איז געווען א מענש פון מיטעלע יאהרען, בעקליידט אין א טוניקע אדער אין א טאגע מיט פאלדען, מיט א לאנגע אדלער־נאז, דורך וועלכער זיין פנים האט אויסגעזעהן, ווי א קאפ פון א פויגעל מיט שנאבעל און מיט ווייסע הענד, וועלכע זענען געווען בעלעגט מיט פינגערלעך. ער איז צוגעגאנגען צו איהר און דורכוווארפענדיג איהרע האפטען, האט ער מיט א שארפע שטימע געפרעגט:

— פון יענער זייט טיבער?

— יא, מיין הערר.

— פון שרה׳ס פאבריק?

— יא, מיין הערר,

— און דו, ווער ביסט דו?

— שרה'ס אַ אַרבייטערין, אַ קינסטלערין.

זי האָט געמיינט, אַז זאָגענדיג ווער זי איז, וועט דער רוימישער פֿאַבריקאַנט אַרטיגער ווערען. ער האָט אָבער געקוקט אויף דער דערשראָקענער מיידעל מיט דונער־בליקען און קריצענדיג מיט די ציינען, האָט ער געזאָגט:

— זאָלען אייך אַלע נעמען פֿאַר הויפּט־העפֿטער די געטער פֿון גיהנום!

ער איז אַוועק געגאַנגען, גאָר אָפּט איז ער דאָרט פֿערביי געגאַנגען און אויף דעם מיידעל מיט די האַפֿטען האָט ער געוואָרפֿען בליקען, וואָס זענען פֿול געווען מיט שנאה און פֿעראַכטונג. אַמאָל איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ אַנדערן מענש, וועלכער איז געוועזען הערליך געקליידט און אַ שטאַרקער ריח פֿון פערפֿומען, האָט מען פֿון איהם געשפּירט. דער מענש איז געווען אַ פּערפֿומען־מאַכער און געהייסען האָט ער ווענטורי. ביידע האָבען זעהר לעבהאַפֿטיג געשמועסט און אויף זייערע פּנים'ער האָט מען געזעהן, אַז זיי זענען עפּיס אונצופֿריעדען. סילוויוס האָט מיט זיין פינגער געוויזען אויף דער יודישער העפֿטערין; ווענטורי האָט זיך אומגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט און מיט כעס און פֿעראַכטונג, האָט ער געוויזען אַ אַלטען, אָבגעריסענעם, איינגעהויקערטען יוד, וועלכער איז געזעסען אויף דעם צווייטען עק פֿון דער זיילען־האַלע ביי אַ זייל און האָט אויסגעשטעלט פלעשלעך און שאַכטלעך מיט פערפֿומען און זאַלבען. ביידע, דער העפֿטער און דער פערפֿומען־מאַכער, האָבען געפֿאַלדט זייערע גידריגע שטערענס.

— קירצליך — האָט איינער פֿון זיי געזאָגט — וועלען די עהרליכע רוימער זיך זעצען אויף דער בעטלער־בריק און די אויסלענדער וועלען זיך וואהנען אין דער שטאָדט פֿון רומולים. עס איז גאָר נישט צו פֿערשטעהן, פאַר וואָס צעזאַר — לאַנג זאָל ער לעבען! — פֿערוועהרט נישט די אַזיאַטישע הינד אַריינצוקומען אַם וועניגסטען אין דער הויפּטגאַס פֿון דער שטאָדט.

— נישט איצט וועט ער פֿערוועהרען, נישט איצט קען דאָס געשעהן! — האָט ווענטורי געענטפערט מיט אַ האַלב סודות'דיגער און אַ האַלב ביטערער מינע — אַז טיטוס (זאָלען די געטער אייביג גנעדיג זיין צו דעם האַלבען גאָט!) האָט זיין נשמה דערטרונקען אין די שעהנע אויגען פֿון דער יודישער פּרינצעסין בעריניקאַ!...

— אִיךְ וואָלט גֶעוואָלט, אַז דִי הֶערלִיכֶע בִּירִינִיקאָ און אִיהר קֶענִיגלִיכֶער בּרודער אַגריפּוס זאָלֶען אַייבִּיג גֶעלִיעבּט זַיין בַּיי דִי גֶעטֶער! זַיי זֶענֶען אויךְ יודֶען, דאָס אִיז אמת, וואָס שאַדט דאָס אָבֶער, אַז ווען זַיי האָבֶען בֶּעדאַרפט צו זַייער פּאַלאַץ הונדערט גֶעהאָפטֶענֶע דֶעקֶען צו זַייעֶרֶע בֶּעטֶען און זאָפֶעס, האָבֶען זַיי מִיר דִי אַרבַּייט גֶעגֶעבֶען. דאָס אִיז אמת, אַז נאָר טויבֶּע און בּלִינדֶע קֶענֶען נִישט ווִיסֶען פֿון סִילוויוס'ן, פֿון דֶעם בֶּעסטֶען הֶעפֿטֶער אִין רוים, אָדֶער אַנשטאָט זַיינֶע זאַכֶען נֶעהמֶען דִי סמאַטעֶס פֿון דִי בּאַרבּאַרִישֶע אזיאַטֶען!

זַיי זֶענֶען אַוועקגֶעגאַנגֶען. דאָס יודִישֶע מַיידעֶל האָט גֶעהֶערט זַייעֶר גֶעשפּרֶעךְ און לאַנג האָט זִי ווֶעגֶען עֶפּיס גֶעקלֶערט. זִי האָט גֶעקלֶערט, צִי דאָס אִיז מֶעגלִיךְ, אַז צווִישֶען מֶענשֶען און זַייעֶרֶע ווערק זאָל זַיין אַזאַ גרויסער אונטֶערשִׁיעד? מֶען זאָל בֶּעשאַפֶען אַזוי פִיעל שֶעהנהַייטֶען און מֶען זאָל האָבֶען אַ האַרט אַכזריות'דִיג האַרץ... ווִי קֶען דאָס זַיין? דִי רוימֶער, וועֶלכֶע האָבֶען אַזוי פִֿיעל שֶעהנהַייטֶען בֶּעשאַפֶען, זֶענֶען אַלזאָ טאַקִי נאָר אַזעֶלכֶע, ווִי מֶען זאָגט אויף זַיי אִין טראַנסטִיבֶעריום? דאָרט, אִין טראַנסטִיבֶעריום, האָט מֶען זַיי גֶעהאַלטֶען פאַר אַכזרים, בֶּעדרִיקֶער, גאָטס־לֶעסטֶערֶער און פֿיַינד פֿון גוטסקַייט, דאָרט האָט מֶען זַיי יֶעדֶע מִינוּט גֶעשאָלטֶען, און מֶען האָט גֶעווַיינט הויךְ, גֶעזִיפצט אִין שוּהל, אִין דֶער הַיים אִיבֶּער דִי אַכזריות'־דִיגֶע מעשים זַייעֶרֶע. און דאָךְ — נַיין! סִילוויוס און ווֶענטוּרִי זֶענֶען אַוועק גֶעגאַנגֶען, און אַוועקגֶעגאַנגֶען זֶענֶען אויךְ דִי אויסגֶעצִירטֶע דאַמֶען, וועֶלכֶע האָבֶען גֶעקוקט אויף אִיהרֶע הֶעפטֶען, גֶעקויפט זַיי, קוקֶענדִיג אויף אִיהר מִיט פֶֿעראַכטונג; אָבֶער ווִי גוט און גֶעאַכטעט אִיז אִין אִיהרֶע אויגֶען גֶעווֶען דֶער אַלטֶער, וועֶלכֶער האָט אָפט שפּאַצִירט אִין שאָטֶען פֿון דֶער זַיילֶען־האַלֶע, זַייֶענדִיג אַרומגֶענומֶען מִיט אַ גרופֶּע יונגֶע לַייט, צו וועֶלכֶער עֶר האָט גֶערֶעדט מִיט עֶרנסטקַייט און גוטקַייט און זַיי האָבֶען אִיהם אויסגֶעהֶערט מִיט נַייגִירִיגקַייט און פֶֿערגֶעטֶערונג! דִי גרויעֶ, לאַנגֶע בּאָרד זַיינֶע, האָט זִיךְ גֶעצויגֶען אויף זַיין טונקֶעלֶע טאָגֶע; זַיין שטֶערן אִיז גֶעווֶען גֶעפֿאַלדט; אִין זַיינֶע פַייעֶרִיגֶע אויגֶען האָט גֶעבּרֶענט אַ התלהבות און אויף זַיין מויל האָט גֶערוהט אַ זִיסקַייט פֿון אַ האַרץ, וועֶלכֶעס קֶען לִיעבֶּען. דִי יונגֶע־לַייט, וועֶלכֶע זֶענֶען מִיט אִיהם גֶעגאַנגֶען, זֶענֶען גֶעווֶען שֶעהן און הֶערלִיךְ גֶעקלַיידט און דאָךְ זֶענֶען זַיי גֶעווֶען עֶרנסטֶע און בֶּעשַיידֶענֶע; דֶער אַלטֶער מאַן אִיז אִין אִיהרֶע אויגֶען עֶהנלִיךְ גֶעווֶען צו מנחם'ן. דִי בֶּעווֶעגונגֶען און דאָס אויסזעֶהן פֿון מנחם'ן זֶענֶען אַנדֶערש גֶעווֶען,

און דאָך זענען ביידע עהנליך געווען. אפשר זענען זיי עהנליך געוועזען מיט זייער גלייכער התלהבות, אפשר מיט די יסורים, וואָס ביידע האָבען געליטען... פון דעם יוד, וועלכער האָט פערקויפט פערפומען איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז דעם רוימער רופט מען פילאָזאָף, סטאָאיקער, ער הייסט מוזאָניוס רופוס און די יונגע לייט, וועלכע געהען מיט איהם, זענען זיינע תלמידים. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַ פילאָזאָף, אַ סטאָאיקער, זי האָט אויך נישט געוואוסט וואָס מוזאָניוס האָט אייגענטליך געקענט לערנען אַנדערע; זי איז אָבער זעהר נייגיריג געוואָרען צו הערען זיינע ווערטער, זיך צו ערווערבען די לעהרע, וועלכע ער גיט די יונגע רוימער. מיט פלייסיגקייט האָט זי אויפגעכאַפּט די ווערטער פון דעם געשפּרעך, וועלכע זענען צו איהרע אויערן אָנגעקומען און עטליכע מאָל האָט זי געהערט די וואָרטער, וועלכע מוזאָניוס האָט עטליכע מאָל אַרויסגעזאָגט: רעכטשאַפענהייט, גוטקייט, ריינקייט פון האַרץ, רחמנות, טרייהייט. וואָס זאָל דאָס הייסען? דאָרט, אין טראַנסטיבעריום האָט זי אָפט געהערט די ווערטער און אויך אין מויל פון דעם רוימער האָבען זיי אַזוי געקלונגען, ווי אין מנחם'ס מויל. צי ווערט אויך דער אַלטער פערשאָלטען אין טראַנסטיבעריום, ווי זיין גאַנץ פאָלק? און זי האָט געשפירט אין זיך, אַז עפּיס ציהט זי צו דער גרופּע מענשען, וועלכע שפּאַצירט אין זיילען־האַלע. און ווען די בליקען פון איינעם פון די יונגע־לייט פאַלען אויף איהר און פערהאַלטען זיך אַביסעל לענגער אויף איהרע האָר און איהר פנים, מישט זיך איהר עפּיס אין קאָפּ און אין דעם מישונג, האָט עפּיס אין איהר מוח געשריען: „ווי שעהן זענען זיי!"

איינער פון זיי, פערבייגעהענדיג נאָהנט נעבען איהר, האָט אַמאָל צו איהר געזאָגט:

— זעהר שעהן ביסט דו, קליין יודיש מיידעל! און ווען איך וואָלט אַ מאַלער געווען, וואָלט איך דיין קאָפּ אויפגעמאָלט אויף דער וואַנד פון מיין פּאַלאַץ!

— בעט אַרטעמידאָר'ן, וועט ער דיר איהר קאָפּ אויפמאָלען! — האָט אַ אַנדערער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ שעה דערנאָך איז פאַר דער יונגער העטערין פאַרבייגעגאַנגען אַ יודישע פרוי, וועלכע האָט אַרומגעטראָגען אין שטאָדט אויסאַרבייטונגען פון שטאָל און האָט דאָס מיידעל געקענט פון טראַנסטיבעריום. דאָס מיידעל האָט איהר געבעטען, זי זאָל איהר ווייזען אַ שטאָלען שפּיגעלע און, אָנקוקענדיג, כּביכול־ש דאָס איינפּאַסונג פון שפּיגעלע,

האָט זי געקוקט, ווי זי אַליין זעהט אויס. זי איז דערנאָך געוועזן נאָך לוסטיגער ווי פריהער, און הויך, קינדיש, האָט זי געלאַכט, קוקענדיג אויף דער פערוויילונג פון קליינע יונגעלעך, וועלכע האָבען מיט דינע שטעקעלעך געשטופּט רייפען מיט גלעקלעך. די רייפען האָבען זיך געקוילערט און געקלונגען, די יונגעלעך, אין קורצע טוניקלעך מיט גאָלדענע קייטעלעך אויף די העלזער, פון וועלכע עס האָבען אַראָבגעהאָנגען גאָלדענע קוילען, האָבען שפּרינגענדיג, געיאָגט די רייפען און געלאַכט. די יונגע העפּטערין האָט אויך געלאַכט; מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהרע גרויסע, דערפרעהטע אויגען, האָט זי זיך בעטייליגט אין פערוויילונג. אָ! ווי וואָלט זי געוואָלט שפּרינגען, חאַפּען אַ שטעקעלע און צוזאַמען מיט די קינדער לויפען אין דער בעשאָטענטער זיילען=האַלע נאָך די בלאַנקענדע, קלינגענדע רייפען!... נישט פאַר איהר זענען אָבער געוועזן די לוסטיגע פערוויילונגען, ווי עס איז פאַר איהר נישט געוועזן די קלוגע לעהרע. פּלוצלונג האָט זי דערשפּירט, אַז די פּיס שמערצען איהר פון דעם, וואָס זי איז אַ גאַנצען טאָג געשטאַנען און, אַראָבקוקענדיג זיך אויף דעם מאַרמאָרנעם אויספּלאַסטערונג, האָט זי זיך געזעצט נעבען דער זייל; און וואָס דער טאָג איז נעהנטער צו זיין ענדע געקומען, וואָס שטילער עס איז געוואָרען אין דער זיילען=האַלע און אויף די גאַסען, וואָס זענען געוועזן אַרום איהר, איז זי אויך שטילער און טרויעריגער געוואָרען. איהר דין געשטאַלט, איז ווי קלענער געוואָרען און האָט אויסגעדריקט יסורים. אין די שאָטענס, וועלכע האָבען אָנגעהויבען פערפולען די זיילען=האַלע, זענען גענצליך אויסגעלאָשען געוואָרען די פונקען, מיט וועלכע די זון האָט זי אין דער פריה בעשיט. עס זענען אויך פערשוואונדען געוואָרען איהרע שמייכלען, איהרע בעוועגונגען זענען טויט געוואָרען. זיצענדיג טרויעריג, איינגעשרומפּען, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אָן דעם זייל, איז זי געוועזן נאָר אַ אָרעם, אויסגעדאַרט קינד, נישט וויכטיגדיג. ווי אַזוי זי איז אַראָבגעפאַלען דאָ, אין דער וועלט פון גלאַנץ און הערליכקייט; אַ קינד פון פאָלק, וועלכעם איז פרעמד אין די ערטער, וועלכעם קיינער קען דאָ נישט, וועלכעם איז דאָ נישט צוגעבונדען מיט קיין שום סימפּאַטיע=פאָדעם און געהער זיך דאָ קיינעם גאָר נישט אָן. זי איז אויפגעשטאַנען, און לאַנגזאַם טרעטענדיג, גאַנץ אַנדערש ווי אין דעם פריה און קוקענדיג שטענדיג אונטער זיך, איז זי אַרויס פון דעם שטאָדט=טייל, דורכגעגאַנגען די בריק, אונטער וועלכער דאָס וואַסער פון טייך האָט שטיל גערוישט און זי איז פערשוואונדען געוואָרען אין דעם דיקען, דעמפּיגען

נעבעל, וועלכער האט ארומגענומען די וואהנונגען פון גלות, ארעמקייט, געוויין און קללות.

אמאל, נישט לאנג נאך דעם, ווי מנחם האט אבגעווארפען דעם פראיעקט פון יוסטוס'ן, ער זאל אנגעהמען א שטעלע ביי פלאוויוס'ן, האט דאס יונגע מיידעל, קומענדיג אין דער ויילען־האלע, דערזעהן א אונגעוועהנליכע ערשיינונג. דאס איז געוועזען אין די מיטאג־שטונדען ווען די בעדער אין רוים זענען געוועהנליך פול געוועזען מיט מענשען און רוב איינוואהנער האבען זיך פאר דער היץ בעהאלטען אין די הייזער. די גאסען זענען כמעט לעער געוועזען, אין דער ויילען־האלע זענען געזעסען נאר עטליכע הענדלער און נאר זעלטען איז עמיץ דארט פערביי געגאנגען. די העפטערין איז צו שפעט אין דער ויילען־האלע געקומען, ווייל זי האט זיך פערהאלטען אויף א אנדער ארט, וואו מען האט אויך געקויפט ביי איהר פיעל סחורה. שפעט איז זי געקומען, אבער ווי בריינט, נייגיריג האבען זיך איהרע גרויסע אויגען געעפענט און ווי אונבעוועגליך איז זי געשטאנען, אום זי זאל קענען זיך איינקוקען, וואס דארט ווערט געמאכט און איהר זאל קיינער נישט זעהן! נישט ווייט פון איינגאנג, איז געווארען א הויך געלענ־דער, און אין שפיץ, גלייך מיט די געזימסען פון דאך, זענען עטליכע מענשען געזעסען און געשטאנען. איינער פון זיי, האט די העפטערין אם פריהסטען דערזעהן. ער איז געוועזען א יונגער, הויכער, אין א ווייסער טוניקא און מיט נאקעטע ארעמס איז ער געזעסען אויף דעם העכסטען שטאפעל פון דעם געלענדער און מיט דעם פינזעל, וואס ער האט געהאלטען אין דער האנד, האט ער מיט מאלערייען פול געמאכט א גרויסען שטח צווישען דעם סופיט און די קעפ פון די ויילען. א טייל פון דעם שלאק, וועלכער האט געזאלט, ווי עס האט אויס־געוויזען, ארומנעהמען די האלע מיט א הערליכען קראנץ, איז שוין פערטיג געוועזען. דער טייל איז בעשטאנען פון זאנגען און בלומען, וועלכע האבען זיך געהאלטען אין רעמען פון גריכישע ציקצאקען און געמישט מיט א מענגע געשטאלטען פון קינדער מיט פליגעל, וועלכע האבען געהאט שמייכלענדע, לאכענדע פנים'ער. די ארבייט איז געוועזען אזוי הערליך שעהן, ווי דאס פנים אין די בעוועגונגען פון דעם מאלער אליין. עטליכע אנדערע מענשען, אויך יונגע און פלינקע, האבען איהם צוגעהאלפען אין דער ארבייט, מאכענדיג איהם דערביי לוסטיג מיט זייערע שמועסען. זיי האבען איהם דערלאנגט די פארבען, פערביטען די פינזלען; לייכט האבען זיי געווארפען מיט די הענד און אויף דער וואנד האבען זיי געמאכט די ערשטע ליניעס פון דער

מאַלערײַ; אַראָבלױפֿענדיג עטליכע שטאַפּעל נידריגער, האָבען זײ זיך פֿון װײַטענס אײַנגעקוקט אױף דעם געענדיגטען טײל פֿון דער אַרבײַט; זײ האָבען מיט בעװאונדערונג אױסגעשריען אָדער זײ האָבען בעמערקונגען געמאַכט. אױסגעזעהן האָבען זײ, װי זײַנע שילער און געהילפֿע.

דער מענש איז אַלזאָ אַ מאַלער געװען! און זי האָט דאָך אַזױ מיט איהר גאַנץ הארץ געװאָלט חאָטש אַמאָל זעהן פֿון דער נאָהנט אײַנעם פֿון די, װאָס זײַערע װערק געבען איהר אַזױ פֿיעל פֿערגניגען און מאַכען פֿול איהר קאָפּ מיט געדאַנקען, פֿון װעלכע איהר קאָפּ װערט שװער און טרױעריג יעדעס מאָל, װען זי געהט צוריק אין דער פֿאָרשטאַדט. זי האָט דאַדורך איצט געקוקט מיט נײַגיריגקײַט אױף דעם מאַלער און חאָטש מען האָט זי געלערנט פֿון קינדהײַט אָן צו פֿערהײַליגען נאָר דעם אײנציגען גאָט, האָט זי איהם אין דער טיעפֿעניש פֿון איהרע געדאַנקען גערופֿען „האַלבער=גאָט". אַזױ האָט זי זיך איהם אײַנגעקוקט אױף די איבריגע טעג. אין דער לעצטער צײַט, האָבען שרה'ס אַרבײַטערינס זעהר פֿיעל אַרבײַט געענדיגט, און איהר האָט די גוטע פֿרױ געהײסען פֿערקױפֿען די אַרבײַט. זי איז אַלזאָ געקומען און געקוקט. דער מאַלער האָט איהר אפילו נישט געזעהן, אין דער פֿריה איז ער דאָ אַהער געקומען, אַ לוסטיגער, פֿרישער צוזאַמען מיט זײַנע שילער און פֿערעהרער, גיך איז ער אַרױפֿגעלאָפֿען אױף דעם שפּיץ פֿון געלענדער און דאָרט איז ער שטונדען=לאַנג געבליבע, זײַענדיג פֿערטיעפֿט אין זײַן אַרבײַט און נאָר טײלמאָל האָט ער געלאַכט פֿון דער צופֿריעדענהײַט פֿון זײַנע שילער, אָדער דערפֿרישט זײַן מױל מיט אַ פֿרישער פֿרוכט, װאָס זײַנע שילער האָבען איהם דערלאַנגט. די העפּטערין האָט מיטאָג פֿון אונטער איהר קלײד אַרױסגענומען אַ שטיקעל ברױט מיט קעז און, עסענדיג גיך, האָט זי װידער געקוקט. דאָך האָט אַמאָל נעבען איהר זיך געהערט אַ שרײַענדע שטימע:

— אַרטעמידאָר! אַרטעמידאָר!

אַזױ האָט דעם מאַלער גערופֿען אײנער פֿון זײַנע שילער, אַ דאַרער, הױכער, שעהנער יונגער=מאַן, װעלכער איז אַראָבגעלאָפֿען פֿון דעם געלענדער אױף דער אױספּלאַסטערונג פֿון דער זײַלען=האַלע און מיט אַ אױסגעצױגענער האַנד האָט ער דעם מאַלער געװיזען אַ ליליע, אָדער אַ גירלאַנדע מיט רױזען, װעלכע האָט אונטען אױסגעזעהן צו קלײן. אַרטעמידאָר האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אױסבױגענדיג זיך מיט חן, האָט ער אַראָבגעקוקט. זײַן בליק איז געפֿאַלען אױף

דעם מײדעל, װעלכע איז געװעזען בעדעקט מיט די שעהנע האָפּטען, האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט גאָלדענע האָר און איז געשטאַנען מיט פֿערלעגטע העגד װי בײַ אַ תפלה, קוקענדיג אויף איהם מיט איהרע שװאַרצע אויגען. די שטומע פֿערעהרונג האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקײַט פֿון דעם מאַלער. ער האָט אַ װײַלע געקוקט אויף איהר, נאָר באַלד האָט ער אומגעדרעהט דעם קאָפּ און װידער זיך זײַן אַרבײַט גענומען. דאָס אָרעמע, עלענדע יודישע מײדעל, האָט קײן שום שייכות נישט געקענט האָבען צו דעם גרויסען מאַלער אַרטעמידאָר, װעלכען גאַנץ רוים האָט פֿערגעטערט. און דאָך, צו מאָרגענס, װען ער האָט זײַן פּינזעל אָבגעריסען פֿון אַ פֿערענדיגטען רוימישען אָבגאָט, האָט ער װידער אַראָבגעקוקט און אַ װײַלע האָט ער זײַן בליק פֿערהאַלטען אויף דעם פּנים פֿון מײדעל, װאָס איז געװעזען אויפגעהויבען צו איהם. זי האָט פֿאַר די בליקען נישט אַראָבגעלאָזט די אויגען, בײדע האָבען צו זיך געשמײכעלט. אַ קורצע צײַט דערנאָך איז אַרטעמידאָר געקומען אין דער זײַלען־האַלע נאָר מיט איין שילער. לאַנג האָט ער דאָמאָלס געמאָלט און נאָך דעם, האָט ער אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ און געפֿרעגט:

— װער ביזט דו, מײדעל?

מיט אַ געשטיקטע שטימע האָט דאָס מײדעל געענטפֿערט:

— אַ יודיש קינד בין איך.

אַרטעמידאָר האָט הויך געלאַכט

— װען דו װאָלסט מיר אַנדערש געזאָגט, װאָלט איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָגסט ליגען. די זון פֿון אַזיע האָט אָנגעצונדען אַ פֿײַער אין דײַנע האָר און אויגען.

— די זון פֿון אַזיע האָט נישט אָנגעצונדען קײן פֿײַער אין מײַנע האָר און אויגען. איך בין געבוירען געװאָרען אין רוים!

— אין רוים ביסט דו געבוירען געװאָרען? און, װי יופּיטער לעבט! רוים האָט זיך מיט דיר נישט צו שעהמען. אַביסעל לעבערליך זעהט אויס דאָס לאַטײניש אין דײַן מויל, דערמיט ביזט דו אָבער אָריגינעלער און די רוימער ליבען איצט נאָר זעלטענהײַטען, װי הײסט דו?

— מירטאַלאַ.

— און אויך דער נאָמען איז אַ זעלטענער. װאו װאָהנסט דו?

— אין טראַנסטעװעריום.

— איך האָב רחמנות אויף דיר. מײַן פֿוס האָט זיך נאָך קײן מאָל דאָרט נישט געשטעלט..

נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויף איהר געקוקט און צו זײַן אַרבײַט האָט ער זיך צוריק גענומען. אַ צײַט דערנאָך האָט ער ווידער אַראָבגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגען, צי זי איז נישט אוועקגעגאַנגען. און זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט, קוקענדיג ערגיץ ווײַט מיט איהרע פערחלומ'טע אויגען, מיט די הענד אויף דער ברוסט פערלעגט. אַ בינדעל מיט זון=שטראַהלען, אַרײַנהאַפּענדיג זיך אונטער די געזימסען פון דער האַלע, האָט ווידער אָנגעצונדען פונקען אין איהר קאָפּ און אין די האַפּטען, וועלכע האָבען אַראָבגעהאָנגען פון איהרע אָרעמס. אין די אויגען פון מאַלער האָט זיך געוויזען עפּיס אַ ענטציקונג.

— דײַן אַרבײַט איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

מײַן אַרבײַט — האָט זי געענטפערט און מיט גאוה האָט זי אויפגעוויקעלט אײַן באַנד.

— זעהר שעהנע אַרבײַט! — האָט דער מאַלער אויסגעשריען, אַראָבבויגענדיג זיך מיט זײַן גאַנצען קערפּער — פון וואַנען נעהמסט צו די מוסטערן צו דער אַרבײַט?

— איך אַלײן מאַך שוין לאַנג די מוסטערן; אַ קינסטלערין בין איך...

— אַראַכנע *)! איך מוז פון דער נאָהנט זיך אַײנקוקען דיך און דײַן אַרבײַט!

און מיט דעם פּינזעל אין דער האַנד, איז ער מיט גיכע בעוועגונגען אַראָב פון דעם געלענדער. אין דער זעלבער צײַט, איז אין דער האַלע אָנגעקומען אַ הויכע, רײַך=געקלײַדעטע דאַמע, וועלכע האָט געפיהרט בײַ דער האַנד אַ צעהן=יעהריג יונגעל אין אַ שאַרלאַכטוניקאַ, טונקעל=רויטע סאַנדאַלען און אַ קײַטעל מיט אַ גאָלדענע קויל אויפ'ן האַלז. פון איהרע שוואַרצע צעפּ, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ לײַכטער, וואָלקענדיגער שלײַער אויף איהר ווײַס, מיט זילבער געהאַפּטען קלײד, וועלכעס איז אויף די אָרעמס געווען געשלאָסען מיט קנעפּ פון רובינען. הינטער איהר, אַביסעל אָבגערוקט, איז געגאַנגען אַ דיענער, וועלכער האָט געטראָגען שול=זאַכען, ווי: אַ

---

*) אַראַכנע — אַ שפּין. לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע [ערצעהלונגען וועגען געטער], האָט די טאָכטער פון געטליכען פּורפּור=פאַרבער, אידמאָנ פון קאָלאָפאָן, אַרויסגערופען די געטין אַטענע, איהר לעהרערין, צו אַ קאַמף אין וועבערײַ. די געטין אַטענע האָט זיך דערבײַזערט און צוריסען דאָס שטאָף וואָס זי האָט געמאַכט. אידמאָנאַ האָט זיך דאַן פון פערצווייפלונג אײַפגעהאָנגען און אַטענע האָט איהר פערוואַנדעלט אין אַ שפּין

לענגליך שאבטעל, אין וועלכען עס איז געלעגען פארמעט, טאוולען, גריפלען, א שוואם און א טינט-פאס: דערזעהענדיג די אנקומענדע, האט זיך ארטעמידאר געבוקט מיט אכטונג. זי האט איהם געגריסט פון ווייטענס מיט א פריינדליכען שמייכעל, און דאס קינד האט ארויסגעצויגען די האנד פון דער מוטערס האנד און איז מיט שמחה צוגעלאפען צו דעם מאלער, ארומגעהעמענדיג איהם מיט די הענד. דאס יונגעל איז געוועזען לעבהאפטיג, פלינק און אין זיינע אויגען האט געפינקעלט לעבען און פעהיגקייטען. ער האט דעם מאלער דערצעהלט אז ער קומט פון דער שולע, אין וועלכער זיין מוטער איז אליין געקומען, אום איהם אבצופיהרען אהיים, פון דער שולע, אין וועלכער דער לעהרער קווינטיליאן האט היינט דערצעהלט א שעהנע מעשה פון מאגליוס'ן. וועלכער האט געשטיצט ארעמע, געוועהרט געדריקטע און ער איז אומגעקומען מיט אזא שרעקליכען, אכזריות'דיגען טוידט.

— שטיל זיי, העלווידיום! איבער דיין פלאפלען קען איך נישט בעגריסען אונזער גוטען-פריינד, ארטעמידאר'ן!

די אויסגעציערטע דאמע האט די ווערטער ארויסגעזאגט מיט אזא איידעלקייט, אז איהר שטרענג פנים, האט אנגעהויבען גלאנצען מיט א אויסדרוק פון גוטקייט.

— דיין ווערק, ארטעמידאר, האב איך זיך שוין איינגעקוקט נישט איין מאל, ווען איך בין דא דורכגעגאנגען בעת דו ביסט דא נישט געוועזען. דער נישט-ליעבליכער צעסטיוס וועט איצט דאפעלט שטאלץ זיין מיט זיין זיילען-האלע, ווען דיין האנד וועט זי בעציערען. און ער דארף איצט זעהר א טרייסט. זייט די מפלה, וואס ער האט געהאט אין דער מלחמה אין לאנד יהודה, איז ער זעהר טרויעריג געווארען און ער וויילט זיך שוין נישט אזוי גוט, ווי אין די צייטען פון קייזער נירון, וועלכער האט איהם זעהר געליעבט און געחנפ'עט.

— גאנץ רוים שמועסט פון זיינע מחלוקת'ן מיט זיין פרוי — האט ארטעמידאר געענטפערט — און מען קען זיך אין אמת'ן נישט וואונדערן, וואס די שעהנע פלאוויא ווערט נישט בעפריעדיגט מיט דער בעציהונג צווישען איהר און איהם.

— און וואס איהר בעפריעדיגונג זוכט זי אין עפיס משונה'דיגע אזיאטישע אמונות... — האט די פרוי מיט פעראכטונג געזאגט.

די שווארצע ברעמען פון יונגען מאלער האבען א ציטער געטהון.

— אזיע נעהמט אונז ארום פון אלע זייטען, ווירדיגע פאניא! — האט ער מיט טרויעריגקייט געזאגט — און נאהנט איז אפשר די צייט, ווען מיר וועלען פאלען מיט'ן פנים, ווי די אזיאטען, צו די פיס פון אונזערע הערשער, פאר וועלכע מען וועט טראגען פייער, ווי פאר די מלכים פון די פארטען, אלס סימבאל פון זייער הייליגקייט און מעכטיגקייט. שקלאפענדיגע אונטערטהעניגקייט און אבערגלויבען, דאס זענען די מתנות, וועלכע מיר בעקומען פון דעם מזרח, וועלכען מיר האבען איינגענומען.

— איינגענומען! אבער ווי טהייער האט דאס אונז געקאסט! — האט פאניא געענטפערט מיט ביטערקייט.

ארטעמידאר האט אבער לאנג טרויעריג נישט געקענט זיין. א כאראקטער האט ער געהאט א יונגען, פרישען, אין וועלכען טרויעריגקייט און ערביטערטקייט זענען גיך צושמאלצען געווארען און פון זיי זענען געווארען פרייע שמייכלען.

— די אזיע — האט ער מיט לוסטיגקייט אויסגעשריען - ברענגט אונז דאך אויך טיילמאל וואונדערבארע, בחנ'טע ערשיינונגען. פונקט דאמאלס, ווען דו, ווירדיגע פאניע, ביסט אנגעקומען, האב איך געשמועסט מיט עפיס א יודיש מיידעל, וועלכע האט ווירקליך די שעהנסטע האר און אויגען. אזעלכע האר און אויגען האב איך נאך קיינמאל נישט געזעהן. דערצו איז זי נאך...

זיין בליק האט געזוכט מירטאלא'ן, וועלכע האט זיך געהאט אביסעל אבגערוקט פון זיי און דאך האט זי מיט נייגיריגקייט געהערט, וואס זיי רעדען.

— דו ביסט נאך דא! — האט ער אויסגעשריען — קוק נאר, ווירדיגע פאניא, אויף איהר און אויף איהר ארבייט!

— דאס מיידעל — האט פאניא געענטפערט — זעה איך שוין לאנג און נישט איין מאל האב איך ביי איהר געקויפט האפטען. איך האב אבער נישט געזעהן...

— קוק, קוק מיט אויפמערקזאמקייט! — האט ארטעמידאר געשריען, אויפוויקלענדיג מיט ביידע הענד א ווייסע באנד, וואס איז אין גאנצען געווען מיט בלעטער און בלומען, וועלכע האבען געהאט אזעלכע פארבען און געשטאלטען, וואס נאר א הייסע, שטארקע פאנטאזיע האט זיי געקענט אויסחלום'ען — אראבנע, וועלכע איז אין דער וועבער-קונסט געווען א קאנקורענטין פון דער געטין מינערווא,

קען נישט אויסארבייטען אזעלכע זאכען, ווי די קליינע הענדטלעך...
ווער האט דיך געלערנט צייכנען?

— שמעון, שרה'ס מאן.

— בכן איז איהר לעהרער געוועזן עפּיס א יוד, וועלכער האט געוויס נישט געלערנט קיין קינסטלעריי; און ווי זיי אלע, איז ער אידאי פרעמד אונזער קונסט! ווי גערן וואלט איך דיך געהאט פאר א שילערין!

מירטאלא איז ערשטוינט געווארען פון בעוואונדערונג, האט געציטערט פון שמחה, איז געשטאנען מיט א שמייכעל אויף דעם אפענעם מויל און די שאטענס פון איהרע לאנגע ברעמען האבען זיך אראבגעלאזט אויף איהרע באקען. פלוצלונג האט זי דערהערט ווערטער, וועלכע זענען דורך א פריינדליך פרויען-מויל אויסגעשפראכען געווארען:

— קום אין מיין הויז אריין; איך וועל דיך ווייזען מיין מוטער און מיינע גוטע פריינד, און דו וועסט מיר מוזען דיין געשיכטע דערצעהלען.

— איך האב דיר געזאגט, מירטאלא, אז אלע זעלטענהייטען זענען היינט לייךענשאפטליך געליעבט ביי די רוימער, און דו ביסט א זעלטענהייט!... — האט ארטעמידאר געזאגט מיט א געלעכטער.

און ווענדענדיג זיך צו פאניא'ן האט ער צוגעגעבען:

— צי וועסט דו ערלויבען, ווירדיגע פרוי, אז איך זאל היינט זיין דיין גאסט?

— אז איך בין צו דיר פריינדליך, קענסט דו קיין ספק נישט האבען, און מיין מאן, וועלכער וועט באלד אהיים קומען און אויך מוז ניום, וועלכער וועט היינט אונז בעזוכען, וועלען זיך מיט דיר פרעהען.

דאס קליינע יונגעל, האט זיך דערווייל געשפּיעלט מיט א קליין שעהן הינדטעל, וועלכעס איז געגאנגען נעבען עפּיס א פרוי, וועלכע איז געשטאנען אין דער זיילען-האלע און האט געקויפט פערפומען ביי דעם אלטען יודישען הענדלער. פאניא האט גערופען איהר זוהן און ווענדענדיג זיך ווידער צו מירטאלא'ן, האט זי נאך אמאל געזאגט:

— קום מיט מיר...

מירטאלא האט אויפגעהויבען די אויגען און זיי האבען זיך בעגעגענט מיט די אויגען פון פאניא, וועלכע האבען געהאט א טיעפע

שווארצקייט און דאך זענען זייערע בליקען געווען בחנ'ט. מיט ליעבליכקייט, חן און נייגיריגקייט האט זי געקוקט אויף דעם יודישען מיידעל, וועלכעס איז פלוצלונג בלאס געוואָרען און האט זיך צוריק־גערוקט עטליכע טריט. אַ אונגעהויער גרויסע שמחה וואָלט זי געהאַט, ווען זי וואָלט געקענט אַריינקומען אינוועניג אין די הייזער, אויף וועלכע זי האט אַזוי פיעל מאָל געקוקט מיט בעוואונדערונג און וועגען זייערע איינוואוהנער, האט זי געהאַט אַזוי פיעל מאָל וואונדערבאַרע חלומות. דערצו האט זי געהערט, אַז מוזאָניום וועט אויך דאָרט זיין... זי וועט אלזאָ פון דער נאָהנט זעהן דעם גרויסען מענש און הערען זיינע ווערטער... איינער פון די אדומים איז ער אָבער דאָך! צי מעג זי איבערטרעטען די שוועל פון די הייזער, וועלכע געהערען צו די, וואָס זייערע ברידער האָבען זיי געשאָלטען? וואָס וואָלט מנחם געזאָגט, ווען זי וואָלט אַזוי געטהון? וואָס וואָלט געזאָגט שרה, וואָס איהר עלטסטער זוהן איז ערשט נישט לאַנג אומ־געקומען אין דער מלחמה מיט אדום'ען? וואָס וואָלט געזאָגט שרה'ס מאַן, דער טרויעריגער שמעון, וועלכענס אויפגעשטעלטע, האַרטע ברעמען לויפען זיך צונויף ווען ער הערט דעם נאָמען פון אַ רוימער? וואָס וואָלט געזאָגט יונתן... ווען ער וואָלט צוריקגעקומען און גע־וואָהר געוואָרען, אַז זיין כלה בעזוכט די הייזער פון די, געגען וועלכע ער האט אַזוי בלוטיג געקעמפפט אויף די מויערן פון ירושלים און ענטלויפענדיג פון זייער נקמה'דיגער האַנד, איז ער איצט נע־ונד אין די מדבריות? אַבלאַסע, צוריסענע פון צוויי געפיהלען, האט זי אויפגעהויבען איהרע אויגען, וועלכע זענען פול געוואָרען מיט טרעהרען און האט שוין געוואָלט ענטפערן: „איך וועל נישט געהן מיט דיר, דאַמע!" אַרטעמידאָר האט אָבער לייכט בעריהרט איהר האַנד און האַלב ערנסט האַלב לוסטיג, האט ער געזאָגט:

— קום! האָב נישט מורא! מיר זענען מענשען און פריינדליך צו אַלעם, וואָס מענשליך איז.

זי האט אין אַלעם פערגעסען. טראַנסטיבעריום, מנחם, שרה, שמעון, יונתן, האָבען אויפגעהערט פאַר איהר צו עקזיסטירען. נישט נאָר מיט געהאָרזאַמקייט, אָבער אויך מיט לעבהאַפטיגקייט, מיט שמחה איז זי געגאַנגען מיט פאַניאַ'ן און אַרטעמידאָר'ן. פון זייער געשפרעך איז זי באַלד געוואָהר געוואָרען. אַז זי וועט זיין אין הויז פון פרעטאָר (גרעסטער שופט) אין רוים, העלווידיוס פריסקוס, וואָס זיין נאָמען איז מיט שרעקעניש דערמאָהנט געוואָרען אין טראַנסטיבעריום, די שרעקעניש האט אַודאי געשטאַמט דערפון, וואָס ער איז

געוועזען צווישען די אדומים אַ גרויסער מעכטיגער שר, דען מען האָט קיין מאָל נישט געהערט, אַז ער האָט געוואָלט עמיצען שלעכטס טהון.

און מירטאַלאַ איז זעהר נייגיריג געוועזען צו זעהן, ווי עס זעהט אויס דער מענש, פאַר וועלכען אַלע האָבען אַזוי מורא. זיין פנים — האָט זי זיך געקלערט — מוז אַודאי שרעקליך זיין. די בליקען זיינע זענען געוויס, ווי די בליצען, די הענד — אייזערנע און בעדעקט זענען זיי מיט בלוט־פלעקען און אפשר... איז ער גאָר מעהר ענליך צו אַ לייב, אָדער צו אַ אַדלער, ווי צו אַ מענש? מיט ציטערניש איז זי אַריין אין קאָרידאָר פון הויז, וואָס איבער איהם איז געוועזען אַ אָפענער הימעל און אויף דער אויספלאַסטערונג פון גרויען מאַרמאָר, איז פון פורפור־אותיות געוועזען אַ אויפשריפט: „זייט בעגריסט"!

III.

חאַטש העלווידיוס פריסקוס איז געוועזען אַ גרויסער שר און פאַניאַ האָט געשטאַמט פון סענאַטאָרען, פונדעסטוועגען האָט זייער הויז נישט געהערט צו די רייכסטע אין הערליכסטע אין רוים. די וועגד פון זייער הויז זענען נישט געוועזען געדעקט מיט גאָלד, די בעכערס און שיסלען האָבען נישט געבלאַנקט מיט דימאַנטען, דאָס מעבעל איז נישט געדעקט געוועזען מיט זיידען־שטאָף. עס איז דאָ אויך נישט געוועזען קיין מענגע שקלאַפען פון פערשידענע פעלקער... עס זענען דאָ אויך נישט געמאַכט געוואָרען קיין מאָהלצייטען, אויף וועלכע עס האָבען זיך געוואָלט גיסען גאַנצע טייכען ווייך און מוזיק האָט געוואָלט שפּילען. קיין טענצערינס פון שפּאַניען און מצרים האָבען דאָרט נישט אַרויסגעטרעטען און אויפגעפיהרט זענען נישט געוואָרען אונפערשעמטע פאַנטאָמימען. די אַלע זאַכען, וועלכע האָבען פערפולט די פּאַלאַצען פון די מענשען, וועלכע האָבען מיטגעשטימט מיט דער הערשענדער אָרדנונג און תּוֹן איהר האָבען זיי געצויגען גרויסע עשירות, זענען נישט געפונען געוואָרען אין דעם הויז פון פרעטאָר. אין רוים אין יענער צייט איז אָבער אפילו מיטעלע עשירות אויך זעהר גרויס געוועזען און די אַלטאַנע, וועלכע האָט בעציערט די הינטערשטע טהייל פון דעם פרעטאָר'ס הויז, איז געוועזען זעהר הערליך. זי איז בעשטאַנען פון זיילען פון געלען מאַרמאָר און פון צווישען זיי האָט מען געזעהן גריגס פון גאָרטען און שמעקענדע גע־

וואוקסען, וועלכע האַבען געבליהט אין ווייסע וואַזאָנען. ווען דער פּרעטאָר איז געווען פריי פֿון זיינע בעשעפֿטיגונגען, האָט זיך דאָרט צונויפֿגעקליבען די גאַנצע פֿאַמיליע און דאָרט זענען אויפֿגענומען געוואָרען די ליעבסטע געסט. אין מיטען דער גרויסער אַלטאַנע, אויף דער אויספֿלאַסטערונג פֿון פֿערשיעדען־פֿאַרביגע מאַרמאָר־שטיינער וועלכע זענען געלעגט געווען אין פֿאַסען און פֿיגורען, האָבען לוסטיג געטאַנצט מיליאָנען פֿונקען און רעדעלעך פֿון די זון־שטראַהלען, וועלכע האָבען זיך דאָרט פֿונאַנדער געשיט; אין שאָטען פֿון די קעפּ פֿון די זיילען און הויכע רויזען־בוימער, איז געזעסען אַ קליינע גרופּע מענשען אויף בראָנזענע שטוהלען, וועלכע זענען געווען בעציערט מיט עלעפֿאַנט־ביין. אַרום דעם טיש, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אויף לייבען־פֿיס איז די גרופּע מענשען געזעסען ביי אַ זילבערנע, געשניצטע שיסעל, וואָס איז פֿול געווען מיט פֿרוכטען און ביי בעכערס מיט וויין, וואָס איז געווען געמישט מיט וואַסער און מיט שמעקענדען מעד. אויף דעם וויכטיגסטען, בעקוועמסטען אָרט, אויף אַ שטוהל מיט אַנלעהנען, וועלכער איז געווען געדעקט מיט פּורפּור און האָט געהאַט אַ הויך פֿוסען־בענקעלע, איז געזעסען פֿאַניאַ'ס מוטער, אַריאַ, וועלכע איז שוין אַלט געווען, האָט וועניג גערעדט און געהאַט אַ ווייס פּנים פֿול מיט פֿאַלדען, וואָס איז בעדעקט געווען מיט אַ לאַנגען, לייכטען שלייער. זי איז געווען שטרענג און אָן איהר שווייגענדיג מויל מיט'ן אויסדרוק פֿון איהרע אויגען האָט מען דערקענט, אַז זי האָט פֿיעל טרויעריגעס דורכגעלעבט. מיט דעם אויסדרוק פֿון איהרע אויגען, האָט אויך האַרמאָניזירט איהר קליידונג: טרויער האָט זי שטענדיג געטראַגען.

זייט די לעצטע מחנות פֿון רוימער רעפּובליק איז בעזיעגט געוואָרען, דורכ'ן מיליטער פֿון ערשטען צעזאַר, האָט אַ גרויסע, לאַנגע רייהע פֿון פֿערשווערונגען דורכגעריסען די מלוכה פֿון ניין שפּעטיגערע אַליין־הערשער אין רוים. געוועהנליך איז נישט פֿאַר אַלע מענשען אַ פֿאַקט, וואָס איז שוין געשעהן אַ בעווייז, אַז אַזוי מוז זיין. עס זענען פֿערהאַנען מענשען, ביי וועלכע אַזאַ פֿאַקט ווערט אַ קוועלע פֿון אוצרות און מאַכט, און עס זענען אָבער אויך פֿערהאַנען אַזעלכע, וואָס חאָטש זיי זענען אונמעכטיג, פֿונדעסטוועגען נישט זיי קענען און נישט זיי ווילען זיך צוריקהאַלטען פֿון אַרויסווייזען זייער כעס און שטאַרקער אונצופֿריעדענהייט פֿון דעם פֿאַקט. אַזוי איז געווען זייט מענשען האָבען אָנגעהויבען דענקען, אַזוי איז געווען גאַנצע הונדערט

יאָהר אין רוים בעת צעזאַרען האָבען דאָרט געהערשט, בעת די שטאָדט איז צוריק אויפגעבויט געוואָרען אויף די חורבות פון גלטען, שטאַרקען און פרייען רוים.

צו די, וועלכע ווילען דוקא מיט זייערע שטערענס דורכשלאָגען דעם געשעהענדען פאַקט אין דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג האָבען אויך געהערט אַריאַ'ס פאָטער, פעטוס סעסינאַ, און איהר מאַן טראַזעאוס. איהר פאָטער איז מיט אַ אכזריות'דיגען טויט געהרג'עט געוואָרען דורך דעם צעזאַר קלוידיאוס און איהר מאַן – דורך דעם צעזאַר נירון. אויך אַריאַ'ס מוטער, וועלכע האָט אויך געהייסען אַריאַ, איז געהרג'עט געוואָרען; זי האָט נישט געוואָלט איבערלעבען איהר מאַן און זי האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. דורך די צעזאַרען זענען אויך געהרג'עט געוואָרען פיעל קרובים איהרע, מענער און פרויען, וועלכע זענען געווען די קלוגסטע און די בעסטע אין רוים.

וועגען דעם גורל פון דער פרוי האָבען געשיכטען-שרייבער פערפאַסט טרויעריגע בילדער, פאָעטען האָבען לידער געשריבען און זי אַליין האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט פון צווישען די שאָטענס פון די פיעל געהרג'טע אַראָבגעוואָרפען געוואָרען צווישען מענשען.

ביי איהרע פיס איז געזעסען דער קליינער העלווידיוס וועלכער האַלטענדיג זיין קאָפּ אויף איהרע קניען און אויפהויבענדיג זיין רויטליך פנים צו איהר, האָט ער דערצעהלט זיין באָבע קינדישע מעשיות.

פון הינטער דעם שטוהל, אויף וועלכען פאַניאַ איז געזעסען, האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס יונגע קעפעל פון דעם מיידעל מיט די פייעריגע לאָקען און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט מיט נייגיריגקייט אויף אַלעם און אַלע. מירטאַלאַ איז אָפט געקומען אין דעם הויז, וואו מען האָט געקויפט ביי איהר זעהר פיעל סחורה און עטליכע שטונדען זענען איהר דאָרט פאָראיבער אַזוי גיך, ווי איין מינוט. איהר פערגאַנגענהייט האָט זי דאָ שוין לאַנג דערצעהלט. ווען זי איז דאָרט געווען צום ערשטען מאָל, האָט פאַניאַ זיך מיט איהר בעגאַנגען גנעדיג, אָבער אין איהר גענאָד האָט זיך געשפירט אַביסעל פעראַכטונג, וועלכע אַלע רוימער האָבען געשפירט צו מענשען פון פרעמדע פעלקער, בפרט פון מזרח-פעלקער, וועלכע זענען פרעמד געווען זייער ציוויליזאַציע. איינקוקענדיג זיך דעם שעהנעם געשטאַלט און די העררליכע אויגען פון דעם מיידעל האָט זי געפרעגט:

– צי ביסט דו, מיידעל, ניט אַביסעל אַ גריכישע? דיין פאָטער-

דער דײַן מוטער? אײנס פֿון זײ האָט אפשר פֿון גריכענלאַנד געשטאַמט? דײַן נאָמען קלינגט גריכיש...

מירטאַלאַ האָט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען געענטפֿערט:

— אין גליל, װעלכער איז דער אײגענטום פֿון יודען, איז געבוירען געװאָרען מײַן פֿאָטער און דאָרט איז אויך געבוירען געװאָרען מײַן מוטער. מײַן פֿאָטער איז געװען אַ פֿישער, רוהיג האָט ער אַרײַנגעלאָזט זײַנע נעץ אין די בלויע װאַסערן פֿון טײַכען, נאָר װען דאָט האָט געהערשט דער רוימער פעליקס האָט ער זיך בעטײליגט אין אויפֿשטאַנד און ער איז אָבגעגעבען געװאָרען אַלס שקלאַף אַ געװיסען גריכישען הערר און מיט איהר אײגענעם װילען, איז מײַן מוטער געגאַנגען אין שקלאַפֿענשאַפֿט צוזאַמען מיט מײַן פֿאָטער. דער גריכישער הערר האָט גערן אָנגענומען מײַן מוטער רבקה, װעלכע האָט געקענט גוט װעבען דינעם שטאָף און פֿײַן העפֿטען. אין דעם הויז בין איך געבוירען געװאָרען און דאָרט האָט מען מיר געגעבען דעם נאָמען: מירטאַלאַ.

זי איז אַלזאָ געבוירען געװאָרען אין שקלאַפֿענשאַפֿט. װי אַזוי איז זי געװאָרען אַ פרײַע אײנװאָהנערין פֿון טראַנסטיבעריום? װערענדיג לעבהאַפֿטיגער און דרײסטער, האָט זי דערצעהלט, אַז פֿון שקלאַפֿענשאַפֿט, האָט איהר אויסגעקויפֿט מנחם, װען זי איז אַ יתומה געװאָרען. אַ מגפה האָט געהערשט אין רוים און איהר פֿאָטער איז געשטאָרבען. די נשמה פֿון איהר מוטער, װעלכע האָט שוין לאַנג געבעיקט נאָך פֿרײַהײַט און נאָך די בלויע טײַכען, איז דערנאָך נישט לאַנג געבליבען אין איהר גוף, װעלכער איז דאַ געבליבען. דאַמאָלס האָט מנחם נאָך גרויסער מיה אויסגעקויפֿט איהר, מירטאַלאַ'ן, פֿון דעם גריכישען הערר. און נישט נאָר איהר האָט ער אויסגעקויפֿט; מנחם האָט זײַן גאַנץ פערמעגען געאָפּפֿערט, אום אויסצוקויפֿען יודישע קינדער פֿון שקלאַפֿענשאַפֿט בײַ די אדומים. אַ מאָל איז ער רײַך געװען. דער מעכטיגער אָנפֿיהרער פֿון רוים, פּאָמפּעיוס, װעלכער איז מיט זײַן מיליטער דער ערשטער אָנגעפֿאַלען אויף יהודה, האָט זײַן פֿאָטער אַלס געפֿאַנגענעם געבראַכט קײַן רוים. דאָ איז ער געבליבען אויף דער דיענסט פֿון אַ רײַכען, גרויסען, גוטען הערר, װעלכער האָט איהם בעפֿרײַט און פערשריבען אין זײַן צװאָה אַ גרויס פֿערמעגען. מנחם װעלכער האָט געירש'נט דאָס פֿערמעגען (אַ הויז אויף דער גאַס סובורי און זעהר פֿיל געלד), האָט דאָס געלד נישט בענוצט זיך אַ געשעפֿט צו מאַכען, ער האָט זיך דערמיט נישט געקלײדט שעהן, נישט געמאַכט זיך קײַן מאָהלצײַטען. ער האָט נישט חתונה געהאַט און קײַן אײגענע קינדער

הָאט עֶר קֵיינמָאל נִישט גֶעהַאט. אִין רוים, אִין עֶפֶּעז, אַנטיוכיאַ אונ קאָרִינטאַ, האָט עֶר אויסגֶעזוכט קלֵיינֶע יודִישֶע קִינדעֶר, וואָס זֵייעֶרֶע עֶלטעֶרן זעֶנעֶן געֶשטאַרבעֶן אִין שקלאַפֶענשאַפט אונ פוּן זֵייעֶרֶע העֶררעֶן האָט עֶר זֵיי אויסגֶעקויפט. פִיעל יונגלעֶך אונ מֵיידלעֶך האָט עֶר אויף אַזאַ אופן פרֵייהַייט געֶגעֶבעֶן. אִיצט זעֶנעֶן זֵיי אַלעֶ שוין דעֶרוואַקסעֶנעֶ מעֶנשעֶן. פִיעל פִיהרעֶן געֶשעֶפטעֶן אִין ווַייטעֶ לעֶנדעֶר, אַנדעֶרעֶ זעֶנעֶן צוריק אִין לאַנד יהודה אונ זֵיי בעֶארבַייטעֶן דִי עֶרד; נאָר צווֵיי פוּן זֵיי זעֶנעֶן געֶבלִיבעֶן בַּיי מנחם'ן, ווַייל זֵיי האָט עֶר אַם מעֶהרסטעֶן געֶלִיעבט... זִי אונ יונתן...

אויסרעֶדעֶנדִיג דעֶם נאָמעֶן פוּן יונתן, אִיז זִי פּלוּצלונג פעֶרשטומט געֶוואָרעֶן. זִי האָט גוט געֶוואוסט, פאַר וואָס מעֶן טאָר נִישט דעֶרמאָהנעֶן דעֶם נאָמעֶן פאַר פרעֶמדעֶ, אונ ווערעֶנדִיג דעֶרשראָקעֶן מִיט דעֶם, וואָס זִי האָט דעֶם נאָמעֶן דעֶרמאָהנט דאָ, אִין הויז פוּן אדומים, האָט זִי געֶנומעֶן גִיךְ, גִיךְ דעֶרצעֶהלעֶן ווֶעגעֶן מנחם'ן. פרִיהעֶר אִיז עֶר געֶוועֶן געֶזונד, שטאַרק אונ אָפט אִיז עֶר אויךְ געֶוועֶן לוסטִיג. זַיינעֶ אויגעֶן האָבעֶן געֶבלאַנקט מִיט גוטסקַייט אונ געֶרעֶדט האָט עֶר ווִיצִיג. אִיצט אִיז אָבעֶר גאַנץ אַנדעֶרש. דעֶר אָרעֶמעֶר מנחם אִיז געֶוואָרעֶן דאַר, אַיינגעֶהויקעֶרט, זַיינעֶ באַקעֶן זעֶנעֶן געֶוואָרעֶן געֶל, געֶפאַלדעֶט, דִי שטִימעֶ זַיינעֶ אִיז טֵייל מאָל אַ דעֶרשראָקעֶנעֶ, טֵיילמאָל אַ שטרעֶנגעֶ אונ אַזוי טרויעֶרִיג זעֶנעֶן זַיינעֶ בלִיקעֶן!... עֶר האָט זִיךְ זעֶהר געֶענדעֶרט, זַיין קאָפּ אִיז פוּל מִיט טרויעֶרִיגעֶ געֶדאַנקעֶן אונ כעס האָט זִיךְ בעֶזעֶצט אִין זַיין האַרץ. עֶר בֵּייזעֶרט זִיךְ אָפט, שעֶלט...

אונ אִיהרעֶ אויגעֶן זעֶנעֶן געֶוואָרעֶן פוּל מִיט טרעֶהרעֶן. דִי מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אִין דעֶר אַלטאַנעֶ געֶזעֶסעֶן, האָבעֶן מִיט אויפמעֶרקזאַמקַייט אויסגעֶהעֶרט דִי לעֶבעֶנס-געֶשִיכטעֶ פוּן מנחם'ן, וועֶלכעֶ מִירטאַלאַ האָט דעֶרצעֶהלט. דִי בלִיקעֶן פוּן פאַניאַ, וועֶלכעֶ האָבעֶן אַרומגעֶנומעֶן דאָס יודִישעֶ מֵיידעֶל, האָבעֶן אִין זִיךְ ווֶענִיגעֶר שטאָלצקַייט אונ מעֶהר מִיטלֵייד געֶהאַט; פוּן אַרטעֶמִידאָר'ס רויטעֶ לִיפּעֶן אִיז פעֶרשוואונדעֶן געֶוואָרעֶן דעֶר שמֵייכעֶל, אפילו אַריאַ האָט אויפגעֶהויבעֶן אִיהרעֶ פעֶרגעֶלטעֶ, שוועֶרעֶ ברעֶמעֶן אונ אִיהרעֶ טונקעֶלעֶ אויגעֶן האָבעֶן זִיךְ אָנגעֶצונדעֶן מִיט אַ שטומעֶר מִיטלֵייד, אונ מוזאָניוס האָט געֶפרעֶגט:

— צִי וועֶל אִיךְ נִישט ווִיסעֶן פאַר וואָס דעֶר קעֶרפּעֶר פוּן דעֶם יוד אִיז שוואַך געֶוואָרעֶן אונ זַיין נשמה אִיז פוּל געֶוואָרעֶן מִיט בִּיטעֶרקַייט? עֶר אִיז דאָךְ אַזוי געֶענדעֶרט געֶוואָרעֶן נאָךְ דעֶר שרעֶק-

ליבער מלחמה, אין וועלכע די הויפט־שטאָדט פון אייער לאַנד און אייער בית־מקדש זענען חרוב געוואָרען?

— יאָ, מיין הערר! — האָט שטיל געענטפערט מירטאַלאַ און פערדעקענדיג איהר פנים מיט די הענד, האָט זי אָנגעהויבען הייס צו וויינען. וויינענדיג, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דעם פוסטען־בענקעלע, אויף וועלכען זי איז געזעסען, ווי זי וואָלט געוואָלט שפּרינגען, ענטלויפען פון דאַנען. זי איז אָבער נישט אַוועקגעגאַנגען. אין איהר האַלב־קינדיש האַרץ איז אַ מלחמה געפיהרט געוואָרען. דערצעהלענדיג וועגען מנחם׳ן, האָט זי זיך דערמאָהנט אַלעס, אַלעס, און אויך דאָס, אַז זי דאַרף דאָ נישט זיין. און דאָך איז זי דאָ צוגעשמידט געוואָרען מיט שטאַרקע נייגיריגקייט. עס האָט זי אויך דאָ צוגעשמידט די קלינגענדע שטימע פון אַרטעמידאָר׳ן, וועלכער האָט זיך געווענדעט צו מוזאָניוס׳ען און מיט אַ טרויעריגען, טיעפען בליק האָט ער געפרעגט:

— גרויסער לעהרער! ווי קען דאָס געשעהן, אַז אַלע מאָל און אייביג איז שמחה און טריאומף פון איינע שפּלות און צער פון אַנדערע? ווען איך בין נאָך אַ קינד געוועזען האָב איך געהערט, ווי סענעקע האָט געזאָגט: „איין מענש דאַרף הייליג זיין ביי דעם אַנדערן”. צי זענען נישט קיין מענשען די יודען, וועלכע אונזערע אָנפיהרער האָבען אָבגענומען און וויסט געמאַכט דאָס פאַטערלאַנד? איז דען נישט קיין מענש דער מנחם, וואָס זיין נשמה איז פול געוואָרען מיט ערביטערונג פון אונזער שמחה?

— ריכטיג האָסט דו געזאָגט, אַרטעמידאָר! — האָט פאַניאַ מיט מעהר לעבהאַפטיגקייט, ווי שטענדיג בעשטעטיגט זיינע ווערטער — דער יוד איז אַ גוטער מענש.

פלוצלונג האָבען זיך געעפענט די בלאַסע, אייביג־שווייגענדע ליפּען פון אַריאַ׳ן און אַ טיעפע, געשטיקטע שטימע האָט אַרויסגערעדט פון האַרץ, וועלכעס שרעקליכע אונגליקען האָבען געשטאָכען פיעל מאָל:

— שוין לאַנג, שוין לאַנג זענען אין אונזערע הערצער דער זעלבער כעס און דער זעלבער שמערץ!...

די ווערטער, וועלכע זענען פאַר יעדען פרעמדען אונפערשטענדליך געווען, האָבען דאָ אַלע פערשטאַנען און אין די גרויע אויגען פון מוזאָניוס, האָט זיך אָנגעצונדען אַ בלאַנק, אַ יונגענד־בלאַנק.

— יאָ, זעהר ווירדיגע, און דער זעלבער קאַמפף, וועלכען עס פיהרען איידעלע און שטאָלצע...

– פאַלענדיג ביי איהם אויף העלפט וועג, ווי אָבגעשניטענע זאַנגען און אונטערגעהאַקטע בוימער... – האָט פאַניאַ געענדיגט.

וועמען האָבען זיי געמיינט? וועמען האָט געגלייכט די פרוי פון פרעטאָר, וועלכע איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרען – צו אָבגעשניטענע זאַנגען און אונטערגעהאַקטע בוימער? – מירטאַלאַ האָט דאָס נישט געוואוסט. זי האָט אָבער פערשטאַנען, אַז גרויסע אונגליקען האָבען געהאַט און אפשר האָבען נאָך די איינוואָהנער פון דעם הויז, אין וועלכען עס האָבען זיך געשפּירט טרערען פון אַ אַבלות, וועלכע איז נאָך נישט פערגעסען געוואָרען, אָדער זיפצען צוליעב נישט בערוהיגטע, גרויסע שטרעבונגען.

אָהן שאָטען פון פורכט איז זי איצט אַריינגעקומען אין דעם הויז פון פרעטאָר. זי האָט שוין גוט געקענט דעם רוימישען גרויסען שר און האָט געוואוסט, ווי ער זעהט אויס. זי האָט געציטערט און איז בלאַס געוואָרען, ווען צום ערשטען מאָל איז אַריין אַ דיענער און האָט געמעלדעט, אַז דער העדר קומט אָן. גלייכצייטיג האָט זי דערזעהן דעם פרעטאָר, וועלכער איז געווען נאָך יונג, הויך, גוט געבויט, האָט געהאַט שוואַרצע האָר און מיט גיכע טריט איז ער דורכגעגאַנגען צוויי גרויסע זאַלען, אום ווי אַם גיכסטען צו זיין אין דער זיילען-אַלטאַנע. פון וויטענס האָט זי דערזעהן, אַז זיינע בעוועגונגען זענען געווען לעבהאַפטע, דאָס פנים איז געווען שעהן און שוואַרצע ברעמען האָבען זיך אַראָבגעלאָזט מיט שטרענגקייט אויף זיינע אויגען. באַלד ווען ער איז אַריין אין דער אַלטאַנע און האָט בעגריסט די פערזאַמעלטע, האָט ער פון אונטער דעם מאַנטעל אַרויסגענומען אַ קינדער-שפּיעלצייג: אַ גאָלדענע קויל, וועלכע איז געווען אַרטיסטיש געמאַכט. דער קליינער העלווידיוס איז צוגעשפּרונגען צום פאָטער, וועלכער האָט איהם אויפגעהויבען הויך אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, און דערנאָך האָט ער לאַכענדיג געוואָרפען די גאָלדענע קויל מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער אַלטאַנע און איז פערשוואונדען געוואָרען צווישען די געוואוקסען.

דאָס קינד, אויסשרייענדיג פון שמחה, האָט געיאָגט די קויל. און העלווידיוס פּריסקוס, אַראָבלאָזענדיג פון אָרעם זיין מאַנטעל, האָט זיך געזעצט ביים טיש צווישען דער גרופּע מענשען. ער האָט נישט געהאַט אויף זיך דאָס מלבוש פון דעם גרעסטען שופט, ווייל ער איז געקומען נישט גלייך פון גרעסטען געריכט, נאָר פון באָד, אין וועלכען ער איז אַלע מאָל געגאַנגען, ווען ער האָט געזאָלט געהן אַהיים. אַרויסגעהענדיג פון באָד, איז ער אַריין אין אַ קראָם, וואו

ער האט געקויפט די גאלדענע קויל און דערנאך האט ער זיך אריינגעזעצט אין זיין לעקטיקא, וועלכע עס האבען געטראגען עטליכע פעסטע מענשען און איז געוועזען ארומגענומען מיט פיעל גוטע־פריינד זיינע. איצט, זיצענדיג אין א ווייסע טוניקא, וועלכע איז בעציערט געוועזען מיט שארלאטענע שלאקען, האט ער גענומען צו זיין טויל א בעכער מיט קיהלענדע משקה און מיט בליקען פון גוטסקייט האט ער געקוקט אויף די, וועלכע ער האט געליעבט. באלד איז ער אבער ווידער טרויעריג געווארען און די ברעמען האט ער צונויפגעצויגען, ווען ענטפערנדיג אויף דער פראגע פון מוזאניוס'ן האט ער אנגעהויבען רעדען וועגען דעם בעריהמטען פראצעס פון הערעאס'ן. וואס פאר שלעכטס האט וועמען געטהון דער הערעאס, וועלכער האלט זיך שוין לאנג ווייט פון גאנצען גערויש און בלאנק אין דער שטאדט, פון הויף און דאך איז זיין קאפ אבגעהאקט געווארען אויף א עפענטליכען פלאץ, וועלכער איז בעשטימט געוועזען צו קעפען אויף איהם פערברעכער? הערעאס — א פערברעכער! ער איז דאך געוועזען דער בעסטער מענש אויף דער וועלט און נאר דער פילאזאפיען־סיסטעם, וועלכען ער האט געהאלטען, האט נישט געקענט איינהאלטען זיין היץ און ווייל ער איז געוועזען ווייט פון דער וועלט, האט ער קיין גרענעץ נישט געקענט און ער האט געזאגט דעם אמת, נישט שוינענדיג קיינעם. ער איז צוהיצט געווארען, עפענטליך, אין צירק, קוקענדיג אויף בירוניקא'ן, ווי, זייענדיג בעדעקט מיט טהייערע שטיינער, האט זי ארא‌בגעלאזט איהר קאפ אויף דעם ארעם פון טיטוס'ן — האט ער געשריען צו דעם זוהן פון צעזאר, אז דאס רוימישע פאלק שוינט נאך די פאמיליען־ריינקייט און זיין נשמה ווערט פערדארבען זעהענדיג, ווי טיטוס פיהרט זיך אויף.

זיינע ווערטער זענען אויפגענומען געווארען אויף פערשיעדענע ערטער אין צירק מיט אפלאדיסמענטען. נישט לאנג דערנאך איז אבער דער קאפ פון הערעאס'ן אבגעטיילט געווארען פון זיין קערפער און זיין פערמעגען האט אספסינוס אבגעגעבען אונטער דער פערוואלטונג פון דעם פינאנץ־מיניסטער.

— איך האב אליין געהייסען — האט העלווידיוס געזאגט — אליין האב איך געהייסען די קינדער פון הערעאס, זיי זאלען א פראצעס פיהרען וועגען זייער ירושה און איידער ביידע צדדים וועלען זיך שטעלען פאר'ן סענאט, וועט דער פרעטאר ארויסגעבען א פסק. געכטען האבען גערעדט מיט מיר די שלוחים פון אספסינוס, וועלכער וויל זיין רויב פון דער האנד נישט ארויסלאזען... היינט האט

מאַרעק רעגולוס, נירונ'ס אַנהענגער דרײַ שטונדען גערעדט מיט ניפּט אין געריכט אויף העראַס'ן, און פּליניוס סעקונדיס האָט פערטײדיגט די קינדער פֿון העראַס.

העלווידיוס איז אַ ווײַלע שטיל געבליבען און האָט אָבגעווישט דעם שווײס, וואָס האָט געפּליסט אויף זײַן שטערן

— זאָג ווײַטער! — האָט פֿאַניאַ געזאָגט.

— זאָג גיכער! — האָט מוזאָניוס גערופען.

— די קינדער פֿון העראַס האָב איך אַנערקענט אַלס גערעכטע — האָט דער פּרעטאָר געענדיגט — איך האָב אַרויסגעגעבען אַ פּסק, אַז די ירושה קומט זײ!

פֿאַניאַ איז בלאַס געוואָרען און דאָך האָט זי מיט שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— גוט האָסט דו געטהון! — האָט זי גערופען — נאָר — האָט זי שטילער געזאָגט — נאָך אײן טראָפּען איז צוגעגאָסען געוואָרען צו דעם בעכער מיט טענות, וואָס אַספּסינוס האָט צו דיר.

די פֿײַערינע אויגען פֿון מוזאָניוס זענען פֿײַכט געוואָרען און די צונויפגעצויגענע ליפּען פֿון אַריאַ'ן האָבען אַ ציטער געטהון און געזאָגט:

— שטענדיג דאָס זעלבע! שטענדיג דאָס זעלבע!

אַ אַנדערט מאָל, באַלד ווען דער פּרעטאָר איז אָנגעקומען אין דער ווילען־אַלטאַנע, איז אַרײַן אַ עלטערע פֿרוי, אַ אויסגעצירטע מיט פּעמדע, געלע האָר אויף דעם קאָפּ, מיט אַ פּנים, וואָס איז אויסגעשמירט געווען מיט זאַלבען, אין אַ קלײַד, וואָס איז געווען בעצירט מיט קינסטליכע רויזען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן פּונקט ווי נאַטירליכע און פּונקט ווי נאַטירליכע האָבען זײ געשמעקט. די פֿרוי האָט געהײסען קײַאַ מאַרציאַ, פֿאַניאַ'ס אַ קרובה, אײנע פֿון די פֿיעל פֿרויען אין רוים, וועלכע האָבען פֿריהער פֿערבראַכט זײער לעבען מיט ליבעס און אויף דער עלטער האָבען זײ זיך געצירט און געפּוצט, זענען געווען אויף אַלע גרויסע בעלער און פֿאָרשטעלונגען, און אַם מעהרסטען האָבען זײ זיך בעשעפטיגט מיט צונויפקלויבען און פֿונאַנדערשפּרײטען פֿערשידענע ידיעות וועגען אַלעם און אַלע. פֿון דער פֿריה ביז שפּעט אין אָבענד זענען זײ געווען אויף די גאַסען, אויף פּלעצער אין ווילען־האַלעס און גערטנער, אין טעמפּלען און בעדער, אין קאָרידאָרען און עס־צימערן, בײַ געוועהנליכע בעלי־מלאכות און בײַ שקלאַפען פֿון רײַכע הײַזער, בײַ די גרעסטע שרים, — אַלע האָבען זײ געקענט און מיט אַלע האָבען זײ גערעדט. זײ האָבען פֿון אַלעם געוואוסט פֿריהער פֿון אַנדערע און דאָס, וואָס

זיי האָבען געוואוסט, האָבען זיי פונאַנדערגעטראָגען זעהר גיך אין דער גרויסער שטאָדט, נאָך גיכער פון דעם קייזערס שלוחים, וועלכע זענען אַרומגעריטען אויף די וועגען. זעהר גיך, לייכט, ווי זי וואָלט מיט פליגעל געפלויגען איז קייאַ אַריין אין דער זיילען־אַלטאַנע, צוטוליענדיג אַ קליין הינדטעל צו איהר ברוסט, שרייענדיג:

— איך בעגריס אייך, גרוים לייט! זיי בעגריסט, פרעטאָר! פאַרביינעהענדיג, האָב איך דערזעהן, ווי דו געהסט אַרויס פון דער לעקטיקאַ! דו קומסט אַלזאָ פון געריכט, וואו דו האָסט געוויס נאָך נישט געהערט פון דער היינטיגער וויכטיגער נייעס! די פאָריגע נאַכט איז דאָמיציאַ לאָנגינאַ פערשוואונדען געוואָרען פון איהר מאַנס הויז, פון עליום לאַמיאַס הויז! דאָמיציאַן, דער יונגערער זוהן פון צעזאַר (זאָלען איהם די געטער אונשטערבליך מאַכען!) האָט זי געחאַפּט אין זיין הויז אַריין און האַלט זי דאָרט! וואָס זאָגסטו דו צו דעם, פרעטאָר? דער אָרעמער לאַמיאַ! איך האָב אָבער קיין מיטלייד נישט מיט דעם בלינדען. איך האָב איהם געוואָרענט פאַראויס און ער האָט מיר געזאָגט מיט געלעכטער: „אין יעדער יונגער און שעהנער פרוי, זעהסט דו, מאַרציאַ, נאָר זיך זעלבסט; דו מוזט אָבער וויסען, אַז מיין דאָמיציאַ איז צו דיר גאָר נישט ענליך!” זיין דאָמיציאַ! — אָט געהער זי שוין נישט צו איהם, נאָר צו דעם יונגען דאָמיציאַן! וואָס וועט ער איצט טהון, דער בלינדער? פיהרען אַ קאַמפף מיט דאָמיציאַנען, וואָלט איך איהם נישט געהייסען. פאַר די קאַפּריזען פון דעם יונגען מאַן, וואָס הויבט שוין אָן קאַהל צו ווערען, מוז אָבטרעטען דער אַלטער אַספּסינוס און אַפילו דער שעהנער טיטוס אויך; איצט זאָגט מען, עקשנ'ט ער זיך, מען זאָל איהם אַרויסשיקען אויף אַ מלחמה מיט די אַללאַנען. מיר וועלען דאָך האָבען אַ מלחמה. נישט אומזיסט איז דאָך אין סיציליע אַראָבגעפאַלען אַ רעגען, אַ רויטער און אין ווייען איז געבוירען געוואָרען אַ חזיר'ל מיט נעגעל פון אַ רויב־פויגעל! אונגליקען הענגען איבער רוים. און דו, פרעטאָר, זיי פאָרזיכטיג. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט זעהר בעליידיגט די געטער מיט דעם פסק, וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבען אין דעם משפט פון הערמאס'עס קינדער: פאַר צוויי טעג האָט עמיץ ביי דעם טיש פון אַספּסינוס פלוצלונג אַ פרעג געטהון: פאַר וואָס ווייזט זיך קיינמאָל נישט די שעהנע פאַניאַ אויף די הויף־פערזאַמלונגען? מען זאָגט אַז דער קייזער וועט אַרויסגעבען אַ בעפעהל אַרויסצוטרייבען אַלע פילאָזאָפען פון רוים. צעסטיום גיט אַ גט זיין פרוי, פלאַוויע, וועלכע יודען האָבען אויסגעלערנט פערגעטערן אַ אייזעל־קאָפּ, אָדער אַ קאָפּ פון אַ באָק. האָט

איהר געהערט פון דעם זעהר טהייערן פינגערל, וואס טיטוס האט געבראכט פאר בירעניקא'ס וועגען פון מזרח? קיין שום רוימישע פרוי האט נאך קיין מאל נישט געהאט אזעלכע טהייערע ציערונג, ווי די ציערונג, מיט וועלכע טיטוס בעציערט זיין יודישע בעליעבטע.

רעדענדיג, האט זי אויסגעלעגערט בעכערס מיט וויין אין איהר מויל אריין און בעשיטענדיג דעם פרעטא'ס פאמיליע מיט הערצליכע ווערטער, איז זי גיך ענטלאפען אנדערשוואו ריידען און טרינקען, נישט וויסענדיג, אז זי לאזט איבער פנימ'ער, וועלכע זענען בלאס געווארען פון טרויעריגקייט און פון כעס.

— א יופיטער, גאט פון נקמה! נישט נאר לאמיא'ן האט דאך דאמיציאן בעליידיגט, בעשמוצענדיג דאס פאמיליען-לעבען פון איינעם פון די רוימער בירגער! צי קען שוין קיינער אין זיין אייגען הויז נישט זיכער זיין, אז דעם צעזאר'ס זוהן זאל איהם נישט בעפאלען? די צענז רען, די אלטע וועכטער פון דער ארדנונג אין רוים וואלטען איצט געהאט זעהר פיעל צו טהון, ווען... ווען זיי וואלטען נאך עקזיסטירט! אבער וואס איז דען נאך געבליבען אין רוים פון דעם, וואס האט פריהער געפלעגט צו זיין? וואו איז די זעלבסט שטענדיג-קייט און די שטאלצקייט פון דעם סענאט, וועלכער האט נ ר זעלטען די דרייסטקייט צו זיין, ווי א ווידער-קול פון דער פערגאנגענהייט! וואו איז דער כבוד און די מאכט פון די קאנסולען, וועלכע זענען היינט גאר נישט ענהליך צו די אמאליגע? וואו זענען די פאלקס-רעדנער, וועלכע האבען מיט זייערע רעדען און מיט זייער פערשטאנד געשיצט די רעכט פון פאלק און גלייכצייטיג האבען זיי נישט דערלאזט, אז דאס פאלק זאל ווערען פערשקלאפט און זארגען שטענדיג נאר פאר די בויך-אינטערעסען? די אלע פערזיכערונגען פון רוים'ס שוץ און כבוד, זענען צונויפגענומען געווארען אין איין האנד און ליעגען אויף איין קאפ...

— אונגליקליכער, בעליידיגטער לאמיא!

— דאמיציא לאנגינא האט ביז איצט טריי און עהרליך געליעבט איהר מאן.

— יא! — האט העלווידיוס אויסגעשריען, נאר וואס פאר א ליעבע און טריייהייט קענען קעמפפען געגען דעם שלאס פון צעזאר?

— זיין פונדאמענט איז דער המון, וועלכער ווערט פערדארבען דורך די גרויסע נדבות, וואס ווערען איהם געגעבען און דורך דעם שגעון פון פערוויילונגען און זיין שוץ-מויער זענען שווערטען

און שפּיזען פֿון די סאָלדאַטען — האָט מוזאַניוס געזאָגט.

דערנאָך האָט מען געשמועסט פֿון דעם שווינדעל־פּראָצעס, וואָס סעטיוס האַר, דאָמיציאַנ'ס גוטער־פֿריינד האָט געפֿיהרט געגען פֿאָליאַ אַרגענטאַריאַ, דער אלמנה פֿון פּאָעט לוציאַן, וועלכער איז דורך נירונ'ען פֿערמשפּט געוואָרען צום טוידט, אום פֿון איהר אַ האַלבּ פֿערמעגען אָבצונעהמען. דאָמיציאַ'ן האָט געשוואָרען, אַז זיין גוטער־פֿריינד וועט מנצח זיין און רייך ווערען פֿון דעם פּראָצעס, וועלכער וועט קירצליך פֿאָרקומען פֿאַר דעם פּרעטאָר.

— וויעדער העלווידיוס... — האָט פֿאַניאַ אויסגעשריען און איז פּלוצלונג פֿערשוויגען געוואָרען.

די אַלטע אַריאַ, וועלכע איז געזעסען שטייף אויף איהר שטוהל אין איהרע טרויער־קליידער, האָט עפּיס געריהרט מיט איהרע פֿערוועלקטע ליפּען און געשעפּטשעט:

— שטענדיג דאָס זעלבע! שטענדיג דאָס זעלבע!

דער שמועס, וועלכער איז געווען פֿול מיט כּעס איז געמישט געוואָרען מיט קינדיש געלעכטער, וועלכעס איז אָנגעקומען פֿון גאָרטען. דער קליינער העלווידיוס האָט זיך געוויילט מיט דעם באַל, וועלכער איז געפֿלויגען אין דער לופֿט און דערנאָך געפֿאַלען אויף דעם גראָז.

מירטאַלאַ האָט זיך שוין נישט בעהאַלטען אונטער פֿאַניאַ'ס שטוהל, נאָר זעצענדיג זיך נעבען דער זיילען־אַלטאַנע אויף דעם גראָז, האָט זי מיט פֿונקענדע אויגען געקוקט אויף דער פֿערוויילונג פֿון דעם קינד.

— קום! — האָט אַמאָל דער קליינער העלווידיוס געשריען צו איהר — קום וועל איך דיר ווייזען, ווי דו זאָלסט זיך שפּיעלען!

פֿון דאַמאָלס אָן האָט זי זיך בעטייליגט אין דעם שפּיעלען, וועלכען זי האָט זיך אַזוי לאַנג איינגעקוקט מיט קנאה, שטעהענדיג אין דער זיילען־האַלע. מיט דעם ווילדען יונגעל איז זי געלאָפֿען נאָך דעם מעשענעם ראָד, וועלכעס האָט זיך געקאַטשעט, קלינגענדיג מיט גלעקלעך, אויף די שטעגען, אָדער אויף דעם גראָז פֿון גאָרטען. מיט אַ אויפֿגעהויבענעם קאָפּ האָט זי אויסגעצויגען די הענד צו חאַפּען די האַלבּע לבנה, וואָס דאָס יונגעל האָט געוואָרפֿען אין דער הויך. די פֿרישע, שמעקענדע לופֿט פֿון גאָרטען, וועלכע איז גאָר נישט עהנליך געווען צו דער לופֿט פֿון טראַנסטיבעריום, האָט ברייטער געמאַכט איהר דאַרע ברוסט און די בּלאַסקייט פֿון איהר פּנים האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ רויטליכען פֿלאַם. איהר מויל האָט געשמיי־

בעלט. די אויגען האבען געבלאנקט מיט גליק; זי האט אויסגעזעהן, ווי א קינד וואס דארף נויטהיג צו אטהעמען ברייט מיט פרייהייט און גליק, ווי א פויגעל, וואס איז ארויסגעלאזט געווארען פון דער שטייג אין זיינע פליגעל האבען אזש געציטערט פון שטארקען חשק צו פליהען. העלווידיום און פאניא, וועלכע זענען געשטאנען צווישען די געלע זיילען פון דער אלטאנע האבען מיט א שמייכעל געקוקט אויף דער פערוויילונג פון זייער איינציגען זוהן מיט דער פרעמדע, בחנ'טע מיידעל. מיט אויגען פון א מאלער האט אויף איהר געקוקט ארטעמידאר, און א ווײלע דערנאך האלטענדיג מירטאלא'ם האנד אין זיין האנד, האט ער זי ארומגעפיהרט אין דעם פרעטאר'ס הויז, ווי זענדיג איהר און ערקלערענדיג די קונסט-ווערק, וועלכע זנען דארט געווען. אין דעם עס-זאל האבען זיי זיך געשטעלט פאר א גרויסען בילד, וועלכעם האט בעדעקט די גאנצע וואנד און אויף איהם האט מען געזעהן, ווי אויף זעהר א שעהן ארט, אויף א ברעג פון ים, אין א גרינ וועלדעל, שפיעלט זיך די בחנ'טע און פאעטישע פרינצעסין נוזיקא מיט איהרע חבר'טעס. ארטעמידאר האט מיט די ווערטער פון דעם פאעט האמער איבערגעגעבען איהר די געשיכטע פון דער פרינצעסין און מירטאלא האט מיט צוהיצטע בליקען זיך גוט איינגעהערט, וואס ער דערצעהלט איהר.

— דו ביסט ערנליך צו איהר — האט ער געזאגט — ווייסט דו ווער עס האט דאס בילד געמאלט? א פרוי, יאיא פון קריזיקאס, די בעריהמטע מאלערין, וועלכע די גאנצע גריכישע און רוימישע וועלט האט פערגעטערט אין די צייטען פון אויגוסט. דו וואלסט אויך א מאל געקענט מאכען אזא בילד. — דאס פנים פון מירטאלא איז בעדעקט געווארען מיט א אויסדרוק פון טרויעריגקייט.

— קיינמאל וואלט איך אזא בילד נישט געמאכט! — האט זי געענטפערט — די רעליגיע פון אונזערע עלטערן ערלויבט אונז נישט צו מאכען בילדער!

— אזוי? האט איהר אין אייערע הייזער נישט קיין בילד?

מירטאלא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אדם צייבען, אז עס געפינען זיך טאקי נישט ביי יודען קיין בילדער.

— נישט קיין געמאלטע און נישט קיין געשניצטע?

— ניין!

— און אייער רעליגיע פערווערט אייך צו האלטען ביי זיך בילדער? ווי בארבאריש איז דאס!...

ער האט געלאכט. א גרעק איז ער געווען געבוירען און ערצויגען איז ער געוואָרען אין רוים, וואו די גאסען זענען בעציערט געווען מיט דרייסיג טויזענד קונסט-ווערק פון מארמאר, בראנז, גאלד און עלעפאנט-ביין, וואו די טעמפלען, טעאטערן און הייזער זענען פול געווען מיט בילדער פון שטיינער און מעטאל, און ער אליין האט געמאלט בלומען, פויגעל, קינדער, פנים'ער פון יונגע מענשען און אלעם, וואס אויף דער וועלט איז געווען פריהליגג, פריש, בליהענד — און איצט הערט ער פלוצלונג, אז עס איז פערהאנען א פאלק וועלכעס האט א רעליגיע, וואס פערוועהרט איהם צו האבען בילדער! ער איז געשטאנען און האט געלאכט פון דעם טרויעריגען פאלק, וועלכעס האלט פאר א זינד דאס, וואס ביי איהם איז געווען פליגעל פון געדאנק, פונקען פון הארץ, די הערליכסטע בעציערונג און פערגניגען אין לעבען. פלוצלונג האט ער אויפגעהערט צו לאכען.

— וואס ביסט דו אזוי טרויעריג, מירטאלא? — האט ער געפרעגט.

ערשט איצט האט ער דערזעהן, ווי זי האט זיך געענדערט זייט ער האט זי דאס ערשטע מאל געזעהן אין דער זיילען-האלע. די רויטליבקייט, וואס זי האט געהאט אויפ'ן פנים איז פערשוואונדיג געווארען. זיי זענען איצט געשטאנען אין מיט א גרויסען זאל, אין וועלכען די טאג-ליכטיגקייט איז אריין, נאר דורך א פיער-קאנטיג פענסטער אין דאך, וועלכער האט זיך געהאלטען אויף עטליכע זיילען. דורך דעם פענסטער האט זיך אבגעשפיגעלט א שטיק בלויער הימעל אין וואסער, וועלכעס האט זיך געהאלטען אין א גרויסען מארמאר-וואזאן און אין איהם האבען געשוואומען גאלדענע און העל-בלויע פישלעך. ארום דעם וואסער האבען געוואקסען אין וואזאנען בלומען מיט ברייטע בלעטער און עטליכע שטיינבילדער פון קינדער מיט פליגעל האבען זיך ארויסגערוקט פון זיי. א בינדעל מיט שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זון האט זיך אריינגעשטופט ווי א סלופ דורך דעם פענסטער און הינטער איהם איז געשטאנען דאס מיידעל מיט אראבגעלאזטע הענד אין דעם אב-געשאסענעם קליידעל, וועלכעס איז געווען ארומגענומען מיט א העלען, געהאפטענעם גירטעל. איהרע דארע בעקלעך זענען נאך דארער געווארען, איהר פנים איז בעדעקט געווארען מיט א אויסדרוק פון ליידען און אין די ברייט-אפענע אויגען האט זיך געזעהן די טרויעריגקייט פון דעם פאלק, וועלכעס ליידט גלות.

ווי זי איז געקומען אין דער זיילען=האלע פליגק און לוסטיג אזוי איז זי ארוים טרויעריג, לאנגזאם, פון דעם פרעטאר'ס הויז, וועלכעס איז געוועזען אין איהרע אויגען, ווי א גן=עדן. איהר קאפ איז געוועזען פול מיט משונה'דיגע געדאנקען און דמיונות. אין איהרע געדאנקען האבען זיך געשטעלט פנים'ער און בילדער, וועלכע זי האט איצט געזעהן און האט נישט געוואוסט, צי זי וועט זיי נאך א מאל זעהן; ווי פונקען האבען געבלאנקט אין איהרע אויגען די רובינען, וועלכע האבען בעציערט דעם זילבערנעם שלייער און די שווארצע האר פון פאניא'ן; לאנגזאם האט זיך פאר איהר ארויסגע־רוקט דאס טראגישע פנים פון אריא'ן; די פלינקע נויזיקא האט זי געזעהן אין איהרע געדאנקען, לויפענדיג אויף דעם ברעג פון ים; קינדער=בילדער מיט פליגלען האבען זיך געשפיעלט מיט גאלדענע באלען; רייהען פון געלע זיילען האבען געבלאנקט אין דער זון, ווי פייערינגע סלופעם; אין קריסטאל=וואסער האט זיך געזעהן דער בלויער־הימעל.

— וואס ביסט דו אזוי טרויעריג, מירטאלא?...

די פראגע איז מיטגעגאנגען מיט איהר און צוזאמען מיט דער פראגע זענען געגאנגען דאס מויל פון וועלכען די פראגע איז ארוים און די פייערינגע שווארצע אויגען, וועלכע זענען פערטיעפט געוועזען אין איהר פנים מיט פריינדליכען מיטגעפיהל; הינטער איהר, פאר איהר, אין דער לופט, אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד איז געגאנגען דאס הויכע געשטאלט אין דער ווייסער טוניקא, מיט א נאקעטען ארם, האלטענדיג אין דער האנד דעם פינזעל. דער פינזעל האט זיך געשמירט און פון אונטער איהם איז ארוים פריהלינג, יוגענד, שמחה. רויזען און ליליען האבען זיך דארט געפלאכטען און האבען געשמעקט, פויגעל האבען געזונגען, פליגעלדיגע קינדער האבען זיך געשפיעלט צווישען גריכישע ציקצאקען...

ווי א קעניג אין לאנד פון שעהנהייט, ווי א זון=שטראהל אין דער פינסטערניש פון איהר יוגענד, איז געוועזען ביי איהר דער פרעמדער יונגער מענש, וועלכער הייסט... ביי דעם עק בריק האט זי זיך אנידערגעשטעלט און, אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל, אויף וועלכען עס האט געבלאנקט נאר איין שטערן, האט זי אויסגעשריען:

— ארטעמידאר!

ער איז געוועזען אזוי וויים און אזוי הויך פון איהר, ווי א שטערן.

פלוצלונג האט זי א ציטער געטהון און האט אנגעהויבען גיך
געהן. פון איהרע דמיונות האט איהר ארויסגעריסען א גרוים גערויש.
זי איז דורכגעגאנגען איינס פון די שמאלע און שמוציגע געסלעך פון
טראנסטיבעריום, אין וועלכען עס איז געוועזן א שענק, וואו עס
האבען זיך שטענדיג געהערט געשרייען און געלעכטערס פון פרויען
און מענער, דאס שפיעלען פון דעם סירישען מוזיק=אינסטרומענט
„סומבוקי", די פייפענדע טענער פון פלעטען און דאס קלינגען פון
די סירישע פויקלען, וועלכע זענען געקלאפט געווארען מיט די הענד
פון סירישע טענצערינס. די שענק איז געוועזן איינע פון די פערוויי=
לונגס=ערטער, וועלכע זענען אם מעהרסטען בעליעבט געוועזן ביי דעם
המון, וועלכער איז בעשטאנען פון לעדיג=געהער, לעקטיקער און
טרעגער, שקלאפען, וועלכע האבען זיך ארויסגעחאפט ווען עס איז
טונקעל געווארען, נאכ'ן זון=אונטערגאנג, פון זייערע העררענס הייזער
און פון יענער זייט טייך זענען זיי דא אהער אנגעקומען. דא זענען
אנגעקומען פיעל קונצען=מאכערס, וועלכע האבען פאר קליינע בעלוי=
נונג געמאכט קונצען, געוויזען דרעסירטע הינד, היהנער, און וועלכע
מען האט געקענט פאראוים דערקענען, וואס אין דער צוקונפט וועט
זיין, העהנער, וועלכע האבען צווישען זיך מלחמות געפיהרט; ביי
די טענער פון „סומבוקי" און פלעטען האבען דא געטאנצט פרויען מיט
געלע פנים'ער און וועלכע האבען געהאט זילבערנע פינגערלעך אויף
די פינגער פון זייערע בארפוסע פיס; ביי דעם פייער האט זיך דא
אונאויפהער געפרעגעלט דאס מאכל, וואס האט אם בעסטען גע=
שמעקט דעם המון פון רוים: ווארשט פון חזיר=פלייש; ביליגער
וויין האט זיך געגאסען פון די פעסער אין קרוגען פון רויטען לעהם;
דא האט מען אויך טיילמאל געזעהן דעם גרויסען וואונדער, וועלכער
האט געצויגען צו זיך דעם המון פון רוים: א גרויסער שטראם מיט
בוימעהל האט זיך געצויגען פון א שטיק פעלז. ווער נאר עס האט
געוואלט, האט געקענט זיך נעהמען דעם בוימעהל, וויפיעל ער
האט חשק געהאט. דער המון האט זיך געשטופט אין דער שענק
אריין מיט פעסלעך, קרוגען און בעכערס אין די הענד, און דער
המון איז געוועזן אזוי גרוים, אז די עדילען (פאליציאנטען), וועלכע
האבען געהיטען דעם ארדנונג און די נאכט=וועכטער, האבען מורא
געהאט צו דעם ארט נאהנט צוצוגעהן.

האלטענדיג זיך אן די ווענד פון די הייזער, ווי א קליינער
פלינקער שאטען, איז מירטאלא דורכגעלאפען דעם מארק. צום ער=
שטען מאל אין לעבען, איז זי אזוי שפעט אבענד געוועזן נעבען

דער שרעקליכער שענק. געוועהנליך איז זי אהיים געגאנגען פריהער, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען. היינט האט זי זיך פערשפעטיגט. לאנג האט זי געענטפערט אויף די פראגען, וואס דער מאליר האט איהר געפרעגט, לאנג האט זי מיט איהם געשמועסט. זי איז זיינציגוויי דרייסטער געווארען און האט איהם דערצעהלט פון איהר קינד יאהרען, וועלכע זי האט פערבראכט אויף דעם פלאכע, דאך פון מנחם׳ס הויז אין דעם שמאלען, שמוציגען געסעל צוזאמען מיט יונתן׳ען, וועלכער איז צוזאמען מיט איהר ערצויגען געווארען און איז געוועזען אזוי גוט צו איהר, האט זי אזוי געליעבט און דערנאך איז ער פלוצלונג געגאנגען שיצען ירושלים. ער איז געגאנגען און נישט צוריקגעקומען. זי האט דערצעהלט איהרע שטילע דמיונות, וועלכע זי האט געהאט נעבען דעם ווערדעל ענגעריע, ווען זי האט דארטהין יעדען טאג געטראגען מנחם׳ען עסענווארג. דערנאך האט זי איהם דערצעהלט, ווי שטארק זי פרעהט זיך, ווען זי ארבייט די האפטען און פון איהר קאפ ציהען זיך ארוים יעדעס מאל נייע מוסטערן; זי האט איהם אויך דערצעהלט, ווי שלעכט איהר איז אין דער שמוציגער דעמפפיגער לופט און ווי זי שרעקט שטענדיג פאר דעם סיריער סילאס, וועלכער האט איהר פאטער און איהר פערפאלגט ער מיט געמיינע ווערטער און תנועות

און איצט הערט זי ווידער די שטימע פון סילאס׳ן! א! די שטימע שלאגט זיך ארוים פון המון, לויפט איהר נאך, קומט צו נעהנטער צו איהר און פערמישט זיך מיט עפיס א אנדערע שטימע, א שטימע פון א פרוי, וועלכע זי האט שוין עפיס אמאל געהערט... די צוויי הייזעריגע שטימען, וועלכע זענען ענהליך צו די קולות פון חיות, יאגען איהר מיט א ווילד געלעכטער. עס לויפען איהר אויך נאך עפיס פים... זי האט שוין זיבער געוואוסט, אז פאר דער שענק האט איהר דערזעהן סילאס, וועלכער איז דאמאלס דארט געוועזען. זי האט גענומען לויפען אזוי גיך, אז עס האט איהר אטהעם פערפעהלט. דער מארק איז געוועזען לעער, די הייזער זענען געוועזען פעסט פערמאכט, אויף די דעכער איז קיינער נישט געוועזען און דארט... דער שרעקליכער טומעל פון דער שענק..

— אין מולך און בליעל, די געטער פון מיינע עלטערן שווער איך! דו וועסט מיר איצט נישט ענטלויפען! איצט וועל איך דיך שוין האפען און אויסשטאפען מיט חזיר־פלייש און האלזען וועל איך דיך...

— זאל איך פריהער אויסהאלזען מיט מיינע נעגעל די פערשאלטענע העפטערין, וועלכע וויל ווערען א דיענסט ביי

דער גרויסער פאַניאַ, אויף מיין אָרט! -- האָט עפּיס אַ פרוי געשריען.

מירטאַלאַ איז זעהר דערשראָקען געווען און דאָך האָט זי דערקענט די שטימע פון דער מצרי'שער פרוי, חראַמיאַ, וועלכע האָט געהאַט אַ שוואַרץ פּנים און איז געווען אַ דינענסט ביי פאַניאַ'ן. אין דעם פּרעטאָר'ס הויז האָט די דינענסט נישט איין מאָל געוואָרפען גיפטיגע בליקען אויף מירטאַלאַ'ן. זי האָט מקנא געווען מירטאַלאַ'ן, ווייל זי איז געווען בעליבט ביי פאַניאַ'ן און זי, חראַמיאַ, האָט מורא געהאַט, אַז פאַניאַ וועט איהר אָבשאַפען און אויף איהר אָרט וועט זי אַננעהמען דאָס יודישע מיידעל פון טראַנסטיבעריום.

— העלף אונז, באַבאַס! — האָט סילאַס געשריען צו איינעם וואָס איז דאַמאָלס אַרויס פון דער שענק — דיינע פּיס זענען לענגער און פלינקער פון מיינע פּיס; ציה אויס דיינע פּיס, באַבאַס און העלף צו מיר און חראַמיאַ'ן פאַנגען די שלאַנג, וואָס איז אַרויסגעקראָכען פון איהר נעסט.

די האַנד פון באַבאַס'ען, וועלכע איז געווען שטאַרק ווי אייזען, איז געפאַלען אויף דעם אָרם פון מירטאַלאַ'ן און דאָס פּנים פון דעם טרעגער, וועלכעס איז בעוואַקסען געווען מיט שוואַרצע האָר, האָט אויף איהר קאָפּ אויסגעאָטהעמט אַ דאַמפּף פון ציבעלעס און וויין. אָן דער צווייטער זייט האָט אָנגעכאַפּט איהר גירטעל דער פלינקער סילאַס און פאַר איהר האָט זיך געשטעלט חראַמיאַ מיט איהרע צופלאָסענע האָר און צוהיצטע אויגען, וועלכע האָט אויסגעצויגען צו איהר פּנים איהרע פערבלוטיגטע פינגער, אויף וועלכע עס האָבען געבלאַנקט זילבערנע פינגערלעך.

— צוקראַץ נישט איהר פּנים, חראַמיאַ — האָט באַבאַס געשריען — איידער מיר וועלען זי אָנקוקען ביי דער ליכטיגקייט פון פייער, וועלכעס ברענט אין דער שענק!...

— פערקעהרט! איך בעשווער דיך אָן אַלע מיינע און דיינע געטער! לאָז אַריין דיינע נעגעל אין איהר פּנים אַזוי פיעל מאָל, וויפיעל אַסען (מטבעות) פערדינענסט עס פערנעהמט מיט איהר פאָטער מנחם יעדען טאָג!...

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ הויכע, שעהנע שטימע:

— פאַר וואָס פאַלט איהר אָן אַ אונשולדיג מיידעל, וועלכעס קען זיך נישט וועהרען? צי זענען די עדילען אויף דער פאָרשטאָדט

בלינד געוואָרען? צי קומען דאָ אַהער קיינמאָל נישט די נאַכטוועכטער? ענטלויפט פון דאַנען! ליידאַקעס! אונפערשעהמטע שפּורים! ענטלויפט, וואָרום איך וועל רופען די וועכטער! נור פריהער נעהמט אָן פון מיין האַנד די מתנות, וועלכע קומען אייך...

זאָגענדיג די ווערטער, האָט ער סילאַס'ן אַ קלאַפּ געטהון אין די פּלייצעס מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז געפאַלען מיט'ן פנים אויף דער ערד; דערנאָך האָט ער זיין האַנד אויסגעצויגען צו דעם הויכען, שטאַרקען באַבאַס'ן, נאָר ער, דערזעהענדיג דעם מענש, וואָס איז אַזוי אונגעריכט אָנגעקומען, איז ער באַלד אָבגעשפּרונגען און שפּרינגענדיג זעהר גיך מיט זיינע לאַנגע, שוואַרצע פיס, איז ער צו דער שענק געלאָפען. אָן דעם לאַנגען, פאַלדענדיגענדען מאַנטעל, וועלכער האָט בעדעקט דאָס הויכע געשטאַלט און אָן דעם צובייזערטען, שטאָלצען פּנים, האָט באַבאַס דערקענט, אַז דער אָנקומענדע איז איינער פון די, וואָס קומען קיינמאָל דאָ אַהער נישט: אַ רוימער פון יענער זייט טיבער, וועלכער האָט געקענט זיין אַ הויך אָנגעשטעלטער בעאַמטער, אָדער אַ רייכער העררר, וועלכען עס איז געפעהרליך געוועזען זיך געגען צו שטעלען. אויך חראָמיאַ האָט דערקענט, אַז דאָס איז אַ רוימער פון יענער זייט טיבער און מיט שרעקעניש איז זי איהם געפאַלען צו די פיס.

— אַרטעמידאָר! ברענג מיך נישט אום, מיך אונגליקליכע! גרויסער העדר! האָב רחמנות אויף מיר! בסוד האָב איך זיך אַרויםגעחאַפּט פון מיין מאַדאַם'ס הויז, אום צו פערברענגען אַ שטונדע מיט מיינע גוטע=פריינד סילאַס'ן און באַבאַס'ן; די פערשאָלטענע מויד וויל אָנקומען אויף מיין שטעלע... די שדים פון גיהנם האָבען מיך געיאָגט, איך זאָל זיך אָן איהר נוקם זיין... גרויסער העדר! האָב אויף מיר רחמנות!...

מיט אַבשיי האָט ער אָוועקגעשטופּט די מצרי'שע פרוי, וועלכע האָט מיט איהר האַלב=נאַקעטען קערפּער ווי אַ שלאַנג אַרומגענומען זיינע פיס און מיט איידעלקייט האָט ער אָנגענומען מירטאַלאַ'ן ביי דער האַנד און זי געפיהרט אין די פינסטערע געסלעך פון דער פאָרשטאָדט.

— וויי מיר דעם וועג צו דיין פאָטערס הויז! אָ, געטער! ווי טרויעריג איז דאָס אָרט! זאָל איך שטאַרבען, אויב איך קען וויסען, ווי אַזוי מענשען קענען וואוינען אין אַ זעלבע האַלצערנע

בוידען! און דאס, וואס איז? א בארג מיט מיסט! א קאלוזשע אין מיטען דער גאס; און דאס געהער צו דער שטאדט רוים;...

— ווי אזוי ביסט דו, מיין העררר, איצט דא אנגעקומען?

— ווען דו ביסט ארוים פון פאניא'ס הויז, בין איך געגאנגען נאך דיר.

— נאך מיר?

די שטילע פראגע איז ערנליך געווען צו א שליובין. ער איז, פערקעהרט, לוסטיג געווען, ווי שטענדיג. עס האט איהם גע־ווילט דער אונגעוועהנליכער פארפאל און זיין געגעבען זיך אויף דעם ארט.

— זייענדיג איצט אויף דער פארשטאדט, פערשטעה איך, פאר וואס דו ביסט שטענדיג טרויעריג. איך האב מיטלייד מיט דיר. טהו אזוי, ווי חראמיא מיינט. בלייב ביי פאניא'ן, וועלבע וועט דיר גערן געבען א שטעלע אין איהר הויז. שעהנהייט און לוסטיגקייט, וועלען דיך דארט ארומנעהמען אין זייערע ארעמס, און איך וועל דארט קומען און לערנען מאלען וועל איך דיך דארט. דו וועסט ווערען א גרויסע קינסטלערין, ווי יאיא פון קריזיקאס...

מירטאלא האט ארויסגערוקט איהר האנד פון זיין האנד און איז געשטאנען, ווי זי וואלט געווען צו דער ערד צוגעוואקסען... אין שאטען האט מען געזעהן ווי איהרע הענד האבען זיך צונויפגע־פלאכטען אויף איהר ברוסט.

— געה אוועק פון דאנען, מיין העררר! – האט זי שטיל געזאגט.

ארטעמידאר האט זיך ארומגעקוקט.

— צי דערפאר זאל איך מוזען אוועקגעהן און דיך אליין דא לאזען אין דעם פינסטערן לאך, ווייל איך הער ווידער עפים טריט פון מענשען, וועלכע יאגען דיך? – האט ער געפרעגט מיט געלעכטער.

און טאקי איז עמיצער זיי נאכגעגאנגען שוין עטליכע מינוט. דער, וואס איז זיי נאכגעגאנגען, איז געווען א הויכער, דארער און זיין פנים האט זיך בעהאלטען אין דער פינסטערניש און אין שאטען פון די ברייטע ברעגען ביי זיין הוט. ער האט זיי נישט געזאגט, נאר מיט גלייכע טריט איז ער געגאנגען א ביסעל אבגע־דוקט פון זיי

— מיר דאבט זיך – האט ארטעמידאר געזאגט – אז אונז געהט

נאָך עפּיס אַ הולטײַ, מיט וועלכען איך וועל זיך מוזען טרעפען, ווען איך וועל צוריק געהן. חאָטש עס איז פינסטער זעה איך, אַז ער איז אַ אָבגעריסענער און ער פרעהט זיך דערמיט, וואָס ער האָט דאָ אָנגעטראָפען אונגעוועהנליכעס צו רויבען. נאָר דאָס שאַדט נישט! ער וועט פערזוכען דעם טעם פון מײַן פויסט און אויב דאָס וועט נאָך וועניג זײַן פאַר איהם, וועט ער פערזוכען מײַן שטילעט...

אין דער האַנד זײַנער האָט געבלאַנקט אַ שאַרפער שטילעט מיט אַ טהײַערן האַלטער. ער האָט געלאַכט.

— ווען נאָר איך געה אַרוים אײנער אַלײן, אָדער אין געזעלשאַפט פון מײַן העליאַס'ען אַלײן, נעהם איך מיט זיך דעם דאָזיגען שטילעט, כדי איך זאָל מיט מײַן אײגענער האַנד קענען צוהעלפען דער געטין פאָרטונאַ (געטין פון גליק), וועלכע שיצט מיך שטענדיג. הײַנט האָב איך אַוועק געשיקט פון זיך נישט נאָר מײַנע חברים, אָבער אויך העליאַס'ן, מײַן געליבטען העליאַס'ן. איך האָב געוואָלט מיט דיר שמועסען, ווען קײנער וועט נישט הערען, און טאַקי דאַדורך בין איך געגאַנגען נאָך דיר.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו רעדען.

— נו! מירטאַלאַ, וועסט דו טהון, ווי איך הײם דיך? קלער זיך איבער. די קונסט איז אַ בעצויבערט לאַנד, אַ אונגעהויער גרויס לאַנד, וועלכעס איז פול מיט פערגניגען און אַפילו די געטער אַלײן מעגען מקנא זײַן די, וואָס האָבען די זכיה אין דעם לאַנד צו וואהנען. דו וועסט קענען זײַן אַ מלכה אין דער מלוכה. דו וועסט קענען פרײַ זײַן פון דעם נאַרישען גלויבען, וואָס בעטריבט דײַן פאָלק, פון דעם פינסטערן און עלענדען טראַנסטיבעריום, פון די פערפאָלגונגען פון סילאַס'ן און זײַנס גלײַכען... אַ אַנדערער אויף מײַן אָרט, וואָלט דיר געזאָגט, אַז ער וועט דיך מאַכען פאַר זײַן געליבטע... איך וועל דיר אַזוי נישט זאָגען. צו מײַן פאַך געהער נישט אונשולדיגע מײדלעך צו פערפיהרען, איך בין נישט אַ פרומער, אָבער צי זענען דען אין רוים פערהאַנען וועניג אונפערשעהמטע פרויען, וועלכע זענען מיר שוין פערמיאוס'ט געוואָרען? ווען איך קוק אויף דיר, פערשטעה איך בעסער די ווערטער פון מײַן גרויסען לעהרער מוזאָניוס: „עהרליכקײט פון אַ מענש הײסט נישט בעריהרען קײנעם מיט פערדאָרבענקײט און קײנעם בעשײדענהײט נישט בעלײדיגען". דו אינטערעסירסט מיך מעהר, ווי איך האָב פריהער גערעכענט, דו, אויסלענדישע אַראַבנע... אויגען האָסט דו שעהנע: רעדענדיגע

און דיינע ליפּען זעהן אוים, ווי קרעל, וועלכע זענען בעפּרייכט מיט טהוי. נאָר שעהנער פון דיינע אויגען און דיין מויל איז דער שעפונגס פונק, וועלכען אונבעוואוסטע קרעפטען האָבען אריינגעלעגט אין דיין האַרץ. איך וועל פון דעם פונק מאַכען אַ פלאַם. איך וועל פון דיר מאַכען אַ מאַלערין, אויף דער גאַנצער וועלט וועסט דו בעריהמט ווערען, און דאַמאַלס וועלען דיך אַ רומנעהמען אין אַלע זייטען, אַלע מינים פערגניגענסער פון כבוד, עשירות און ליעבע!...

אַרטעמידאָר האָט די ווערטער אַ רויסגעזאָגט מיט היץ, ערנסט. זי האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר איהם און איהרע הענד האָט זי צו איהם אויפגעהויבען, רופענדיג מיט אַ געשטיקטער שטימע:

— אַרטעמידאָר!

אין דעם רופען האָבען זיך געהערט אונענדליכע דאַנקבאַרקייט און זעלטענע פרייד; דאָך האָט זי נאָך אַ ווייַלע געזאָגט מיט ציטערנדע ליפּען:

— געה אַוועק! אָט איז די טהיר פון מנחם'ס הויז. איך וועל דאָך דיך זעהן מאָרגען אין דער זיילען־האַלע. צווישען אייך וועל איך דאָך נישט שטענדיג בלייבען...

זי האָט שטיל, טיעף געשלאָכצט.

— מאָרגען וועל איך דאָך דיך זעהן אין דער זיילען־האַלע, אַרטעמידאָר! געה אַוועק איצט! אָט איז די טהיר פון מנחם'ס הויז. איך וועל דאָך דיך זעהן מאָרגען, מיין העָר!

— בלייב געזונד און קלער דיר איבער, וואָס איך זאָג דיר. קום מאָרגען אין דער זיילען־האַלע. איך וועל דיר ווייזען, ווי אַזוי איך מאָל די פייגעלעך, וועלכע דו האָסט היינט אַזוי בעוואונדערט... קום אין דער זיילען־האַלע...

— איך וועל דיך מאָרגען זעהן, מיין העָר!...

ער איז אַוועקגעגאַנגען און באַלד האָט ער זיך געטראָפען מיט דעם נאַכט־וואַנדערער, וועלכער האָט געטראָגען אויף די פלייצעס אַ טאָרבע און אין דער האַנד — אַ וואַנדער שטעקען. די טאָרבע מיט דעם שטעקען האָט אַרטעמידאָר ערשט איצט דערזעהן און האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין רויבער, נאָר עפּעס אַ רייזענדער, וועלכער זוכט אַ אָרט, וואו צו נעכטיגען. דער פרעמדער איז רוהיג פאַרביי געגאַנגען פאַר דעם רוימער און נאָר זיין פנים האָט ער זיך בעמיהט צו זעהן. דער נאָך איז ער גיכער־

געגאַנגען און ווען מירטאַלאַ האָט שוין געזאָלט עפענען די טהיר, האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד. און גלייכצייטיג האָט ער געזאָגט גיך, שטיל אויף אשורית־כשדית צו איהר געזאָגט:

— ווער ביסט דו, יודיש מיידעל, וואָס פיהרט ביי נאַכט אשמועס מיט אַ פרעמדען יונגען מענש אין דער רוימישער שפּראַך?

ער האָט זיך וואָס אַ מאָל נעהנטער צו איהר צוגערוקט, און פּלוצלינג, אויסגלייבענדיג זיין געשטאַלט, האָט ער מיט אַ פערשטיקטע שטימע אויסגעשריען:

— מירטאַלאַ! מירטאַלאַ!

זי איז גיך אַ ריינגעלאָפען אין הויז אַ ריין און פערשוואונדען ווערענדיג אינוועייניג, האָט זי די טהיר אָפען געלאָזט. דורך דער אָפענער טהיר האָט מען געזעהן אַ קליין, נידריג צימער׳ל מיט האַלצערנע ווענד, וועלכעס איז בעלייכט געווען מיט אַ קליין חלב׳ן לעמפעל, אויף אַ בענקעל נעבען אַ טיש. וואָס איז געווען בעדעקט מיט לאַנגע, שמאָלע שטיקער פאַרמעט, איז מנחם געזעסען איינגעהויקערט, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ העלצעל, מיט וועלכען ער האָט געשריבען. הערענדיג די געשווינדע טריט פון מירטאַלאַ׳ן, וועלכע איז אַ ריין געלאָפען אין צימער, האָט ער אויפגעהויבען זיין פנים מיט זיינע רויטע באַקען.

— דו ביסט דאָס? דו, מירטאַלאַ? פאַר וואָס קומסט דו אַזוי שפּעט?

דאָס מיידעל איז פערשוואונדען געוואָרען אין פינסטערסטען ווינקעלע פון דעם צימערל און אין דער אָפענער טהיר איז געשטאַנען דער רייזענדער מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס, מיט׳ן הוט, וואָס האָט געהאַט ברייטע ברעגען — אויפ׳ן קאָפּ. ווען מנחם האָט דעם אָנגעקומענדען דערזעהן, האָט זיך זיין גאַנצער קערפּער אויסגעגלייכט און אויסגעצויגען. אַ קורצע ווייל איז ער געשטאַנען שטייף מיט ברייט אָפענע אויגען און זיך איינגעקוקט אין דעם אָנגעקומענדען און דער נאָך האָט ער פּלוצלינג אויסגעצויגען זיינע הענד און מיט אַ הויכע שטימע האָט ער אויסגעשריען:

— יונתן!

.IV

יונתן האָט זײַן וואַנדער־שטעקען און זײַן טאָרבע געוואָרפֿען אויף דער ערד און פֿאַלענדיג אויף זײַנע קניען, האָט ער לאַנג געהאַלטען זײַן פּנים פֿערדעקט מיט דעם קלייד פֿון מנחם׳ן, וועלכער, פֿאַלענדיג אויף זײַן בענקעל, האָט ער מיט ציטערנדע הענד אַרומגענומען יונתנ׳ען, מיט זײַנע הענד האָט ער בעריהרט יונתנ׳ס פּנים און אַרעמען און זײַן קאָפּ, וועלכער איז בעדעקט געווען מיט אַ טורבאַן, האָט ער אַרויפֿגעלעגט אויף יונתנ׳ס שוואַרצע האָר. קײַן איין וואָרט איז פֿון זײַן מויל נישט אַרויס; אין שטוב איז שטיל געווען און דעם פֿינסטערסטען ווינקעל איז זיך געלעגען מירטאַלאַ. דאָס קנויטעל אין לעמפּעל האָט געקרעכצט, פֿון טיש איז מיט געריוש אַ ראָבגעפֿאַלען אַ שטיק פּאַרמעט או, ענדליך האָט מנחם מיט אַ געשטיקטער שטימע זעהר שטיל אַרויסגערעדט:

— מײַן זוהן! גבור מײַנער! דו, לויב פֿון פֿאָלק ישראל און פֿון מײַנע יסורים!

— איך לויב און דאַנק גאָט, וועלכער האָט מיר ערלויבט דיך צו זעהן! — האָט יונתן געזאָגט.

— שטעה אויף! ווײַז מיר דײַן פּנים! זאָל איך זעהן, אַז דו ביסט דער זעלבער, וואָס איז פֿאַר פֿיער יאָהר אַוועק געגאַנגען פֿון מיר, אום פֿון זײַן ברוסט צו מאַכען אַ פֿעסטונג פֿאַר אונזער פֿאַטערלאַנד! זאָל איך זעהן, וואָס פֿון דיר האָט געמאַכט די שרעקליכע מלחמה און דײַן וואַנדערונג! שטעה אויף, מײַן זוהן!

יונתן האָט זיך אויפֿגעהויבען, נאָר עטליכע מינוטען האָט ער זיך געוואַקעלט פֿון מידקייט. געווען איז ער אַ הויכער און עס איז קענטיג געווען, אַז ער איז פֿריהער געווען דיק אויך. איצט האָט מען פֿון הינטער זײַן לאַנגע, פֿערבלאָטעטע טוניקאָ, וועלכע האָט איהם געריכט ביז צו די פֿיס מיט די שווערע סאַנדאַלען — אַרויסגעזעהן זײַן אויסגעדאַרטען קערפּער. די ביינער פֿון זײַנע אַרעמען האָבען אַרויסגעשטײַגט; דער האַלז וואָס האָט זיך אַרום־גערוקט פֿון די צוריסענע ברעגען פֿון דער טוניקאַ, איז געווען ביינעריג און די הויט אויף איהם איז געווען שוואַרץ, אַבגעברענט פֿון די היצען. אויך זײַן פּנים איז געווען שוואַרץ, אַבגעברענט און אײַנגעפֿאַסט אין אַ ראַהם פֿון שוואַרצע האָר. די באַקען זײַנע זענען געווען

איינגעפאלען, די ליפען-ווייס, ווי דער פארמעט, וועלכער איז געלעגען אויף מנחם'ס טיש. עס איז קענטיג געוועזן אז דאס געשטאלט און דאס פנים האבען לאנג אהן רחמנות געקערט: הונגער, מיה, קערפערליכע ארבייט און גייסטיגע פערצווייפלונגען, ווינדען, פרעסט און היצען פון דער מדבר. אבער קיין טעג, וועלכע ער האט פערבראכט אין הונגער, קיין פיעל נעכט, אין וועלכע ער האט נישט געשלאפען, קיין שום מיה, קיין שמערצען און יסורים, קיין ווינדען און היצען האבען נישט געקענט פערלעשען דאס פייער, וועלכעס האט געברענט אין דער אויסגעדארטער ברוסט און זיך געוויזען אין די טיעף איינגעפאלענע אויגען, וועלכע זענען געוועזן שווארץ, ווי די נאכט און זענען געוועזן א רומגענומען מיט טונקעלע רעדער און געדיכטע ברעמען. ער האט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט און אויף מנחם'ען האט ער געקוקט, ביז די טרויריגקייט איז אביסעל א ראב פון זיין פנים און דאס טרוקענע פייער פון זיינע אויגען איז אבגעקיהלט געווארען אין טרערען, וועלכע האבען זיך אין זיי געוויזען. אין די טרערען, וועלכע האבען נישט געפליסט אויף די באקען, נאר גלעזעריג געמאכט די אויגען און אין דעם שמייכעל, וועלכעס האט זיך אויף זיינע ליפען געוויזען, האט זיך געוויזען זיין ווייטע, ווייטע פערגאנגענהייט, זיין אונשולדיגע, און אפשר גאר לוסטיגע פערגאנגענהייט, ווען ער איז נאך א קינד געוועזן...

מנחם האט זיין פנים פערדעקט מיט זיינע הענד. זיין דאר געשטאלט, וועלכער איז געוועזן א רומגענומען מיט א דיקען גירטעל און זיין קאפ, וועלכער איז געוועזן בעשאטענט מיט די ברעגען פון זיין טורבאן, האבען זיך געוואקעלט אין אלע זייטען.

— א, ארים, אונגליקליך קינד מיינס! — האט ער אויסגעשריען, צו וואס ביסט דו דא אהער געקומען? צו וואס קומסט דו א ריין צווישען די נעגעל פון רויב-פייגעל? בעסער וואלט דיר געוועזן צו שטארבען פון הונגער אין דער מדבר, אדער אין אלייבען-גרוב ווארטען אויף אישועה' ווי דא געכאפט צו ווערען פון פייגד און אומצוקומען אונטער זייערע הענט, אדער פערברענט צו ווערען אין די פלאמען פון זייער בראנד, איך האב געוואוסט, אז די לעבסט און מיין הארץ האט זיך שטענדיג מיט שרעק געקלערט: ער וועט דא אהער קומען! ער וועט וועלען זעהן מנחם'ען און זיין יונגע בעליעבטע וועט ער קומען! ווען איך —

בין געזעסען דאָרט אין דעם וועלדעל ענגעריע, האָבען מיר די בלעטער פֿון די בוימער איינגערוימט: ער וועט קומען! ווען איך בין איינגעשלאָפֿען, האָב איך געזעהן אַ מלאך מיט שווארצע פֿליגלען, וועלכער האָט געוויינט פֿון רחמנות און מיר איינגערוימט: ער וועט קומען! איך האָב אויפֿגעהויבען די הענד צום הימעל, בעטענדיג גאָט: זאָל ער נישט קומען! און אָט בּיסט דו געקומען, דו בּיסט דאָ און מיט וואָס וועל איך דיך שיצען? מיט וואָס וועל איך דיך פֿערבאָרגען פֿאַר די אויגען פֿון די פֿיינד? מיט וואָס וועל איך דיך וועהרען? איך בּין אָרעם און אונבעקאַנט, קיין שום קראַפֿט האָב איך נישט און זיי וועלען דיך חאַפּען בּיי מיר, ווי אַ רויב-פֿויגעל חאַפּט קליינע טויבעלעך בּיי זייער מוטער!...

יונתן האָט ווידער געשמייכעלט, אָבער עפּעס אַנדערש ווי פֿריהער.

— שרעק נישט, פֿאַטער! — האָט ער געזאָגט — איך האָב דורכגעמאַכט ווייטע וועגען, וועלכע זענען פֿיל געווען מיט מענשען און קיינער האָט מיך נישט דערקענט. אין מלבושים פֿון אדומים קלייד איך זיך און זייער שפּראַך קען איך, ווי זיי...

— אָן פּנים דערקענט מען דיך...

— ווי אַ סטאַדע ציגען, וועלכע ווערען פֿעריאַגט פֿון דעם אָרט, וואו זיי פּאַשען זיך, אַזוי צווייעט זענען יודען איצט אין דער גאנצער רוימישער מלוכה. און אין רוים אַליין וואהנען זעהר פֿיעל יודען...

— דיך זוכט מען... נישט אומזיסט בּיסט דו געווען דער ליעבּסטער פֿריינד און חבר פֿון יוחנן גוש-חלב; נישט אומזיסט האָסט דו אין דער מלחמה בעקומען אַ רוהם פֿון אַ העלד; נישט אומזיסט האָסט דו דערנאָך געהערט צו דעם קליינעם בּיסעל גבורים, וועלכע האָבען זיך פֿערמאַכט אין בית-המקדש, זייענדיג פֿערלאָזט פֿון אַלע, און האָבען געשיצט דאָס הייליגקייט פֿון יודען, בּיז דאָס אונריינע מויל פֿון טיטוס'ן האָט געהייסען אונטער-צונדען אַ פֿייער אין דעם בית-המקדש! צעזאַר אַליין ווייס אויך פֿון דיר, טיטוס געדענקט דיך גוט, די רוימישע סאָלדאַטען געדענקען דיך אויך זעהר גוט...

יונתן האָט אויפֿגעהויבען זיין קאָפּ.

— נו, זאָלען זיי מיך חאַפּען, בּונדען אין הרג'נען, ווי זיי האָבען געהרג'עט אַזוי פֿיעל בּרודער אונזערע, וועלכע זענען בּעסער און איידעלער געווען פֿון מיר!

נאר זעהענדיג, אז דער גאנצער קערפער פון מנחם, האט געציטערט, האט ער לינדערער געזאגט:

— בערוהיג זיך פאטער! אונטער דיין הויז וועל איך פערבלייבען נאר עטליכע טעג. זאלען מיינע אויגען זעהען דיין פנים, וועלכעס איז געוועזען פאר מיר, אין מיינע קינדער־יאהרען, ווי א גנעדיגע זון; זאלען מיינע אויערען הערען דיין שטימע, וועלכע האט מיך געלערנט זיין דאס, וואס איך בין. דערנאך, ווען איך וועל שוין זיך א ביסעל זעטיגען מיט'ן זעהן דיין פנים און הערען דיין שטימע, וועל איך פון דאנען אוועק געהן און קיינער וועט מיך נישט זעהן, ווי קיינער האט מיך נישט געזעהן, ווען איך בין געקומען. איך וועל זיך בעהאלטען אין א ווינקעלע אין גליל, וואו עטליכע מיינע גוטע־פריינד האבען זיך בעזעצט אין וואהנען זיכער און וואו קיינער פון מיינע פערפאלגער וועט מיך נישט קענען געפינען. זיי רוהיג! איך וועל זיך בעמיהען, אז דיך זאל נישט טרעפען דאס אונגליק, וואס דיין איידעל, גוט הארץ ציטערט פון שרעק, ווען עס טראכט דערפון!...

בערוהיגענדיג זיך א ביסעל, האט מנחם א ראבגענומען די הענד פון זיין פנים און זוכענדיג עמעצען מיט זיינע בליקען אין די ווינקעלעך פון דער שטוב, האט ער גערופען: מירטאלא!

הערענדיג דעם נאמען, איז שמעון'ס פנים ווידער געווארען שטרענג און טרויריג. זיינע שווארצע ברעמען האבען זיך צונויפגעצויגען איבער זיינע אויגען, וועלכע האבען האלב־פארשענדיג, האלב־שטרענג געקוקט אויף דעם מיידעל, וואס האט זיך א רוים גערוקט פון פינסטערן ווינקעלע. זי האט זיך אבגעריסען פון דעם ארט, וואו זי איז געלעגען אהן בעוועגונג, ווי זי וואלט געוועזען צוגעוואקסען דערצו און איז א רויסגעגאנגען מיט וואקלענדיגע פיס. עס איז קענטיג געוועזען, אז די סצענע, וועלכע זי האט געזעהן און דער שמועס, וועלכען זי האט געהערט, האבען אויף איהר געמאכט א שטארקען איינדרוק. איהר פנים איז בעגאסען געוועזען מיט א היים רויטליכקייט; איהר אונדרייסטער בליק איז א ראבגעבויגען געווארען צו דער ערד, דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו מנחם'ען, נאכדעם צו יונתנ'ען און בעגעגענדיג זיך מיט זיין פארשענדען בליק, איז ער ווידער געווענדעט געווארען צו דער ערד. דער אויסגעדארטער, עלענדער יונגער מענש מיט די פלאמען אין זיינע אויגען, האט אין איהר ערוועקט א שרעק. מיט א ראבגעלאזטע ברעמען, האט זי געפאלגט מנחם'ען וועלכער

האט זי געהייסען, אז זי זאל באלד געהן צו שמעון'ען און צו שרה'ן, זיי צו דערצעהלען, אז יונתן איז געקומען און זיי צו בעטען, זיי זאלען שיקען עסען פאר דעם טהייערען גאסטס וועגען. שטיל איז זי פון דער שטוב ארויס און שטיל האט זי די טהיר פערמאכט א רויסגעהענדיג.

— אונזערע ברודער וועלען דיך נישט ארויסגעבען — האט מנחם געזאגט נאך מירטאלא'ס ארויסגעהן — זיי אלע ליבען דיך און לויבען דיין נאמען...

מיט צונויפגעצויגענע ברעמען האט יונתן זיך איינגעקוקט אין דעם גרובעל, וואס איז געוועזען נעבען זיינע פיס אויף דער ערד אין צימער, וועלכע איז נישט געוועזען אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער אדער מיט ברעטער.

פאטער! - האט ער שטיל געזאגט — זייט איך בין פון דאנען אוועק, איז מירטאלא אויפגעוואקסען.

מנחם האט אויף זיינע ווערטער נישט געענטפערט; ער איז געוועזען פערטראכט אין דעם געדאנק, וועלכער איז געוועזען דאמאלס אמוויכטיגסטען פאר איהם.

— שמעון — האט מנחם ווייטער געזאגט — דארף דורכאויס היינט וויסען, אז דו ביסט געקומען. ער האט א טרויריג פנים, נאר דער קאפ זיינער איז קלוג און זיין הארץ ליעבט היים זיינע ברודער. אלס גבאי אין דער שול „מועדי אל", וועט ער מארגען צונויפרופען די הייליגע קהלה אונזערע און אויף דער פערזאמלונג וועסט דו דערצעהלען פון די וועגען, אויף וועלכע גאט האט דיך געפיהרט. אזעלכע ערצעהלונגען הערען זיך אפט אין אונזער שוהל, זיי דערהיצען אבגעקיהלטע און טרייסטען די, וועלכע ליידען אממעהרסטען — די וועלכע צווייפלען אין דער ישועה!...

פאטער!... ווען איך בין אוועק געגאנגען פון דאנען, איז זי געוועזען א קליין מיידעל... איצט בליהט זי, ווי א רויז אין יריחו און שולמית פון „שיר השירים" איז נישט שעהנער געוועזען פון איהר!...

— שמעונ'ס פרוי, שרה, איז א חכמה. אין איהר הויז האט זי א נידער געשטעלט צוועלף העפט־רעהמען, ביי וועלכע עס ארבייטען צוועלף מיידלעך און שמעונ'ס הויז האט פון דעם גרויסע פערדינסטען. זיי זענען רייך און אין דער וואנדערונג דיינער, וועלען זיי דיר קענען צו הילף קומען.

— גליקליך זענען די, וועלכע קענען רוהיג, פרעהליך זיך מאַכען א פאַמיליען-נעסט אין איהר אַ ריינפיהרען זייערע געליעבטע!

— איך בין אויך זיכער, אז דער נדבן גאָרגיאַס וועט דיר צו העלפען. ער אַרבייט אוים שמעקענדע זאַלבען און פליסיג-קייטען, וועלכע זיינע געהילפען פערקויפען אין די גאַסען פון רוים. דער ליעבליכער גאָרגיאַס, וועלכער רעכענט זיך פאַר איינעם פון „בית-הלל" וועט אוּדאי עהרען דעם, וועלכער האָט טאַקי פערגאָסען בלוט, אָבער נאָר אום צו שיצען דאָס לאַנד פון אונזערע אבות...

— פאָטער! פאַר וואָס ערלויבסט דו, אַז מירטאַלאַ זאָל איינע אַליין שפּעט אין אָווענד צוריקגעהן פון יענער זייט טיבער? צו וואָס שיקסט דו זי אין דער הייל פון אדום? פאַר וואָס האָסט דו זי געלערנט רעדען די שפּראַך פון אונזערע שונאים?

דאָס מאָל האָט שוין מנחם געמוזט הערען און ענטפערען, ווייל יונתן, זייענדיג איינגעבויגען, האָט שטאַרק אַ ציה געטהון ביי מנחם'ס מלבוש און געקוקט אויף איהם מיט ברענענדע אויגען.

— מיין זוהן! — האָט מנחם געענטפערט מיט גוטקייט — צי אַרבייטען נישט מיר, איך און זי, אויף אונזערע מלבושים, אויף אונזער נאַהרונג? און וואָס וואָלט זי געקענט פערדיענען, ווען איך וואָלט זי געהאַלטען אין טראַנסטיבערים, ווי אַ פויגעל אין דער שטייג און ביי פרעמדע, צווישען וועלכע מיר לעבען, וואָלט זי געווען, ווי אַשטומע?

— וואָלט זי בעסער געשטאָרבען, אָדער שטום געווען אייביג, ווי...

ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען און האָט נישט געענדיגט זיינע ווערטער. ער האָט געקוקט אויף די פאַלבען, וועלכע האָבען בעדעקט מנחם'ס פנים, אויף זיינע ברעמען, וועלכע זענען געווען אַ רומגענומען מיט בלוטיגע רעהמלעך. ער איז שטיל געבליבען, נאָר נאָך אַ ווייַלע האָט ער שטילער געזאָגט:

— פאָטער! איך וועל פון דאַנען נישט געהן אָהן מירטאַלאַ'ן. איך וועל זי מיטנעמען מיט זיך, קיין גליל וועל איך זי פיהרען און דאָרט, אין אַ זיכער ווינקעלע, וועל איך זיך מאַכען אַ אָרים נעסטעל, אין וועלכען איך וועל זי בעהאַלטען פאַר פרעמדע אויגען...

מנחם האָט לאַנג געטראַכט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און נאָך אַ ווייַלע האָט ער געזאָגט:

— מירטאַלאַ, וועלכע איז דיר פערשפּראָכען געוואָרען נאָך ווען

זי איז געווען אַ קינד, איז דײַן כלה. נעהם זי, האָב חתונה מיט איהר און, זאָל גאָטס ברכה רוהען אויף אײַך און אויף דעם דור, וואָס וועט פון אײַך ארויסקומען. איך האָב נאָר מורא...

— דו האָסט מורא, אַז עס זאָל מיר נישט צו שווער זײַן צו ענטלויפען ווען זי וועט זײַן מיט מיר צוזאַמען. זאָל זי בעסער אומקומען מיט מיר צוזאַמען, איידער...

ער האָט ווידער געהערשט איבער זיך און אויפגעהערט צו רעדען. אויף די קנײַטשען פון מנחם׳ס פנים האַבען געפליסט טרערען.

— פער׳יתום׳ט וועל איך זײַן אויף מײַן עלטער, ווי אַ צערערבוים פון וועלכען אַלע צווײַגען זענען אבגעהאַקט געוואָרען...

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זײַן פנים איז רויט געוואָרען און זײַנע אויגען האָבען געשאָסען מיט בליצען.

— גאָט האָט מיר מיט זײַן גנאד געגעבען אַ גרויסע טרײַסט — האָט ער געזאָגט.

זײַן האַרץ איז אַראָבגעפאַלען אויף דעם פּאַרמעט, וואָס איז געלעגען אויף דעם טיש.

מיט דעם פּאַרמעט — האָט ער שטילער געזאָגט — וועל איך מײַנע יאָהרען אויסלעבען... מיט איהם וועל איך דינען די רעכטשאַפענהייט... פון איהם געהען אַרום שטראַהלען, וועלכע וועלען בעלייכטען און וואַרמען די טעג פון מײַן עלטער!...

— דאָס פּאַרמעט איז געווען דײַן בעשעפטיגונג און דײַן גליק, פאָטער, נאָך איידער איך בין פון דאַנען אַוועק געגאַנגען. נאָר וואָס שרײַבסט דו אויף זיי?...

— דאָס וועסט דו געוואָהר ווערען מאָרגען. מאָרגען וועל איך צום ערשטען מאָל ענטדעקען מײַן נשמה פאַר אַ מענשעס אויג און דאָס אויג וועט זײַן דײַנס...

פון מנחם׳ס קלײַן הײַזעל צו דער דירה פון שרה׳ן, וועלכע איז געווען די שעהנסטע אין דער גאַנצער שטאָדט׳ס־טהייל, איז געווען נאָר עטליכע הונדערט טריט. אין דער דירה האָט מען געזעהן, אַז איהר בעזיצער זענען פערמעגליכע מענשען. אין אַ גרויסע שטוב, וועלכע איז בעלײַכט געווען מיט צוויי גרויסע לאָמפּען, זענען געזעסען דרײַ יונגע, הויכע, בלאַסע מיידלעך און האָבען געשפּינען ווײַסע, וואָלענע פעדעם. נישט ווײַט פון זיי זענען געזעסען צוויי עלטערע מאַנספּערזאָנען אין לאַנגע „כתנות" און שווערע טורבאַנען איבער אַ אָפען ספר און האָבען זיך מפלפל געווען. די שפּינערינס זענען געווען שרה׳ס טעכטער, אויף זייערע פנים׳ער האָט גערוהט רוהיגקייט און

אָפּט האָבען זיי געשמייכעלט איינע צו דער אַנדערער. איינער פון די מאַנספּערזאָנען, וועלכע זענען דאָרט געזעססען איז געוועזען גאָרגיאַס, דער רייכער פּאַרפּומען־פאַבריקאַנט, וועלכער האָט געהערט צו בית־הלל; דער צווייטער איז געוועזען שמעון, שרה׳ס מאַן, וועלכער האָט געהערט צו בית־שמאי און איז געוועזען אַ גבאי פון דער שוהל אין טראַנסטיבעריס. ארום די טונקעלע וואַנד פון דער שטוב, זענען געשטאַנען האָלצערנע בענק, טישלעך און קאַסטענס, וועלכע זענען בעדעקט מיט טהייערע דיוואַנען. אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען א זיבען־רעהריגער לייכטער און ארום איהם קריגען, שיסלען און בעכערס פון טהייערען מעטאַל.

אין דער שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָרום די מיידלעך האַבען גע־עדט שטיל, אויך די צוויי מאַנספּערזאָנען האָבען זעהר שטיל געשמועסט און אָפּט האָבען זיי זיך איבערגעהאַקט דעם שמועס נאָר פון איין ווינקעלע, נעבען דעם זילבערנעם לייכטער, האַט זיך געהערט פון צייט צו צייט אַ העכערע יונגע שטימע, וועלכע איז באַלד שטיל געוואָרען, ווען נאָר שמעון האָט דאָרט אַהין אומגעווענדעט זיין פערוואָלקענט פּנים. דאָרט אין דעם ווינקעל, האָט געשמועסט שמעונ׳ס זוהן, וועלכער איז ביי איהם געוועזען אַ איין־איינציגער, נאָכדעם, ווי די רוימער האַבען אין ירושלים דערהרגעט זיין עלטערען זוהן. געשמועסט האָט דער יונגער מאַן מיט דעם זוהן פון גאָרגיאַס׳ן, וועלכער איז געוועזען יונגער פון איהם.

אין דער צווייטער שטוב, וועלכע איז געוועזען גרעסער פון דער ערשטער און איז געוועזען בעלייכט מיט עטליכע לאָמפּען, האָט געהערשט אַ גרוים בעוועגונג. שרה׳ס אַרבייטערינס האָבען דאַמאָלס ערשט אָנגעהויבען אַוועקגעהן פון זייער אַרבייט. די אַרבייטערינס, יונגע און אַלטע, זענען געוועזען ארום געקליידעט מיט דאַרע, פערזאָרגטע פּנים׳ער. צווישען די אַרבייטערינס איז אַרומגעגאַנגען שרה און איינע געלויבט, אַנדערע געמוסר׳ט. איין אַרבייטערין האָט זי געגלעט די דאַרע פלייצעס און געזעגנט, וואָס מאַכט איהר אַלטער זיידע, וועלכער פערקויפט די פּאַרפּומען פון גאָרגיאַס׳ן. אַ אַנדערע, אַלטע פרוי, האָט זי געקושט דעם צוקנייטשטען שטערען און אויסגעשריען:

— די אויגען, די אויגען! וואָס פאַר אויגען האָסט דו, מרים! ווי שעהן האָסט דו היינט אויסגעהאָפטען די בלום!

אַ אַלמנה האָט זי פערשפּראָכען צו שפּייזען איהרע צוויי קינדער אַ גאַנץ יאָהר. אַ יונג, שעהן מיידעל, וועלכע האָט געטראָגען אַ בלאַנקענדען האַלז־באַנד, האָט זי געזאָגט, אַז אויב זי וועט ווייטער מעהר קלערען וועגען האַלז און אָרעם־בענדער, ווי וועגען

דער ארבײט, װעט זי אבגעשאפט װערען. דערבײ האט זי יעדער ארבײטערין בעזונדער אויסגעצאהלט איהר טאג-לויהן. די ארבײטערינס האבען זיך מיט איהר געקושט און דורכגעהענדיג די שטוב, װאו שמעון מיט גארגיאס׳ן זענען געזעסען, זענען זײ אײנציגװײז פערשװאונדען געװארען הינטער דער טהיר.

יאהרען לאנג האט שרה שוין געפיהרט דעם אנשטאלט פון העפטערײ און די פערמעגליכקײט, װעלכע מען האט געזעהן אין איהר הויז, האט געשטאמט נאר פון איהר ארבײט. שמעון, װעלכער האט זיך אמאל געפלעגט בעשעפטיגען מיט שלײפען און אײנפאסען טהײערע שטײנער, האט זיך שוין לאנג מיט זײן ארבײט נישט בעשעפטיגט, נאר ער איז געזעסען און האט געלערנט. זײן קערפער איז געװעזען אין שטוב און זײן נשמה איז געפלויגען װײט אויף מזרח, קײן יבנה, װאו נאך דעם שרעקליכען חורבן זענען געזעסען די גרעסטע יודישע חכמים און געטראכט װעגען דעם, װי מען זאל קענען דערהאלטען אין גלות דאס יודישע פאלק און די יודישע אמונה. און אויך איצט, װען שרה האט געלעגט אין קאסטענס די פערענדיגטע ארבײט, האט שמעון געזאגט צו גארגיאס׳ן מיט התלהבות:

— פון יעדען אות אין אונזער הײליגער תורה, מוז מען ארויסנעהמען גאנצע בערגער מיט דינים, װעלכע יעדער יוד װעט מוזען האלטען. דאס איז די אויפגאבע פון אונזערע הײליגע חכמים, װעלכע זיצען אין יבנה און טראכטען װעגען אונזער צוקונפט. אזוי, גארגיאס! פון יעדען אות גאנצע בערגער מיט דינים! זײ װעלען ארומצוימען אונזער פאלק און אבטהײלען עס פון אנדערע פעלקער. זאל יעדער פון אונז זיך פיהרען מיט אלעם אנדערש פון אנדערע פעלקער און קײנער פון אונז זאל זיך נישט פערמישען מיט זײ, נישט פערזונקען װערען צװישען זײ, װי א טראפען װאסער אין ים. פון יעדען אות גאנצע בערגער מיט דינים! און װער עס װעט נישט װעלען האלטען א דין, זאל ער פערשאלטען זײן! זאל ער אויסגעשלאסען װערען פון לעבעדיגע און זײן גוף מיט זײן נשמה זאלען איבערגעגעבען װערען דעם מלאך המות! דאס איז די אויפגאבע פון בית-דין אין יבנה... דאדורך איז מײן נשמה מעהר דארט, אין יבנה, װי דא....

גארגיאס האט געשאקעלט מיט זײן גרויען קאפ און אויף זײן בלאס פנים האט זיך געװיזען א טרויעריגקײט. נאך א װײלע האט ער אויסגעצויגען זײנע הענד און געזאגט מיט א געשטיקטע שטימע:

— אַ גוֹי איז אַ מאָל געקומען צו הלל'ן און האָט איהם געזאָגט, ער זאָל איהם אויסלערנען די גאַנצע תורה אין דער צייט, וואָס ער וועט קענען שטעהן אויף איין פוס. הלל האָט איהם געזאָגט: „טהו קיינעם נישט דאָס, וואָס דיר איז נישט ליעב". און דו ווילסט, אַז הונדערט יאָהר זאָלען צו וועניג זיין אויף אויסלערנען אונזער תורה!...

— טהו נישט קיינעם דאָס, וואָס דיר איז נישט ליעב! — האָט שמעון איבערגעחזר'ט מיט ביטערקייט — אָ, גאַריאַס! גאַריאַס! און וואָס האָבען אונז געטהון פרעמדע פעלקער?

— זיי האָבען געזינדיגט, זענען זיי זינדיגע! — האָט איהם גאַריאַס געענטפערט — הלל האָט אָבער אויך געזאָגט: „דו זאָלסט נישט משפט'ן קיינעם, ביז דו וועסט זיין אויף זיין אָרט".

— צי קען איך אָבער אַגרעק, אָדער אַ רוימער האַלטען פאַר מיין ברודער, נאָך די שרעקליכע עולות, וואָס זיי האָבען אונז געטהון?

גאַריאַס האָט זיך אויפגעשטעלט.

— שמעון! — האָט גאַריאַס געזאָגט מיט אַ בעטענדער שטימע — הלואי זאָל קיין איינס פון אונזערע קינדער און ברודער נישט זאָגען אַזוי, ווי דו!

— דאָס מויל און דאָס האַרץ פון אונזערע קינדער — האָט שמעון געשריען - וועלען פון דור צו דור איבערחזר'ן מיינע ווערטער. דו און אַלע דיינס גלייבען וועט אָבער מיט דער צייט פערפאַלען ווערען צווישען פרעמדע!

גאַריאַס איז רויט געוואָרען און מיט ציטערנדע ליפען האָט ער געזאָגט:

— איך!.... איך וועל פערפאַלען ווערען!...

באַלד האָט ער אָבער בעהערשט זיין כעס, און אָננעהמענדיג שמעון'ען ביי דער האַנד האָט ער געזאָגט:

— שמעון! פאַר אַ גבאי אין אונזער שוהל האָט דיך אונזער פאָלק געוועהלט און דער, וואָס לאָזט זיך בעהערשען פון כעס, קען דאָס פאָלק נישט לערנען.

שמעון האָט צונויפגעצויגען זיינע געדיכטע ברעמען איבער זיינע ברענענדע אויגען און אַ נידערוצעגדיג זיך, האָט ער זיינע פינגער איינגעזינקען אין זיינע האָר, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען גרוי צו ווערען. שרה, וועלכע איז שוין געוואָהנט געווען צו די מחלוקת'ן צווישען שמעון'ען און גאַרגיאַס'ען און האָט קיין

מאָל זיך אין זיי נישט בעטייליגט – איז אין דער זעלבער מינוט אַריין אין צימער און האָט געבעטען צו אָוועגד. אין מיטען דער שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש פון ציפּרעסען האָלץ, וועלכער איז פול געווען מיט שיסלען און קרוגען, אין וועלכע עם זענען געלעגען קיכלעך, אַרבוזען מיט מילך, פיש, קובען פון מאָהן און האָניג, וויין. באַלד האָבען זיך געזעצט נעבען טיש לערך צוואַנציג פּערזאָן, וועלכע האָבען לוסטיג געשמועסט איינער מיט'ן אַנדערן. נאָר באַלד ווען די פערזאַמעלטע ביים טיש האָבען אָנגעהויבען עסען, האָט זיך די טהיר שטיל געעפענט און אין שטוב איז אַריין מירטאַלאַ, וועלכע איז בעגרוסט געוואָרען מיט הויכע אויסגעשרייען פון די דריי מיידלעך, אַ שמייכעל פון גאַרגיאַס'ען, נייגיריגע, אונדרייסטע בליקען פון די יונגע לייט און מיט אַ קוש פון שרה'ן. זי האָט אַ רומגענומען שרה'ן און לאַנג האָט זי איהר עפּעס איינגערוימט. שרה האָט ברייט געעפענט איהרע קליינע אויגען, זי האָט אין מיטען עפּעס אויסגעשריען, זי איז אַ ווייַלע רויט געוואָרען און באַלד דערנאָך האָט אַ בלאַסקייט איהר פּנים בעדעקט. ווען מירטאַלאַ האָט אויפגעהערט איהר איינצורוימען, האָט זי אַ פּאַטש געטהון מיט איהרע הענד און געריפען:

– הערט איהר! הערט איהר, וואָס דאָס מיידעל דערצעהלט! הערט איהר! יונתן איז געקומען! יונתן איז איצט ביי מנחם'ן! יונתן, וועלכער איז געגאַנגען דאָרט-הין... צוזאַמען מיט מיין חנוך'ן!...

חנוך איז געווען איהר בכור, וועלכער איז אומגעקומען אין דער מלחמה... דאָרט! דערהערענדיג, אַז יונתן איז געקומען, האָט שרה זיך דערמאַהנט אָן איהר ערשטגעבוירענעם זוהן און פערדעקענדיג זיך איהר פּנים מיט די הענד, האָט זי אָנגעהויבען הייס וויינען. דאָס וואָס זי האָט דערצעהלט, האָט אויף אַלע געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. שמעון איז גיך אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט שטיל געזאָגט:

– יונתן... מיין חנוך'ס חבר!

אין זיין טרויריג אויג האָט זיך געוויזען אַ טרער אַלס ענטפער אויף דעם לאַנגען וויינען פון שרה'ן. אין די גוטע, בלויע אויגען פון גאַרגיאַס'ן האָבען זיך אָנגעצונדען פונקען.

– יונתן, דאָס זיסע יונגעל, פון וועלכען די ליעבע צום פאַטערלאַנד האָט געמאַכט אַ לייב!

די צוויי יונגע לייט זענען אויך אויפגעשטאַנען פון זייערע

ערטער און מיט פלאמענדע פנים'ער זענען זיי צוגעגאנגען צו מירטאלא'ן; אויך די מיידלעך האבען אונטער געשפרונגען פון זייערע ערטער, און קלינגענדיג מיט די גלעקלעך, וועלכע זיי האבען געהאט ביי זייערע סאנדאלען, האבען זיי די חבר'טע זייערע ארומגענומען מיט זייערע ארעמען און זי בעווארפען מיט פראגען. שרה, וועלכע האט נאך געוויינט, האט אויך מירטאלא'ן עטליכע פראגען געשטעלט. די יונגע לייט האבען געשריען:

– מיר ווילען איהם זעהן! מיר ווילען איהם הערען!

גאריאס האט זיך אויך אנגערופען; ער האט אויך גערן געוואלט זעהן יונתנ'ען.

שמעון איז אונגערודיג געווארען און האט געשריען:

– זייט שטיל! פרויען, פערמאכט אייערע מיילער! בחורים, געהט אין א זייט! אייערע צונגען זענען, ווי מיהלען און אייערע קעפ, ווי א וויסט פעלד, פון וועלכען דער ווינד פון נייגיריגקייט פעריאגט די זאמען פון קלוגהייט!...

שמעונ'ען, וועלכער האט קיין מאל נישט געשמייכעלט, קיין מאל נישט גערעדט ווייך, נאר שטענדיג איז ער שטרענג געווען צו זיינע קינדער,—האבען אלע געפאלגט. ווען עס איז שטיל געווארען, האט ער געפרעגט מירטאלא'ן, וואס פאר א בשורה זי האט געבראכט און וואס זי וויל. מירטאלא, וועלכע האט נאך קיין מאל נישט געהאט די דרייסטקייט צו קוקען אויף שמעונ'ען, האט אראבגעלאזט די אויגען און דערצעהלט, צו וואס מנחם האט זי דא א הער געשיקט. שמעון האט א ווילע געטראכט און דערנאך האט ער געזאגט צו זיין פרוי:

– שרה, גיב דעם מיידעל אלעס בעסטעס, וואס עס געפינט זיך ביי אונז... גיס אן אין א קרוג דעם בעסטען ויין, נעהם ארויס פון קאסטען דאס בעסטע בעטגעוואנד... זאל זיך קרעפטיגען און זיך אויסרוהען דער, וואס האט געשיצט ציון... חנוך'ס חבר....

דערנאך האט ער געזאגט צו מירטאלא'ן:

– זאג דעם, וואס איז היינט געקומען אין אייער שטוב (זאל גאטס ברכה זיין מיט איהם אויף יעדען טריט זיינעם און אין יעדער מינוט פון זיין לעבען!), אז איבערמארגען, ווען די זון וועט אונטערגעהן, וועט זיך אונזער גאנצע קהלה פערזאמלען אין דער שוהל און דער גבור אונזער'ער וועט אונז דערצעהלען פון דער מלחמה און פון זיין וואנדערן. און איצט נעהם דאס, וואס שרה וועט דיר געבען און געה בשלום!...

קירצליך איז מירטאַלאַ צוריק געווען אין מנחמ׳ס הויז צוזאַמען מיט איינע פֿון שׂרה׳ס טעכטער. ביידע האָבען געבראַכט שיסלען מיט עסענוואַרג און קרוגען מיט געטראַנקען, וועלכע מירטאַלאַ האָט אַנידערגעשטעלט אויף דעם טיש פֿאַר מנחמ׳ן און יונתנ׳ען, וואָס זענען געזעסען און געשוויגען. נאָך די ערשטע, קורצע אויסגעשרייען פֿון ביידע, האָט יונתן מעהר נישט גערעדט. מען האָט אָן איהם דערקענט, אַז ער איז זעהר מיעד און קען נישט פֿיעל רעדען; זיין קאָפּ האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט צו אַרבייטען. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אַלע ווינקעלעך פֿון דעם קליינעם צימער און עס איז קענטיג געווען, אַז אין זיין זכרון זענען לעבעדיג געוואָרען די ערינערונגען פֿון זיינע קינדער־יאָהרען און זיין יוגענד. מנחם איז אויך שטיל געזעסען און זיך איינגעקוקט אין דעם, וועלכען ער האָט אויפֿגעצויגען, ווי אַ זוהן. מירטאַלאַ האָט זיי דערלאַנגט וואַסער צו וואַשען און דערנאָך האָט זי איינגעגאָסען וויין אין לעהמענע בעכערס. דאַן האָט יונתן אויפֿגעהערט זיך איינצוקוקען אין די ווינקעלעך און האָט אָנגעהויבען זיך איינקוקען אין מיר־טאַלאַ׳ן.

יונתן האָט ווייניג געגעסען. די לאַנגע עלענדקייט האָט איהם אָבגעוואָהנט פֿון פֿיעל עסען. ער האָט אָבער נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פֿון מירטאַלאַ׳ן, וועלכע האָט זיך אַרומגעדרעהט אין שטוב, בעדיענענדיג איהם און מנחמ׳ן. נאָכ׳ן עסען, ווען מירטאַלאַ איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם קליינעם צימערעל, וואָס איז געווען אויף דעם דאַך, האָט יונתן געזאָגט צו מנחמ׳ן, וועלכער איז געזעסען פֿערטראַכט:

— אין דעם מיידעל שפּיר איך עפּעס פֿרעמדעס... מיט רוים שפּירט מען זי...

מנחם האָט געענטפֿערט:

— זי איז אַ גוטע און האָט ליעב צו אַרבייטען. איבער איהר האָט קיין מאָל מיין אויג נישט געוויינט. ביי שׂרה׳ן איז זי די בעסטע אַרבייטערין. זי וועט דיר זיין אַ טרייע פֿרוי...

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך יונתן אויפֿגעשטעלט און געזאָגט:

— זאָג איהר, פֿאָטער, אַז זי זאָל פֿון דאַנען קיין מאָל נישט אַוועקגעהן. מיין איז זי. איך וועל זי דאָ נישט איבערלאָזען אפילו ווען מען וועט מיר געבען אַלע אוצרות פֿון דער וועלט. עס איז שוין פֿאַריבער די בלוטיגע צייט און מיין וואַנדער־צייט. איך שטרעב שוין צו פֿרעהליכערע טעג. מירטאַלאַ וועט ווערען

מײַן פֿרוי און איך װעל זי פֿיהרען קײן גליל, אום זי זאל דאָרט זײן אַ צירונג פֿון מײַן לעבען.

קירצליך איז פֿינסטער און שטיל געװאָרען אין מנחם׳ס הױז. אויף דעם פּלאַכען דאַך איז יונתן געלעגען אויף דעם בעטגעװאַנד, װאָס שרה האָט איהם געשיקט און קוקענדיג אין הימעל אַ רײַן, האָבען זיך זײַנע ליפּען בעװעגט, װי ער װאָלט שטיל מתפלל געװען. נאָר אײן מאָל האָט ער אַ ביסעל העכער געזאָגט:

— גאָט, פֿאַר װאָס האָסט דו מיך פֿערלאָזט?

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך געעפֿענט די טהיר און אויף דער גאַס איז אַרויס מירטאַלאַ, װעלכע האָט זיך געזעצט אויף אַ שטײן און זיך געקיהלט בײַ דעם װינדעל, װאָס איז אָנגעקומען פֿון ים.

— װי אָרים איז ער! װי אָרים זענען זײ! — האָט זי שטיל געזאָגט.

זי האָט געקלערט װעגען יונתן און װעגען שרה׳ן, װעלכע בעװײנט איהר געהרג׳עטען זוהן, װעגען דעם טרויריגען שמעון און דעם גוטען גאַרגיאַס, װעגען די צװײ יונגע לײַט, װעלכע עס האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען, װען זײ האָבען דערהערט, אַז שמעון איז געקומען.

— אָרים איז ער! — האָט זי װידער געזאָגט — שװאַרץ איז ער פֿון עלענדקײט! אָרים זענען זײ אַלע! טרויער, עלענדקײט און פֿערדרוס נעהמען זײ צו די קרעפֿטען!

זי האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און קוקענדיג װײַט אין דעם פֿינסטערן שטח, האָט זי אַ ציטער געטהון.

— ער האָט געזאָגט: „קום מאָרגען אין דער זײַלען־האַלע!“ און איך... װעל ניט קומען! אָ, אַרטעמידאַר!

V

— אַרטעמידאַר! אַרטעמידאַר! װאוהין געהסט דו אַזױ גיך? װאוהין געהסט דו אײנזאַם, נאָר מיט אײן העליאָס׳ן? װאו זענען דײַנע חברים? װאו זענען דײַנע תלמידים און פֿערעהרער? —

אַזױ האָט גערופֿען אַ הויכע, דינע פֿרױען־שטימע.

אַרטעמידאַר איז דאַמאָלס געגאַנגען אויף דער גאַס, װאָס פֿיהרט צו בריק, מיט װעלכער מען געהט קײן טראַנסטיבערים. פֿון אַ הערליך הױז זענען אַרויסגעגאַנגען עטליכע פֿײַן געקלײדעטע

מענער און פאר זיי איז געלאָפען קייא מאַרציא, וועלכע האָט דוקא געוואָלט דעריאָגען ארטעמידאר'ן. זי האָט דאמאלס געהאַט נישט געלע, נאָר שווארצע האָר, וועלכע זענען געווען בעהאָנגען מיט א מענגע ב־רשטינען. ווען אַרטעמידאר האָט דערהערט זיין נאָמען האָט ער זיך א נידערגעשטעלט און אומדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָט ער דערזעהן די דאמע מיט די הערליך געקליידעטע מענער, פון וועלכע עס האבען זיך געשפירט שטארקע פארפומען. אַלע האָבען איהם בעגרוסט מיט שמחה. איינער האָט אָנגעהויבען רעדען צו איהם מיט גריימען, נאָר קייא האָט איהם איבערהאַקט און א רוי־פלעגענדיג איהר האַנד אויף אַרטעמידאר'ס אַרעם, האָט זי געזאָגט:

– וואוהין געהסט דו, קינסטלער, אין אזא צייט און אויף דער גאַס?

– די צייט און דאָס אָרט זענען גלייך פאר מיר און פאר דיר, מאַדאַם – האָט דער מאלער געענטפערט לאַבענדיג.

– איך שווער דיר ביי דער געטין דיאַנא (געטין פון יאגר און פון דער לבנה), וואָס אין איהר בית־מקדש האָב איך פערבראַכט היינט אין דער פריה, אַז דו האָסט מיר נישט געענטפערט צו דער זאַך! איך וויל וויסען, וואוהין דו געהסט!

– אין דעם גאָרטען פון צעזאַר אויף דעם באַרג יאַניקול...

– אין אַ שעה אַרום וועט די זון אונטערגעהן. צו ווילסט דו שפאַצירען ביי נאַכט?

– איך האָב בדעה צו מאָלען די נאַכט, וועלכע פאַלט אויף בלומען, ווי די אונרחמנות'דיגע עלטער פאַלט אויף די פנים'ער פון פרויען...

די מענער, וועלכע זענען געגאַנגען מיט קייא'ן, האָבען הויך געלאַכט; איינער פון זיי האָט מיט גריימען געריהמט די ליצנות פון דעם מאַלער, קייא האָט אויך געלאַכט.

– מאַכסט דו פון מיר ליצנות! – האָט זי געשריען – נאָר דאָס שאַדט נישט; איך וועל נישט זיין אין כעס אויף דיר, ווייל דו ביסט דער שענסטער יונגער־מאַן אין רוים און אַ חוץ דעם, ווען איך וואָלט דיר עפּעס שלעכטס געטהון, וואָלטען זיך די געטער אויף מיר געבייזערט. פאר וואָס ביסט דו אַזוי איינזאַם? העליאַס איז אַ שעהן יונגעל, נאָר מיט איהם אַ ליין צו געהן!... קום מיט אונז! דאָרט אין טויער, האָבען מיר בעגעגענט אַ הענדלער, וועלכער האָט פערקויפט פערפרוירענע מילך און פיינע

קיבלעך, וועלכע זענען געווען געפֿיהלט מיט פֿייגעל־לעבערלעך. איצט געהען מיר אין דעם טעמפעל פֿון יונאָנאַ (די העכסטע גריכישע געטין), דאָרט וועל איך אויפֿהענגען אַ גאָלדען האַרץ, וועלכעס איז בעצירט מיט דעם שעהנסטען פֿון מיינע שמאַראַגדען. דאָס וועט זיין אַ קרבן פֿאַר דער געטין, וועלכע איך שעץ און אכט מעהר פֿון אַלע אַנדערע. דערנאָך וועל איך אַ ריין אין מיין לעקטיקאַ און מען וועט מיך טראָגען אויף דעם מאַרס־פֿעלד, וואָרום עס ברענט אין מיר די נייגיריגקייט צו זעהן די פֿאַר־בערייטונגען וואָס ווערען דאָרט געמאַכט צו די פֿערוויילונגען. קום מיט אונז!

אַרטעמידאָר'ן איז דאָס שוין לאַנגווייליג געוואָרען און, קוקענ־דיג ווייט אין דער זייט פֿון דער בריק, האָט ער געזאָגט:

— ניין, מאַדאַם; איך זיך איצט איינזאַמקייט; אויב איך וועל געהן מיט דיר, וועל איך זיין אין געזעלשאַפֿט פֿון גאַנץ רוים.

— דו מאַכסט ווידער ליצנות פֿון מיר! נישט צום ערשטען מאָל גיבסט דו מיר אַנצוהערעניש[ע]ן, אַז איך בין אַ רכילות'ניצע. דערפֿאַר וועל איך דיר זאָגען עטליכע זאַכען, וועלכע וועלען דיך מאַכען אַזוי טרויריג, ווי איך פֿרעהליך, אַז מאָרגען וועלען פֿאָר־קומען פֿערוויילונגען. ווילסט דו עפּעס וויסען פֿון די פֿערוויילונגען? אויף דעם מאַרס־פֿעלד וועלען מיר זעהן טרויאַ'נע טענץ; יאָ, טרויאַ'נע טענץ, וועלכע וועלען אויפֿגעפֿיהרט ווערען דורך די בלומען פֿון אונזער יוגענד. דער שעהנער טיטוס אַליין וועט די טענץ פֿיהרען. איך שטאַרב פֿון נייגיריגקייט און איך לויף זעהן, ווי מען בויט די טריבונען און די לאָזשעס... אַ בעזונדערע לאָזשע וועט געמאַכט ווערען פֿאַר בירוניקאַ און איהר הויף... מען זאָגט, אַז ווען די פֿערוויילונגען וועלען זיך ענדיגען, וועט בירוניקאַ אַראָפּלעגען אויף טיטוס'ענס קאָפּ אַ קראַנץ פֿון לייבערבלעטער און אין דער זעלבער צייט וועט פֿערעפֿענטליכט ווערען, אַז דער קינפֿטיגער צעזאַר וועט חתונה האָבען מיט... דער יודענע... צי וועלען מיר טאַקי דאָס דערלעבען, אַז אונזער צעזאַר זאָל חתונה האָבען מיט אַ פֿרוי פֿון מזרח?... נאָר וועגען דעם אַלעם... שאַ! די געטער מעגען אַלעס טהון... איך וועל קוקען אויף די פֿערוויילונגען פֿון דעסטיוס'ענס לאָזשע...

— דו פֿערגעסט, מאַדאַם, אַז דו האָסט זיך געזאָלט נוקם זיין אָן מיר! — האָט איהר אַרטעמידאָר איבערגעהאַקט די ווערטער. זי האָט זיך קוים דערמאָהנט, וואָס זי האָט פֿריהער געזאָגט.

— יאָ, ביי דער געטין פון נקמה, יונאָנאַ, שווער איך דיר! — האָט זי געזאָגט מיט געלעכטער — אָהן רחמנות האָסט דו ליצנות געמאַכט פון מיר און פון מיין רכילות, מוז איך דיר בעצאָהלען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ נעגעל און זייענדיג נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם, האָט זי איהם איינגערוימט:

— דיינע גוטע פריינד מעגען פאָרזיכטיג זיין! אַ שלעכטער ווינד וועהעט איבער דעם הויז פון העלווידיוס און פאַני און איבער דעם קאָפּ פון דעם אַלטען מוזאָניוס, וועלכען — זאָל איך שטאַרבען אויב איך ווייס פאַר וואָס — מען רופט פילאָזאָף, האָטש ער רעדט, ווי אַ משוגענער. אויב דער פּרעטאָר וועט אין דעם משפּט פון גאַרוס און אַרגענטאַריאַ נישט אַרויסגעבען אַזאַ פּסק, ווי דאָמיציאַן וויל, קען איך נישט פערזיכערן, אַז ער וועט ביז סוף חודש בלייבען אין רוים. איך ווייס דאָס פון צעסטיוס'ן, וועלכער ווייס אַלעס... דער זוהן פון צעזאַר!... קאַרוס איז אַ געליבטער פון צעזאַר'ס זוהן! צי איז דיין פּרעטאָר משוגע געוואָרען? שטענדיג מוז ער זיך געגענשטעלען די, וועלכע האָבען דונערען אין די הענד! מוזאָניוס רעדט עפענטליך וועגען די פּאַרציישע הערשער, וועלכע האָבען די ממשלה צוריקגעגעבען דעם פאָלק, ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז מען דאַרף זיי שוין נישט. יעדער האָט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט. ער און דיאָניזיוס פון פּרוזיאַ און נאָך פיעל משוגעים מיינען, אַז מיט זייערע געשרייען וועלען זיי אויסרוימען די צעזאַרען... דיינע חברים, אַרטעמידאָר, זענען אַ באַנדע מיט משוגעים...

זי האָט זיך נאָך בעסער צוגעבויגען צו זיין אויער און נאָך שטילער געזאָגט:

— אויף דעם טיש פון אַספּסענוס ליגט שוין לאַנג אַ בעפעהל, לויט וועלכען עס דאַרפען פערטריבען ווערען אַלע אייערע פילאָזאָפען, וואָס אונטער זייערע מאַנטלען בעהאַלטען זיך מענשען, ווי מאַנליוס און ברוטוס. דער גוטער צעזאַר האַלט זיך נאָך צוריק פון אונטערשרייבען דעם בעפעהל. אָבער ביי דער קלענסטער געלעגענהייט... נו? האָב איך זיך נישט נוקם געווען? דיין שעהן פּנים איז שוואַרץ געוואָרען, ווי אַ פינסטערע נאַכט!...

אַרטעמידאָר'ס פּנים איז טאַקי טונקעל געוואָרען, ווי די נאַכט. פאַר אַ קורצער ווייַלע איז ער נאָך געווען לוסטיג, האָט געמאַכט ליצנות און איצט איז ער טרויעריג געוואָרען.

— געעהרטע קייאַ! — האָט זיך אָנגערופען דער, וואָס האָט

פריהער בעגרוסט ארטעמידאר'ן מיט גריימען – אויב דו ווילסט נאך ביי דער ליבטיגקייט פון טאג זעהן דאס מארס־פעלד...

– איך וויל, מארציאל, מיין חשק ברענט, ווי א פייער... דו האסט רעכט, מארציאל, איך וועל זיך זיבער פערשפעטיגען... בלייב געזונד, ארטעמידאר! ווייסט דו שוין, אז א טאג נאך די פערוויילונגען וועט צעזאר מאכען א גרויס מאהלצייט פאר דעם פאלק?... גאנצע טייכען וויין וועלען זיך גיסען... דאס בעסטע פרייש, פיעל קונצען־מאכערס... דאס פאלק וועט פרעסען און זיך ווילען... בלייב געזונד, ארטעמידאר, דו ווייסט נאך אוודאי נישט, אז דאמיציאן איז נישט געווארען א אנפיהרער פון דעם מיליטער, וועלכעם ווערט געשיקט געגען די אללאנען און דאדורך איז ער אין כעס. ער טרייסט זיך נאר מיט לאנגינא'ן, וועלכע ער האט ארויסגעגנב'עט פון לאמיא'ן... וואונדער אויף וואונדער! לאמיא, אנשטאט פערצוויפעלט צו ווערען צוליעב דער אונטרייער פרוי, האט ער זיך גענומען צו אויסגעלאסענהייט... בלייב געזונד, ארטעמידאר!... האסט דו געהערט, אז אין לוקאניא האט א פרוי געבוירען א קינד מיט פיער קעפ? דאס איז א שלעכטער צייכען! נאך ערגער איז ער פון דער פייערדיגער קויל, וועלכע איז אראבגעפאלען אין ווייאמיא...

– קייא מארציא! – האט איהר ווידער איבערהאקט די ווערטער דער פאעט מארציאליס – פערמאך א ווייליע דיין מויל און זעץ זיך אריין אין דער לעקטיקא, אויב דו ווילסט נישט, אז יונאנא זאל זיך אויף דיר בייזערן, ווייל דו גיבסט איהר נישט אב דעם קרבן אין דעם טאג, וואס די האסט פערשפראכען.

– זאלען מיך די געטער אב היטען פון אזא פערברעכען – האט אויסגעשריען די פרוי און אויף איהר פנים האט זיך געוויזען א אימה.

ציהענדיג מיט זיך איהר קליינעם הונד, איז זי גיך צוגעגאנגען צו איהר לעקטיקא, וועלכע איז געשטאנען נישט ווייט פון איהר, האט זיך אריינגעזעצט און די לעקטיקא־טרעגער האבען זי געטראגען צו דעם טעמפעל פון דער געטין יונאנא. נאך איהר זענען געגאנגען איהרע בעגלייטער, וועלכע האבען פון איהר געלאכט און חוזק געמאכט.

די לעקטיקא פון קייא האט זיך בעגעגענט אויפ'ן וועג מיט אנדערע לעקטיקעס, נאך וועלכע עס זענען געגאנגען גרעסערע אדער קלענער מחנות מיט עלטערע און יונגערע מענשען פון פערשידענע שטאנדען און פערשידענע מלבושים. דאס געהן נאך א לעקטיקא

איז געווען אַ צייכען פון פערעהרונג, וואס די מענשען האבען אבגעגעבען דעם, וואס איז געטר. גען געוואָרען אין דער לעקטיקא. ענדליך איז די בעוועגונג אויף די גאַסען קלענער געוואָרען, ווי געוועהנליך בעת די זון איז אונטערגעגאַנגען; רוב איינוואָהנער פון דער שטאָדט איז שוין דאַמאָלס געזעסען אין דערהיים און געגעסען אווענד-ברויט. דער פאַשטעט פון פייגעל-לעבערלעך, וואס קייאַ האָט געגעסען אין טהויער, איז געווען נאָר אַ פערבייס און ערשט שפעטער האָט זי געוואָלט האָבען אַ גרויסע סעודה. צו זעהן די פאָרבערייטונגען אויף דעם מאַרס-פעלד איז שוין געווען צו שפעט. זי האָט דאַדורך זיך נאָר געהייסען טראָגען אין דעם טעמפעל פון יונאָנאַ. אויף דעם וועג האָט זיך אָבער פלוצלינג געהייסען פערהאַלטען די לעקטיקע און צורופענדיג צו זיך איינעם, וועלכען זי האָט דערזעהן פון ווייטענס, האָט זי מיט איהם זעהר לאַנג געשמועסט.

אַרטעמידאַר האָט זיך אַנידערגעשטעלט נישט ווייט פון דעם יודישען קוואַרטאַל מיט די פלייצעם אָנגעשפאַרט אָן די געשניצטע געזימסען פון דעם בויגען גערמאַניקוס און מיט'ן פנים צו דער שטאָדט. אַביסעל אָבגערוקט פון איהם איז געשטאַנען העליאַס, זיין יונגער דיענער מיט לאַנגע, זיידענע האָר און דורכדרינגענדע אויגען וועלכער איז געווען איינער פון די געשיקטע, קלוגע יונגלעך, וועלכע יעדער רייכערער רוימער האָט געמוזט האָבען אין זיין הויז, וואו זיי האָבען געדיענט אַלס דעקלאַמאַטאָרען, לצים, אָדער שפיאָנען און פערטרויעטע שליחים.

העליאַס איז ביי אַרטעמידאַר'ן קיין לץ און קיין שפיאָן נישט געווען. ביים איינגיסען טהייערן ווין פון אַ טייערער פלאַש אין קריסטאַלענע בעכער, האָט ער דעקלאַמירט גריכישע פּאָעזיען. פיעל מאָל האָט ער אויך געדיענט זיין העיר אַלס שליח אין זיינע לעבענס-געשעהענישען און קיינער האָט בעסער פון איהם נישט געקענט פערחתמ'עטע טעוועלעך אַ יונגע פרוי פון אַ אַלטען מאַן; קיינער האָט בעסער פון איהם ני.ט געקענט אָבהיטען דאָס הויז, אין וועלכען זיין העיר האָט פערבראַכט די צייט מיט אַ יונגע פרוי. ווען זיין העיר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיינע גוטע-פריינד און פערעהרער האָט ער גוט געוואוסט, וואס דערנאָך וועט פאָרקומען און נאָר איהם אַליין האָט זיין העיר געזאָגט: קום מיט מיר, העליאַס!

אויף דעם אָרט, איז ער אָבער נאָך קיין מאָל מיט זיין העיר נישט געווען. צי איז אַרטעמידאַר טאַקי געגאַנגען אין צעזאַר'ס גערטנער? צי וואַרט דאָרט אויף איהם די רייכע פּולוויאַ, וועלכע

ער האָט פאַר אַ יאָהרען פערלאָזט און זי האָט איהם ביז איצט נישט אויפגעהערט צו רופען צו זיך? אפשר וואַרט גאָר אויף איהם די שעהנע טענצערין היגאַריאַ מיט די וואולקאַנישע אויגען, וואָס איהר פאָרטרעט האָט אַרטעמידאָר אויפגעמאָלט אויף דער וואַנד פון זיין שלאָפצמער מיט צופלאָסענע האָר? פאַר וואָס האָט ער זיך אָבער דאָ געשטעלט אין דעם שאָטען פון דעם בויגען און ער שטעהט פערטראַכט, ווי ער וואָלט פערגעסען צו וואָס ער איז געקומען דאָ אהער?

אין אמת'ן איז ער נישט געגאַנגען אין די גערטנער פון צעזאַר, ווי ער האָט געזאָגט קייאָ'ן. נאָך מיטאָג האָט ער אין דער זיילען-האַלע געמאָלען די געטין פון פּאָעזיע עראַטאַ מיט אַ גאָלדענער ליירא אין דער האַנד און אַ קראַנץ פון שעהנע געוואוקסען אַרום איהר. טראָץ דער התלהבות, מיט וועלכער ער האָט געאַרבייט, האָט ער יערע ווייל געקוקט אַראָב און זיינע בליקען האָבען געוואַנדערט צווישען די זיילען פון דער האַלע. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָט ער נישט דערזעהן די פערזאָן, וועלכע ער האָט געוואָלט זעהן; דאָס ערשטע מאָל האָט איהם פּאַסירט, אַז אַ פּערזאָן, וועלכע ער האָט גערופען צו זיך, איז נישט געקומען. פריהער ווי אַ אַנדערט מאָל האָט ער זיין אַרבייט איבערגעריסען און איז געגאַנגען אין באָד אַריין, וואו ער האָט זיך לאַנג געבאָדען אין קאַלט וואַסער. דערנאָך איז ער אַריין אין אַ פאַרפומען-זאַל און האָט זיך געלאָזט בעשמירען זיינע שוואַרצע האָר מיט שמעקענדע עהלען. אַרום געהענדיג פון דאָרט אין אַ הויף, וואָס איז געווען בעשטימט צו שפּאַצירען נאָכ'ן באָדען, האָט ער בעוואָרפען מיט שטיכענדע ליצנות אַלע, וואָס האָבען איהם בעגרוסט. צו צעסטיוס'ן, וועלכער איז צוקריגט געווען מיט זיין פרוי און וואָס פאַר זיין געלד איז געבוים און געמאָלט געוואָרען די זיילען-האַלע, האָט אַרטעמידאָר געזאָגט ווען ער האָט איהם בעגרוסט:

— וואָס מאַכט די געעהרטע פלאַוויא, אייער פרוי, בעריהמטער צעסטיוס? זייט די געטער פון יודען, אָדער פון די כשדים האָבען זי אנגעהויבען פעראינטערעסירען, האָט רוים אויפגעהערט זי צו זעהן!

צו דעם נאָהנטסטען גוטען-פריינד פון דעם צעזאַר'ס אַ זוהן, קאַרוס, האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט יונג, קאַרוס, און פאַרפומען שפּירט מען פון דיר, ווי פון אַ אַלטע, אויסגעלאַסענע פרוי.

פון אַ רייכען לעדיגגעהער סטעללאַ, וועלכער האָט זיך געוויילט

מִיט פּאעֶזִיעֶ און מִיט אויפֿקויפֿעֶן קונסט־ווערק, האָט עֶר חווֹק געֶמאַכט.

— האָסט דו פֿון נעֶכטעֶן אָן צוזאַמעֶנגעֶשטעֶלט חאָטש עֶטליכעֶ שירים? און דעֶר העֶנדלעֶר פֿון סאבורי, אַקסיוס, האָט דיך אָפשר שוין ווידעֶר געֶנאַרט, פֿעֶרקויפֿעֶנדיג אַ שטירעֶבטס פֿון אַ אונבעֶ־האָלפֿעֶנעֶם אַלס אַ ווערק פֿון דעֶם בעֶריהמטעֶן מיראָן אָדעֶר פּראַקסיטעֶל?

די בעֶלײַדיגטעֶ האָבעֶן געֶהויבעֶן די פּלײַצעֶס און שווײַגעֶנדיג האָבעֶן זײַ אַראָבגעֶשלונגעֶן די ביטעֶרעֶ ליצנות פֿון דעֶם מאַלעֶר.

— עֶס דאַכט זיך — האָט צעֶסטיוס געֶזאָגט — אַז אויסעֶר דעֶם צעֶזאַר און זײַן זיהן, מעֶגעֶן אין רוים אויך די אַרטיסטעֶן טהון וואָס נאָר זײַ ווילעֶן. ווען אַ אַנדעֶרעֶר וואָלט מעֶנשעֶן אַזוי בעֶלײַדיגט, וואָלט עֶר גוט בעֶשטראָפֿט געֶוואָרעֶן דעֶרפֿאַר. ווען מיר וואָלטעֶן אָבעֶר געֶוואָלט בעֶשטראָפֿעֶן דעֶם יונגעֶן מאַן, וואָלטעֶן מיר בעֶלײַדיגט די געֶטעֶר פֿון קונסט, וועֶלכעֶ ליעֶבעֶן איהם אַזוי שטאַרק...

— און אַלעֶ אין רוים, וועֶלכעֶ ליעֶבעֶן קונסט וואָלטעֶן נישט דעֶרלאָזט, עֶר זאָל בעֶשטראָפֿט ווערעֶן. זײַ וואָלטעֶן זיך נוקם געֶוועֶן אָן דעֶם, וואָס וואָלט געֶהאַט די העזה, איהם שלעֶכטס צו טהון — האָט קאַרוס געֶזאָגט.

— ווען אײַנעֶר וואָלט איהם בעֶלײַדיגט, וואָלטעֶן די רוימישעֶ פֿרויעֶן געֶמאַכט אַ בונט, ווי זײַ האָבעֶן געֶמאַכט אַ בונט, ווען קאַטאָן האָט זײַ פֿעֶרווערט צו טראָגעֶן גאָלדעֶנעֶ אָרעֶמבעֶנדעֶר — האָט דעֶר ווײַסעֶר, פֿוילעֶר סטעֶלאַ געֶזאָגט, אײַנהילעֶנדיג זיך אין אַ זײַדעֶן מלבוש מיט ברײַטעֶ אַרבעֶל, לעֶגעֶנדיג זיך אויף אַ קאַנאַפּקעֶ.

אין דעֶם הויז פֿון פּרעֶטאַר, האָט אַרטעֶמידאַר לאַנג געֶרעֶדט מיט פֿאַניאַ'ן, וועֶלכעֶר עֶר האָט דעֶרצעֶהלט די עולה, וואָס איז נעֶכטעֶן געֶטהון געֶוואָרעֶן מירטאַלאַ'ן דורך איהר דיעֶנסט, חראָמיאַ'ן. אַ שעה דעֶרנאָך, האָט חראָמיאַ הויך געֶווײַנט און געֶשריעֶן, אַז זי האָט חרטה. קײַנעֶר האָט אַבעֶר איהר שרײַעֶן און איהר ווײַנעֶן נישט געֶהעֶרט. ווײַל די פֿאַמיליעֶ פֿון פּרעֶטאַר איז געֶוועֶן בעֶשעֶפֿטיגט מיט וויכטיגעֶרעֶ זאַכעֶן. אויף אַ מאָהלצײַט בײַ דעֶם צעֶזאַר, האָט העֶלווידיוס אַ טאָג פֿריהעֶר זיך צוקריעֶגט מיט דעֶם פֿינאַנס־מיניסטעֶר קלודיוס עֶטרוסק, וועֶלכעֶר איז געֶווען אַמאַל אַ שקלאַף פֿון סוריאַ און דורך זײַן חנופה איז עֶר פֿון שקלאַפֿעֶן־שאַפֿט בעֶפֿרײַט געֶוואָרעֶן. דעֶרנאָך איז עֶר וואָס אַ מאָל געֶוואָרעֶן גרעֶסעֶר ביז עֶר איז געֶקומעֶן צו דעֶר מדרגה פֿון אַ מיניסטעֶר און שוין בײַם זיבעֶנטעֶן צעֶזאַר האָט עֶר די שטעֶלעֶ פֿעֶרנומעֶן. צווישעֶן דעֶם מיניסטעֶר און דעֶם פֿאָטעֶר פֿון העֶלווידיוס,

וועלכער איז געווען אַ אַלטער רעפּובליקאַנער, האָט געהערשט אַ שטילע שנאה, וועלכע האָט דערנאָך אויפגעבראָכען און זיך געענדיגט מיט דער מפּלה פון העלווידיוס'ענס פאָטער.

דער פּרעטאָר האָט מיט הכנעה געזאָגט צו זיין פרוי און זיין מוטער:

— זייט מיר מוחל דאָס, וואָס איך שטער שטענדיג אייער מנוחה. איך האָב אייגענטליך בעדאַרפט שווייגען ווען דער נידערטרעכטיגער חנוף האָט פאָרגעלעגט אונרחמנות'דיגע פּלאַנען פון נייע אבצאָהלונגען אום געפעלען צו ווערען אַספּסינוס'ן. עס איז דאָך בעוואוסט, אַז עס וועט אַזוי בלייבען, ווי דער פוקס וויל. איך בין אָבער היציג און צורייצט. אויף מיין האַלז ליגט אַ מעסער: דער משפט פון קאַרוס'ן מיט אָרגענטאַריאַ'ן. און דער, וואָס ווייסט נישט זיכער, ווי זיין מאָרגענדיגער טאָג וועט זיין: שוואַרץ אָדער ווייס, דער טאָר נישט זיין אונשולדיג, ווי אַ טויב.

די ווערטער פון קייאַ מאַרציאַ, וועלכע האָט זעהר גוט אַלעס געוואוסט, האָבען בעשטעטיגט דאָס, פאַר וועלכען די גאַנצע פאַמיליע האָט אַזוי מורא געהאַט. פאַניאַ'ס אויגען זענען פול געוואָרען מיט שרעק, ווען זי האָט געקוקט אויף איהר אויפגערעגטען מאַן. אַרטעמידאָר האָט געזאָגט זיין דינער העליאַס'ן, ער זאָל געהן מיט איהם און גיך, לוסטיג איז ער געגאַנגען קיין טראַנסטיבערים, האָט זיך געשטעלט ביי דעם בויגען גערמאַניקוס און מיט פערטריבטע אויגען האָט ער געקוקט אויף די שניצערייען, וועלכע האָבען דעם בויגען בעציירט. די שניצערייען האָבען פאָרגעשטעלט די מלחמות און די נצחונות פון איינעם פון די איידעלסטע פּאַרציייטישע העלדען, גערמאַניקוס, וועלכער איז זעהר בעריהמט און בעליעבט געווען ביים פאָלק. דער הערשער טיבעריוס האָט איהם מקנא געווען און פּלוצלינג איז ער געשטאָרבען. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געסמ'ט, אין אמת'ן איז ער אָבער געווען אַ קרבן פון דעם הערשערס קנאה. ווען אַרטעמידאַר איז נאָך געווען אַ קינד האָט איהם זיין מוטער דאָס דערצעהלט און איצט, קוקענדיג אויף דעם בויגען, וועלכער איז געווען אַ דענקמאָהל פון גערמאַניקוס'ן, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם טראַגישען טויט, וועלכער וועט אפשר קירצליך פון איהם צונעהמען זיינע בעסטע גוטע פריינד, פון וועלכע קייאַ האָט איהם פאַר אַ ווייַלע געזאָגט. קירצליך וועט אפשר פאַניאַ מוזען טהון ווי עס האָט פאַרצייטענס געטהון אַגריפּינאַ, די פרוי פון גערמאַניקוס, נאָכדעם, ווי זי איז מיט איהר מאַן אַרויסגעטריבען געוואָרען פון רוים: זי איז באַלד

דערנאָך צוריקגעקומען און אין איהרע הענד האָט זי געהאַלטען הויך דעם ארון מיט דעם טויטען קערפּער פון איהר מאַן.

אַרטעמידאַר איז געוואָרען ערנסטער. ער איז געגאַנגען זוכען מירטאַלאַ'ן, וועלכע האָט געמאַכט אויף איהם אַ גרעסערן איינדרוק, ווי עס האָט אַ מאָל אויף איהם געמאַכט פולוויאָ און זי האָט ערוועקט אין איהם שטאַרקערע געפיהלען, ווי עס האָט אין איהם אַ מאָהל ערוועקט היגאַריאַ. ער איז געגאַנגען זי אָבזוכען און פון איהר געוואָהר צו ווערען, פאַר וואָס זי איז נישט געקומען, האָטש ער האָט איהר נעכטען געזאָגט: קום! איצט אָבער, נאָך דעם שמועס מיט קייאַ'ן, וועלכער האָט אין איהם דערוועקט די איינדרוקען, וואָס ער האָט היינט אַרויסגעטראָגען פריהער פון דעם פּרעטאַרם הויז און די גערַאנקען, וועלכע עס האָבען אין איהם דערוועקט די שניצערייען פון דעם בויגען גערמאַניקוס, איז איהם אונמעגליך געוואָרען זיך צו יאָגען נאָך ליעבעס־געשעהנישען. און דאָ, ווען ער האָט זיין בליק געווענדעט אויף די קליינע יודישע הייזלעך, וועלכע זענען געווען ענג צוזאַמענגעדריקט און ער האָט דערשפּירט דעם שלעכטען ריח, איז זיין האַרץ פול געוואָרען מיט טרויעריגקייט. גיך האָט ער אַרויסגענומען פון זיינע מלבושים אַ טעוועלע, וואָס איז באַגאָסען געווען מיט האַרטען וואַקס און מיט אַ גאָלדענעם גריפעל האָט ער עפּעס געשריבען אויף דעם טעוועלע. דערנאָך האָט ער מיט זיין בליק צוגערופען צו זיך העליאַס'ן, וועלכער איז באַלד צו איהם צוגעשפּרונגען און האָט אויסגעהערט, וואָס זיין הער זאָגט איהם, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף דעם יודישען קוואַרטאַל.

— דו האָסט זי נישט איין מאָל געזעהן אין דער זיילען־האַלע — האָט אַרטעמידאַר געזאָגט — וועסט דו זי דערקענען?

העליאַס האָט געשאָקלט מיט'ן קאָפּ:

— יאָ.

— וועסט דו זי געפינען?

העליאַס האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף זיין הער. זיינע בליקען האָבען געזאָגט:

— איך, העליאַס, וועל נישט געפינען?...

— איך וועל דיך אָבוואַרטען אין דער היים. אַ ענטפער זאָלסט דו מיר ברענגען. געה גיך!

פאַר מנחם'ס הויז זענען געשטאַנען עטליכע יונגע מיידלעך, וועלכע האָבען זיך, איינע די אַנדערע, אַרומגענומען די אָרעמען און געשמועסט שטיל, לעבהאַפטיג. די מיידלעך זענען געווען

שרה'ס טאָכטער, וועלכע די מוטער האָט געשיקט, זיי זאָלען צו העלפֿען מירטאַלאַ'ן פֿאָרבּרייטען דאָס אָווענדבּרויט. ווען די פֿאָרבּערייטונגען זענען פֿערטיג געווען, זענען זיי נאָך געבּליבּען, וועלענדיג זעהן יונתנ'ן, אָדער אַמווענינגסטענס הערען עפּעס פֿון דעם בּעריהמטען מענש, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט זייער בּרודער אין דער מלחמה. זייערע געלע און בּלויע קליידער האָבּען געבּלאַנקט בּיי די לעצטע שטראַהלען פֿון דער זון, וועלכע איז שוין אונטערגעגאַנגען; אויף זייערע העלזער האָבּען געפֿינקעלט גלעזערנע האַלזבּענדער; די גלעקלעך אויף זייערע סאַנדאַלען האָבּען געקלונגען אויף זייערע פֿיס, וועלכע האָבּען פֿון אונגעדולד נישט געקענט שטעהן אויף אַ אָרט. איינע פֿון זיי האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ זילבּערנע קרוג מיט וויין; די צווייטע האָט אויף מירטאַלאַ'ס אָרעם אַרויפֿגעלעגט אַ געהאָפטען האַנדטוך צום אָבּווישען די הענד נאָכ'ן וואַשען צום עסען; די דריטע האָט געגלעט מירטאַלאַ'ס האָר, דערצעהלענדיג פֿון די פֿאָרבּערייטונגען, וואָס ווערען געמאַכט אין זייער הויז פֿון נעכטען אָן. זייער פֿאָטער, שמעון, איז פֿערנומען געווען מיט צוזאַמענרופֿען די געמיינדע אויף מאָרגען, די מוטער האָט געוויינט און געלאַכט און זי האָט נישט אויפֿגעהערט זאָגען זיי זאָלען צוהעלפֿען מירטאַלאַ'ן בּיי איהר אַרבּייט אויפֿצונעהמען דעם גאַסט. די מיידלעך האָבּען לאַנג גערעדט און אַ נידערשטעלענדיג אויף דער שוועל אַלעס, וואָס זיי האָבּען געבּראַכט פֿון דער היים, זענען זי גיך, ווי די פֿייגעל צוריקגעלאָפֿען צו זייער מוטער. מירטאַלאַ האָט אַ ווייַלע געקוקט נאָך זיי און ווען זיי זענען פֿון איהרע אויגען פֿערשוואונדען געוואָרען, האָט זי דערזעהן אַ יונגען מענש מיט אַ וויַיס פּנים און לאַנגע האָר, וועלכער איז געשטאַנען נישט וויַיט פֿון איהר, אין שאָטען פֿון אַ פֿאַרקאַן. מירטאַלאַ האָט איהם בּאַלד דערקענט; פֿיעל מאָל האָט זי איהם דאָך געזעהן אין דער זייַלען=האַלע און אין שרה'ס הויז.

ווען דער יונגער מענש האָט דערזעהן, אַז די מיידלעך זענען אַוועקגעגאַנגען, איז ער גיך דורכגעשפּרונגען דאָס שמאָלע געסעל און איז צוגעגאַנגען צו מירטאַלאַ'ן, זאָגענדיג:

— ענדליך זענען זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿען די מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דיר און גערעדט אויף אייער משונהדיגער, מיאוס'ער שפּראַך. ווי לאַנג זיי זענען געשטאַנען, האָבּ איך דיר נישט געקענט אָבּגעבּען דאָס, וואָס מיין הער, אַרטעמידאַר, האָט דיר געשיקט דורך מיר!...

ער האָט אויסגעצויגען צו איהר זײַן האַנד, אין וועלכער עס איז געווען אַ טעוועלע. מירטאַלאַ האָט גיך אויסגעשטרעקט איהר האַנד, אום דאָס טעוועלע צו חאַפּען און באַלד האָט זי אָבער די האַנד איהרע צוריקגעחאַפּט. זי האָט געציטערט און איהר פנים איז שרעקליך בלאַס געוואָרען.

— פאַר וואָס חאַפּסטו דײַן האַנד, ווי דאָס טעוועלע וואָלט געווען פון פײַער? — האָט העליאַס שטיל געזאָגט, קוקענדיג מיט אַ שמײכעל אויף דעם בלאַסען פנים פון דעם דערשראָקענעם מײדעל — האָב קײן מורא נישט. דײַן האַנד וועט זיך נישט אָבבריהען מיט דער שריפט פון מײַן הער. נעהם און לײען.

זי האָט גענומען, געקוקט אויף דער שריפט און אויף איהר פנים זענען אויסגעגאָסען געוואָרען יסורים.

— איך קען נישט לײענען לאַטײן... — האָט זי איהם שטיל אײַנגערוימט. נישט וואונדערנדיג זיך, האָט העליאַס געפרעגט:

— דו ווילסט, אַז איך זאָל דיר דאָס לעזען?

מירטאַלאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— לײען!

העליאַס האָט זיך גיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטען און צורוקענדיג זיך נעהנטער צו מירטאַלאַ'ן, האָט ער גיך געלעזען:

— „דו ביסט הײַנט נישט געווען אין דער זײַלען־האַלע און אויך בײַ פאַניאַ'ן ביסט דו נישט געווען. אפשר האָסט דו ברעה מעהר זיך נישט צו ווײַזען פאַר מיר? איך וואָלט בעשטאַנען דערויף, ווען עס וואָלט מיר נישט אַ שאָד געווען די שעהנע פערל, וועלכע זינקט אין דער בלאָטע. מאָרגען, ווען די זון וועט אונטערגעהן, וועל איך דיך אָבוואַרטען בײַ דעם בויגען גערמאַניקוס. קום!"

העליאַס האָט געענדיגט לײענען און האָט איהר איבערגעבען דאָס טעוועלע. זי האָט עס אָבער נישט אָנגענומען. זי האָט אויסגעצויגען די האַנד צו דעם טעוועלע און באַלד האָט זי די האַנד צוריקגעצויגען. פלוצלונג האָט זי מיט איהרע הענד זיך פערדעקט דאָס פנים.

— איך קען נישט!... איך קען נישט!

העליאַס האָט נישט פערשטאַנען.

— רעד אויף לאַטײן אָדער גריכיש, וואָרום דײַן שפּראַך פערשטעה איך נישט. וואָס זאָל איך זאָגען מײַן הער?

זי האָט אַראָבגענומען די הענד פון פנים, גיך האָט זי גע־

האפט דאָס טעווע׳לע פֿון העליאַס׳ענס האַנד און מיט שרעק האָט זי עס באַלד געוואָלט צוריקגעבען. העליאַס האָט אָבער אַריינגערוקט די הענד אין די פּאַלדען פֿון זיין מלבוש.

– דו וועסט קומען? פֿאַר וואָס זאָלסט דו נישט קומען?

קוקענדיג אויף דער ערד, האָט זי געזאָגט שטיל, ווי אַ פֿערחלום׳טע:

– צי קען אַ דורשטיגע אינדין נישט לויפֿען צו דער קוועלע אין וואַלד? צו בליהט נישט אויף אַ רויז, ווען די זון ריהרט זיך אַרוים פֿון וואָלקענס?

– זעהר שעהן האָסט דו געזאָגט. איך וועל דיינע ווערטער גוט געדענקען און אַלע וועל איך איבערגעבען מיין הער – האָט העליאַס געענטפֿערט און לאַנגזאַם איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען, ווי אַ נייגיריגער דורכגעהער, וועלכער איז נאָך קיין מאָל נישט דאָ געווען.

אין עק פֿון דער גאַס איז איהם געגענגעקומען אַ אַלטער אין אַ שווערען טורבאַן מיט אַ געפֿאַלדט פנים, וועלכער איז געווען אַזוי פֿערטראַכט, אַז ער האָט העליאַס׳ן נישט געזעהן. דאָס איז געווען מנחם, וועלכער איז דאַמאָלס צוריקגעגאַנגען, ווי געוועהנליך, אַהיים. אַריינקומענדיג אין זיין קליינעם, נידריגען הייזעל, האָט ער געפֿרעגט:

– וואו איז יונתן?

דערהערענדיג זיין שטימע, האָט מירטאַלא גיך בעהאַלטען אונטער׳ן קלייד דאָס טעווע׳לע, וועלכעס זי האָט גענומען פֿון העליאַס׳ן און אויפֿהויבענדיג זיך פֿון די וועבער-שטוהלעכלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, איז זי איינגעבויגענדיג צוגעגאַנגען צו מנחם׳ן און האָט זיין האַנד צוגעדריקט צו איהר ברענענדיג מויל.

– יונתן איז נאָך נישט צוריקגעקומען פֿון גאָרגיאַס׳ן – האָט זי געזאָגט – באַלד אין דער פֿריה איז ער דאָרט-הין געגאַנגען.

אין איהרע ווערטער האָט געקלונגען אַ טרויעריגקייט פֿון אַ אירענדע נשמה, וועלכע קען זיך קיין אויסוועג נישט געפֿינען.

אַ שעה דערנאָך איז זיך מירטאַלא געזעסען אויף דער ערד צווישען איהרע וועבער-שטוהלעכלעך און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פנים, וועלכער איז געזעסען ביים טיש און האָט הויך געלעזען אין דעם פּאַרמעט, וואָס איז געלעגען פֿאַר איהם. געגען איהם איז יונתן געזעסען אויף אַ בענקעלע. איבער די קעפּ פֿון זיי ביידע איז

געווען אַ וואָלקען מיט רויך פֿון דעם רעמפּעל, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם קאָפּ.

און מנחם'ס קול איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין דער שטוב. דאָס וואָס ער האָט געלעזען, איז געווען אַפּרוכט פֿון לאַנג-יעהריגען טראַכטען, פֿון ליידען, וועלכע ער האָט געשריבען אין דער שטוב און אין דעם וועלדעל עגעריע. ווען ער האָט געלעזען, האָבען זיך געהערט זיפֿצען, אויסגעשרייען פֿון פֿערצווייפֿלונג, תחנונים, פֿאָרווירפֿע און פֿראַגען, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרען גאָט, בונטגעדאַנקען, חלומות וועגען אַ גליקליכער צוקונפֿט, נחמות און קללות, וועלכע זענען געוואָרפֿען געוואָרען אויף דעם שונא, פֿאַנטאַזיעס, אין וועלכע די פֿיינד זענען פֿאָרגעשטעלט געוואָרען, ווי פֿיערקעפּיגע אָדלערס, פֿליהענדע פֿערד, וועלכע טראָגען פֿונאַנדער אונגליקען, ווי ימים, וועלכע פֿערפֿלייצען די וועלט מיט שווארץ, פֿערגיפֿטעט וואַסער.

מנחם איז געווען אַ פּאָעט, אַזאַ פּאָעט, וועלכען עס קען אַרויסגעבען נאָר אַזאַ פֿאָלק, וועלכעס קעמפּפֿט מיט אַלע קרעפֿטען געגען דעם טויט, איז צוהיצט פֿון די וואונדען, געדריקט, פֿערפֿאַלגט און ליידענדיג אַכזריות'דיגע יסורים, חלומ'ט עס פֿון נסים, ערלעזונג און פֿון שרעקליכער נקמה.

מנחם איז געווען אַ פּאָעט. אָבער גלייכצייטיג איז ער געווען דאַר, באָרפֿוס, געקליידט און סמאַטעס אין אַ שטימע האָט ער אַ הייזעריגע, שטילע, שוואַכע. איצט איז ער געזעסען אָהן זיין טורבאַן, זיין דיקע גירטעל האָט ער פֿון זיך אַראָבגענומען און ער האָט אויסגעזעהן נאָך דאַרער און קלענער. נישט אין זיין שטימע און נישט אין זיין געשטאַלט איז געווען צו דערקענען וואָס ער איז. ווען ער האָט געלעזען די שטאַרקסטע שטעלען פֿון זיין ווערק, האָבען זיינע באָרפֿוסע פֿיס זיך געוויעגט אין דער לופֿט און זיינע דאַרע אָרעמעס האָבען געמאַכט אַ זעלכע תנועות, אז אפילו דער ערנסטער רעדנער פֿון יענער זייט טיבער, וואָלט געלאַכט מיט פֿעראַכטונג, ווען ער וואָלט דאָ געווען און דאָס געזעהן. ער האָט דאַמאָלס אויסגעזעהן, ווי אַ אָרעמער, עלענדער פֿויגעל, וועלכער קלאַפּט קאָנוואולסיש מיט זיינע פֿליגעל, פֿון וועלכע די פֿעדערען זענען אויסגעריסען געוואָרען. ווען די שטעלע פֿון זיין ווערק איז געווען טרויעריג, בעטענדיג, איז זיין הייזעריגע שטימע וויינענדיג געוואָרען, זיין דאַרער קערפּער האָט זיך געוויעגט אין אַלע זייטען, זיינע ציטערנדע הענד האָבען זיך געלעגט אויף דעם געפֿאַלדעטען

שטערען, אויף די באַקען, אויף דער ברוסט און ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ אונבעהאָלפען קינד, וועלכעס בעקלאָגט זיך פאַר זיין מוטער אויף זיינע ליידען. נאָר סיי ווען ער האָט געוויינט, סיי ווען ער האָט קאָנוואולסיש געוויעגט זיינע פיס אָדער זיין קערפער, סיי ווען זיין מויל האָט געשאָטען קללות, האָט אין זיינע אויגען געברענט אַ פייער און אויף זיינע באַקען האָבען פון צייט צו צייט געפליסט טרערען.

אפילו דער ערגסטער רעדנער פון יענער זייט טיבער, וואָלט מיט פעראַכטונג געשמייכעלט, ווען ער וואָלט געזעהן דעם פאָעט און געהערט איהם לעזען. אָבער די ברוסט פון יונתנ'ן האָט זיך גיך געהויבען און אַראָבגעלאָזט, זיינע פערשוואַרצטע הענד, וועלכע זענען געווען בעדעקט מיט רויטע העפטען, האָט אָפט געזוכט די קניע פון מנחם'ן און זיין צוהיצטער שטערן איז אויף זיי אַרויפגעפאַלען; אַזוי שטאַרק האָט איהם דאָס ווערק געריהרט.

מירטאַלאַ האָט זיך אויך אַרויסגערוקט פון צווישען איהרע וועבער־שטוהלעכלעך און האָט זיך געזעצט ביי דער וואַנד, נעבען מנחם'ן און יונתנ'ן. אין איהרע פייכטע פונקעלדיגע אויגען, וועלכע זענען געווען געווענדעט צו מנחם'ן, האָט מען דערקענט, אַז זי טראַכט וועגען עפּעס זעהר טיעף און קען צו קיין בעשלוס נישט קומען.

— דיין נאָמען, פאָטער מיינער, וועט זיין בעריהמט און פערהייליגט צווישען דעם פאָלק ישראל... — האָט יונתן אויסגערופען.

מנחם האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— מיין נאָמען — האָט ער געענטפערט — ניין, יונתן! פאַר דיר איינעם האָב איך געעפענט מיין נשמה און אויף דיין מויל לעג איך אַ חתימה פון סוד. ווער בין איך? אַ אונבעוואוסטער, אָרעמער, פעראַכטעטער. ווער וועט מיך וועלען פאָלגען? איך וויל, אַז יעדעס וואָרט מיינס, זאָל זיין פאַר דעם פאָלק ישראל, ווי אַ טראָפען באַלזאַם און, ווי אַ שפיעז אין זיין האַנד. זאָל קיינער בעסער נישט וויסען, אַז איך האָב דאָס געשריבען. זאָל מען מיינען, אַז דאָס האָט געשריבען עזרא, דער וואָס האָט אויפגעבויעט ציון נאָך דעם ערשטען גלות, וועלכעס איז נישט אַזוי שרעקליך געווען, ווי דער היינטיגער. איהם וועט דאָס פאָלק גיכער גלויבען, מיינענדיג, אַז די ווערטער שטאַמען פון איהם, וועט דאָס פאָלק שעפּען פון זיי — התלהבות און קרעפטען, מעהר ווי ווען עס וואָלט בעוואוסט געוואָרען, אַז איך...

— ווילסט דו קײן רוהם נישט האָבען פֿון דעם ווערק, איבער וועלכען דו האָסט געאַרבײט דײַן גאַנץ יעבען?

— נישט דער חשק צו רוהם האָט מײַן האַרץ געהײַסען טראַכטען — האָט מנחום געענטפֿערט און נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ צום הימעל און געזאָגט:

— אײביגער גאָט! זאָל איך ווערען, ווי אַ אויסגעטרוקענט בלאַט, וועלכעס דער ווינד יאָגט אין די בערגער, זאָל איך פֿערשוואונדען ווערען, ווי אַ וואָלקען, זאָל מײַן נאָמען קײן מאָל נישט דערמאָהנט ווערען, נאָר פֿון מײַן נשמה זאָל איבערגעטראָגען ווערען אין דער נשמה פֿון פֿאָלק, חאָטש אײן פֿונק פֿון האָפֿנונג און מײַן אַרבײט זאָל אָבווישען חאָטש אײן טרער פֿון מײַן פֿאָלקס באַקען.

פֿון דעם שאָטען האָבען זיך אַרויסגעצויגען בײדע הענדלעך פֿון מירטאַלאַ'ן און האָבען זיך געווענדעט צו די הענד פֿון מנחם'ן. זי האָט שוין געוואָלט קושען זײַנע הענד און גלײַכצײַטיג זיך וואַרפֿען צו יונתנ'ס פֿיס; פּלוצלונג האָט זי זיך אָבער צוריק געררוקט אין שאָטען און איהרע בײדע הענד האָט זי צוגעדריקט צום האַרץ, צו דעם אָרט, וואו הינטער דעם קלײד איז געלעגען דאָס דינע טעוועלע, וועלכעס זי האָט ערהאַלטען פֿון אַרטעמידאַר'ן, זאָגענדיג צו זיך שטיל:

— ער האָט מיך גערופֿען „פּערל, וואָס זינקט אין בלאָטע"... די טײַערסטע צירונג איז אָבער די נשמה פֿון מנחם'ן!...

פּלוצלונג האָט זי אַ שפּרונג געטהון און זיך געשטעלט פֿלינק, ווי אַ בליץ, צווישען יונתנ'ן און צווישען דער טהיר, אַראָבּרײַסענדיג פֿון זיך איהר גירטעל און אויסשפּרײטענדיג איהם, ווי אַלײַלעך. ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אײַנהילען. אין איהרע אויגען האָט זיך געוויזען אַ אונגעהויערע שרעק. זעהר דערשראָקען געוואָרען איז אויך מנחם, וועלכער איז געזעסען מיט דעם פּנים צו דער טהיר און האָט צוזאַמען מיט מירטאַלאַ'ן געזעהן, אַז די טהיר עפֿענט זיך און אין זיי רוקט זיך אַרײַן אַ געלער קאָפּ מיט אַ געל פּנים און מיט קלײנע אויגעלעך, וועלכע האָבען מיט נײַגיריגקײט אַרומגעקוקט אין דעם שטובעל. יונתן, וועלכער איז געזעסען מיט די פּלײצעס צו דער טהיר, האָט גאָר נישט געזעהן.

— דו, סילאַס, קענסט אודאי נישט שלאָפֿען — האָט מנחם געזאָגט מיט ליצנות — און דאַדורך געהסט דו אָוונד אויסקוקען פֿרעמדע וואָהנונגען.

סילאַס איז נישט אַרײַנגעגאַנגען אין דער שטוב, נאָר דורך דער אָבגערוקטער טהיר האָט ער אַרײַנגערוקט זײַן קאָפּ.

— דו שלאָפסט אויך נישט, מונבז׳ס סטאַטע און דײַן מײדעל מאַכט קונצען מיט איהר גירטעל. אַ גאַסט האָט איהר; איך האָב איהם געזעהן, ווען ער איז געגאַנגען פון גאָרגיאַס׳ענס הויז. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז פון אַ ווײַט לאַנד און איך בין געקומען איהם בעגריסען.

מנחם׳ס פנים איז זעהר בלאַס געוואָרען און מיט דער האַנד האָט ער צוגעדריקט דאָס מלבוש פון יונתנ׳ן, וועלכער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפשטעהן און זיך אומדרעהען. אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אבער אין דעם קלײנעם שטיבעל דערהערט אַ לוסטיג געלעכטער. מירטאַלאַ, וועלכע האָט אויפגעוויקעלט און געוויעגט אין דער לופט דעם ווײַבען, געהאַפּטענעם שטאָף פון איהר גירטעל, האָט געשריען מיט געלעכטער:

— פון אַ ווײַט לאַנד! סילאַס! דו דערקענסט שוין נישט יהודה׳ן, גאָרגיאַס׳ענס זוהן, וועלכער איז הײַנט געקומען, אום דעם אַלטען מנחם׳ן צו דערפרעהען מיט זײַן געשפּרעך? דו דערקענסט שוין נישט גאָרגיאַס׳ענס זוהן, וואָס זײַנע זענען האָר עהנליך צו די פעדערן פון אַ ראַב? געה צו דעם אַדומי, וועלכער וואָהנט אויף אויענטין און היילט קראַנקע אויגען. געה, סילאַס, צו דעם אַדומ׳ישען דאָקטאָר, וואָרום אויב נישט, וועסט דו אַזוי בלינד ווערען, אַז דו וועסט שוין נישט זעהן צוריקצוגעהן אין דײַן בעליעבטע שענק!...

וואָס מעהר זי האָט גערעדט, דאָס שוואַכער איז איהר שטימע געוואָרען. סילאַס האָט אָבער קײן אויסגעפײַנערטע שמיעה נישט געהאַט און אָבזאָגענדיג עטליכע גראָבע קללות, האָט ער זײַן קאָפּ אָבגערוקט פון דער טהיר, וועלכע האָט זיך באַלד פערמאַכט פאַר איהם. דאָרט, הינטער דער טהיר, האָט איהם אָבגעוואַרט אַ גרופּע מענשען, צווישען וועלכע עס האָבען געבלאַנקט אין דער פינסטערניש די פינגערלעך און אַרעם־בענדער פון דער מצרית חראמיא און עס האָט זיך אויסגעצייכענט דאָס גרויסע, גראָבע געשטאַלט פון באַבאַסין.

— איך ווײס נישט, איך האָב נישט געזעהן; דאָס טײַוועלשע מײדעל האָט איהם פערשטעלט — האָט סילאַס געזאָגט צו זײַנע חברים.

— פאַר וואָס ביסט דו נישט אַרײַנגעגאַנגען, סורישער אײזעל? — האָט חראמיא געשריען.

— אַ דאַנק דיר. אויב מײַנע אויגען האָבען מיך נישט גענאַרט,

וואָלט מיך דאָס קרומע מעסער פֿון דעם מענשען־העקער אָבגעשיקט צו די געטער פֿון אונטער דער ערד...

— דאָס מײדעל האָט אפשר אמת געזאָגט — האָט זיך אָנגערופֿען באַבאַס, וועלכער האָט אונטערגעהערט אונטער סילאַס'ן — אפשר איז דאָס טאַקי גאָרגיאַס'עס זוהן.

— די האַנד וועל איך מיר לאָזען אָבהאַקען, אויב דאָס איז נישט דער, וואָס די רומישע מאַכט זוכט איהם און וויל גוט בעלוינען דעם מענש, וואָס וועט ענטדעקען וואו ער איז. אַ גאַנצען חודש וואָלטען מיר געקענט שכור'ן פֿאַר דעם געלד, וואָס מיר וואָלטען בעקומען.

— נאָך אַ מאָל זאָלסט דו שוין בעסער קוקען! — האָט חראַמיאַ געשריען מיך כעס — אויב דו וועסט מיר נישט אָברוימען דאָס מײדעל, וועל איך דיך פֿערבײטען אויף באַבאַס'ן, וועלכער וויל מיך שוין לאַנג... אַ נאַרישע מויד בין איך, אַז איך האַלט זיך שוין אַזוי לאַנג מיט אַזאַ אונבעהאָלפֿענעם, ווי דו!...

סילאַס האָט שטיל געזיפֿצט:

— מען וואָלט זיי באַלד אָבגערוימט, ווען מען וואָלט זיך דערוואוסט, אַז ביי זיי געפֿינט זיך דער ערגסטער שונא פֿון דעם צעזאַר און פֿון די געטער!

די גאַנצע גרופּע איז צוריקגעגאַנגען אין דער שענק, אין וועלכער עס האָבען זיך געהערט די טענער פֿון דער סירישער סומבוקי..

אין מנחם'ס שטוב איז שוין געווען פֿינסטער און שטיל.

VI

צומאָרגענס איז זעהר רוישענד געווען דער טראַנסטיבערים און אממעהרסטען — דער טהײל אין וועלכען יודען און סירער האָבען געוואָהנט. דאָס גערויש איז בעשטאַנען פֿון צוויי מינים: איין מין איז געווען אַ שרײענער, פֿרעהליכער, דער צווייטער — אַ געשטיקטער שטילערער. קיין שום מענש פֿון די סירער, וועלכע האָבען זיך געוועהנליך בעשעפֿטיגט מיט טראָגען לעקטיקעס, אויסלאָדענען סחורות פֿון די שיפֿען, אויסאַרבײטען ציגעל, איז דאַמאָלס נישט געגאַנגען צו זײן אַרבײט, נאָר אַלע האָבען זיך פֿערזאַמעלט נעבען זײערע הײזער און נעבען די שענקען פֿיהרענדיג לעבהאַפֿטע שמועסען צוזאַמען מיט דעם המון פֿולע, אָרעמע פֿון טראַנסטיבערים און אויך פֿון דער צווייטער זײט טיבער, וועלכע זענען געשפּײזט געוואָרען פֿון דער מלוכה. דער גאַנצער האַלב נאַקעטער המון האָט גערעדט

פון דעם מארגענדיגען יום־טוב, צו וועלכען עס ווערען געמאכט פארבערייטונגען אויף פערוויילונגען. דאס ווארט „פערוויילונגען" איז געוועזען, ווי א מין כשוף, וועלכעס האט גערייצט דאס בלוט, דערהיצט דעם דמיון און די נייגיריגקייט. אלע האבען גערעדט, געשמועסט אין עטליכע לשונות. אממעהרסטען האט מען געהערט די לאטיינישע שפראך, עס האבען זיך אויך געהערט געשרייען אין גריכישען און סירישען. אלע האבען זיך אבער גוט פערשטאנען איינער דעם אנדערן.

צווישען די מענשען פון פערשידענע בעפעלקערונגען האבען זעהר אפט געפלעגט פארקומען שארפע מחלוקת'ן, אבער היינט, א טאג פאר די פערוויילונגען, האט געהערשט צווישען אלע איין אבווארטונג אויף דעם מארגענדיגען טאג. מחלוקת'ן האבען איצט אויך נישט געפעהלט צווישען זיי, נישט שטארק זענען זיי אבער געוועזען און לייכט זענען זיי דורכגעגאנגען. עטליכע האבען געשריען, אז זיי וואלטען בעסער געוואלט זעהן, ווי גבורים קעמפפען איינער מיט'ן אנדערן, אדער טעאטער־פארשטעלונגען; דאס אויפטרעטען פון דעם אדעל אויף זייערע פערד, וועלכעס האט געזאלט פארקומען אויפ'ן מארס־פעלד, קען זיי גאר נישט ווייל'ען. דער רוב האט זיך אבער זעהר געפרעהט מיט דער האפנונג, אז אויף דעם מארס־פעלד וועט מען זעהן די טראיאנער טענץ, וועלכע וועלען געפיהרט ווערען דורך טיטוס'ן דעם זוהן פון צעזאר. אממעהרסטען האט מען זיך געפרעהט מיט דעם, וואס עס האט געזאלט פארקומען אין סוף פון די פערוויילונגען. דער נאמען פון בירוניקה איז דערמאנט געווארען יעדע ווייל'ע. קיין איינער פון די מענשען, וועלכע האבען געהערט צו דער נידריגסטער קלאסע פון דער בעפעלקערונג אין רוים, האט פון דער נאהנט נישט געזעהן די קעניגין פון האלצירא, די שעהנסטע פרוי פון מזרח, וועלכע האט בעצויבערט טיטוס'ן און ער וועט זי אלס זיין פרוי, ווייזען דעם גאנצען פאלק. דערנאך, פון מיטאג אן, וועלען אין פלאמיאנישען צירק פארקומען געיעגען פון וועגען און צומארגענס וועט זיין א אויסשטעלונג פון זעלטענהייטען און אגרוים מאהלצייט, וואס צעזאר מאכט זיין פאלק.

בעת בירוניקה'ס נאמען איז איבערגעגאנגען פון מויל צו מויל, האבען אראבגעלאזט די אויגען צו דער ערד אנדערע גרופע מענשען, וועלכע האבען היינט אויך נישט געקענט זיצען אין זייערע שטיבען ביי זייער ארבייט. די מענשען זענען געוועזען יודען, וועלכע זענען געוועזען שרעקליך גערידהרט אבער נישט וועגען די פערוויילונגען, וואס

האבען געזאלט פארקומען, האבען זיי געשמועסט. דער אנדערער המון האט נישט געוואוסט וועגען וואס די גרופעס יודען שמועסען, זיי האבען געשמועסט שטיל, בסוד און טרויעריג זענען זיי געווען מעהר ווי א אנדערט מאל. זייער שטיל געשפרעך, זייערע בעוועגונגען און בעאונרוהיגטע בליקען זענען נישט געווען בעוואוסט דעם גרויסען המון, וועלכער האט הויך געשריען און זיך געפרעהט.

ווען עס וואלט ווער פון דעם המון אונטערגעהארכט, וואס עס טהוט זיך ביי יודען, וואלט ער זיך דערוואוסט, אז אזוי ווי ביי דעם המון הערט זיך נאר דער נאמען בירוניקה, אזוי הערט זיך ביי יודען נאר דער נאמען יונתן, קיינער האט אבער נישט אונטערגעהארכט. אפילו סילאס האט פערגעסען זיין שנאה צו מנחם'ן און אויסציהענדיג פאר דער שענק זיינע בארפוסע פיס, האט ער געשפיעלט מיט זיינע חברים אין ניס. דער הויכער באבאס, האט געוויזען זיין קראפט, פונאנדערטיילענדיג שנעלען אין די נעז פון די, וואס זענען נעבען איהם געשטאנען, פון וועלכע עטליכע זענען געפאלען און אנדערע האבען זיך געוואקעלט אויף די פיס, חראמיא איז געשטאנען אנגעשפארט אן דער וואנד פון דער שענק און פינקלענדיג מיט איהרע זילבערנע פינגערלעך און ארעמבענדער, האט זי דערצעהלט, אז איהר מאראם פאניא האט זי בעפרייט און אבגעשאפט פון איהר הויז. אנדערשוואו וואלט מען זי געשלאגען און געהייסען בעדינען אין דער קיך, נישט אריינלאזענדיג זי אין סאלאן; ביי דעם פרעטאר האט מען אבער שלעכטע דינסטען נאר אבגעשאפט פון הויז. מיט איהר פרייהייט האט זיך זעהר געפרייט די אייגענטימערין פון דער שענק, חאראפיא, וועלכע האט געוואלט זי זאל אויף שטענדיג פערבלייבען אין דער שענק. די מצרית חראמיא מיט איהרע פלינקע בעוועגונגען, פורפור־ליפען, שווארצע האר און בלאנקענדע ארעמבענדער, האט צוגעצויגען פיעל געסט צו דער שענק. חאראפיא האט איהר געגעבען פיעל זויערען שטארקען וויין, מאכענדיג איהר א חשק, זי זאל די שענק קיינמאל נישט פערלאזען.

— לוסטיג איז מיר דא צווישען אייך, פריינד! — האט זי געשריען — אבער נאך לוסטיגער וועט זיין אין דעם טאג, ווען די קובערס פון צעזאר וועלען בראטען פון אונזערט וועגען אקסען און חזירים און זיינע געטראנקען־מייסטערס וועלען אונז די קעהלען פערגיסען מיט וויין, וועלכער וועט נישט זיין אזוי זויער, ווי דער וויין פון חאראפיא! א, ווי גוט איז דער צעזאר! פערוויילונגען און מאהלצייטען גיט אונז דער צעזאר! פערוויילונגען און א מאהלצייט וועלען מיר

האָבען! לעבען און גליק זאָל האָבען דער צעזאַר, אונזער הערשער!
— האָבען אויסגעשריען פיעל קולות, וועלכע האָבען זיך געהערט ווייט.

אויף דעם פלאַכען דאַך פון מנחם'ן, הינטער רער וואַנד פון דער „עליה" (דאַך-צימער) זענען צווי מאַטפּערזאָנען האַלב געלעגען, האַלב געזעסען אויף די געהאַפטענע קישענס פון שרה'ן, איינער פון זיי איז געווען יונתן און דער צווייטער האָט געהאַט זיין קאָפּ בעדעקט מיט אַ קאַפּטור, די פּנים'ער האָבען זיי געהאַלטען נאָהנט, איינס נעבען אַנדערן און האַלטענדיג זיך ביי די הענד, האָבען זיי שטיל צווישען זיך גערעדט.

— יוסטוס! — האָט יונתן געזאָגט — מיין גורל איז פיעל מאָל בעסער פון דיינעם. ווי אַ יעגער יאָגט נאָך אַ הירש, אַזוי יאָגען מיך די, געגען וועלכע איך האָב געקעמפּפט, ווי לאַנג עס איז נאָך געווען עפּעס אַ האָפנונג. אָבער מיין האַרץ און מיין פּנים לייקענען נישט און מיין ברוסט עס איך נישט ביי דעם טיש פון די פעררעטהער, ווי דו, אַגריפּוס'ענס סעקרעטער, וועלכער מוזט יעדען טאָג זיין ביי בירוניקה'ן און יוסף'ן!

יוסטוס האָט נאָך מעהר פערדעקט זיין פּנים מיט דעם קאַפּטור.

— צו קעמפּפען מיט געוועהר האָב איך נישט געהאַט קיין נייגונג און מיינע איבערצייגונגען האָבען מיר דאָס נישט ערלויבט — האָט ער שטיל געענטפערט — און דעריבער בין איך מיט דיר נישט געגאַנגען, ווי אַנדערע מיינס גלייכען. ווען מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז אין לאַנד יהודה פאַרבערייט מען זיך צו פאַרפאַלען, דאַך בין איך אין מיין האַרץ און זעעלע טריי געבליבען מיין פאַטערלאַנד און אונזער אמונה און איצט, ווען מנחם האָט מיר מודיע געווען, אַז דו ביסט געקומען, בין איך געקומען גיך, אום דיך ברודער צו זעהן.

נאָך אַ ווייל׳ע האָט ער ווייטער געזאָגט:

— ווילסט דו, אַז איך זאָל דיר ווייזען זאַכען, וועלכע דו קענסט נישט העל זעהן.

— זאָג — האָט יונתן געזאָגט.

— איך וויל רעדען — וועגען די מענשען, וועלכע הייסען ביי אייך אָבגעפאַלענע און פעררעטהער. די רייכע, וועלכע קענען די גריכישע און רוימישע ציוויליזאַציע און די איינאָרדנונגען פון דער רוימישער מלוכה, אגריפּוס, יוסף און אַלע זייערס גלייכען, מיינען, אַז דער קאַמפּף מיט דעם מעכטיגען רוים איז אַ שגעון, וועלכער

ברענגט דאָס קליינע לאַנד יהודה צום אונטערגעהן. דאדורך האָבען זיי איינגעשטימט מיט דעם, וואָס איהר האָט נישט געוואָלט דערליידען און איהר האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער הייליגע שטאָדט און אונזער בית-מקדש זענען חרוב געוואָרען.

אויף יונתנ'ס בלאַסע ליפּען האָט געשוועבט אַ ביטערער שמייכעל.

— ביסט דו דען זיכער, יוסטוס, אַז זייער איינשטימען מיט רוים שטאַמט פון דעם, וואָס זיי ווילען דערהאַלטען דעם עלענדען קיום פון אונזער לאַנד און אונזער אָרעם פאָלק? האָט דען נישט פערבלענדט זייערע אויגען די מעכטיגקייט פון רוים? ציִ זענען זיי נישט בעצויבערט געוואָרען מיט דעם בלאַנק און מיט די תענוגים, וועלכע אונזער תורה האָט אונז פערוועהרט און די קינדער פון אונזער וויסט לאַנד קענען צו זיי נישט דערגרייכען? זייערע פּאַלאַצען זענען פול מיט בילדער פון מענשען און חיות, זייערע טישען בויגען זיך אונטער דער לאַסט פון מאכלים, וועלכע קיין שום יוד עסט נישט, מלבושים טראָגען זיי רוימישע, אויף רוימישע בעטען ציהען זיי אויס זייערע גלידער מיט בעקוועמליכקייט. יוסף פלאַוויוס האָט אָנגעהויבען צו בעקומען רייכע מתנות פון נירונ'ס קעבס-ווייב און אַספּסינוס האָט איהם געגעבען גרויסע גיטער; אַגריפּוס'ן האָט מען געגעבען דאָס קעניגרייך פון חאַלצידאַ, וועלכעס איז אָבגענומען געוואָרען פון בירוניקה, וועלכע בעקומט...

וואָס מעהר ער האָט גערעדט, דאָס גיכער זענען די ווערטער אַרויס פון זיין מויל און דאָס מעהר האָבען זיינע אויגען געפלאַמט מיט שנאה. אין זיין האַנד האָט ער קאָנוואולסיש צוגעדריקט עפּעס אַ זאַך, וועלכע איז געווען פערבאָרגען אונטער זיין מלבוש ביי דער ברוסט. קריצענדיג מיט די צייהנער האָט ער ווייטער געזאָגט:

— דאָ קען מען זיי נישט ריהרען, דאָ קען מען צו זיי נישט צוקומען; די בעוואָפענטע רעכטע האַנד פון רוים נעהמט זיי אַרום און שיצט זיי, אָבער דאָרט, יוסטוס, דאָרט...

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ געשטיקטע שטימע.

— דאָרט, אין ירושלים, האָט דאָס בלוט פון זייערס גלייכען זיך געגאָסען אין די גאַסען און פון זייערע צוהאַקטע קאָפּ-ש לען זענען אַרויסגעשפּרונגען די מוחות און האָבען בעשפּריצט די הייליגע מויערען, וועלכע זיי האָבען נישט געוואָלט שיצען!

יוסטוס האָט אַ ציטער געטהון.

— אָ, יונתן! — האָט ער אַ געשריי געטהון — וואָס האָבען פון דיר געמאַכט די עטליכע יאָהרען, זייט דו ביסט אַוועק פון דאַנען!...

איך האָב דיך געקענט אַלס דרייסטען יונגען מאַן. אָבער אַגוט הערץ האסט דו אַלע מאָל געהאַט: דו האָסט געשטרעבט צו פערטיידיגען אַלע פערפאָלגטע, אָבער מיט בלוט און אכזריות האסט דו זיך געמיאוס'ט... אָבער איצט... איצט ביסט דו, ווי אַ איינוואהנער פון דער מדבר, וועלכער קעמפפענדיג געגען לייבען און בערען, האָט ער פערגעסען די זיסע מענשליכע געפיהלען, דו ביסט אַזוי, ווי איינער, וואָס אין זיינע אויערען האָט קיינמאָל נישט געקלונגען די גן-עדנ'דיגע הבטחה פון דעם נביא: „זיי וועלען מאַכען פון זייערע שווערדען גרובאייזענס און פון זייערע שפּיזען-שנייד-אייזענס און אַ שעפּעלע וועט מיט אַ וואָלף וואָהנען און אַ קינד וועט זיך שפּיעלען ביי אַ נעסט פון שאָקאַלען"!...

אין יונתנ'ס אויגען האָט זיך געוויזען אַ אויסדרוק פון ערביטערונג.

— ציז ביסט דו, יוסטוס, געזעסען אין דעם הייליגען קאָפּ פון נביא און דו האָסט זיך דערוואוסט, ווי ווייט אין דער צוקונפט זיין בליק האָט דערגרייכט, ווען ער האָט זיין גן-עדנ'דיגע הבטחה געגעבען? נאָר דער אייביגער גאָט קען וויסען, ווען די הבטחה וועט מקוים ווערען. איך, וועלכער איז דורך גאַנץ האַנד אַרום געצויגען געוואָרען פון אַ ים מיט בלוט און פלאַמען, איך ווייס זעהר גוט, אַז די צייטען זענען נאָך נישט אָנגעקומען. ווי לאַנג דער יושר וועט נישט הערשען אויף דער וועלט, ווי לאַנג אַ מענש וועט אָנפאַלען דעם אַנדערן און דער שטאַרקערער וועט טרעטען דעם שוואַכען, אַזוי לאַנג מוז די שווערד פון נקמה יאָגען די, וועלכער פאַלען אָב, ווי אַגריפּפּוס און יוסף, פון שוואַכע און רעכטשאַפענע...

— יעדער מענש טראָגט אויף זיך אַ לאַסט פון אייגענע זינד—האָט יוסטוס געענטפערט מיט טרויעריגקייט—אויב יענע זינדיגען מיט זייער קאַלט-בלוטיגקייט און זייער תאוה צו תענוגים און עשירות, זינדיגט איהר מיט אייער צו-גרויסער התלהבות, מיט אייער שגעון, וועלכער וואַרפט אייך אין אַ ים פון אומזיסטיגע יסורים, מיט אייער האַרט האַרץ, וועלכעס מיאוס'ט זיך נישט מיט אכזריות. איהר רופט זיי אָבגעפאַלענע און פערעטהער און ביי זיי הייסט איהר „בלוטיגע הענקער"...

— מיר זענען טאַקי בלוטיגע מענשען! — האָט יונתן אויסגעשריען אויסגלייכענדיג זיך אויף זיין שטוהל.

און אין דער רגע האָט געבלאַנקט אין זיין האַנד אַ פערבלוטיגט

מעסער, וועלכעס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קורצע, צוויי־שאַרפיגע שווערד.

— יאָ, יוסטוס, אַ היציגער בין איך. ווען איך האָב געקענט, האָב איך אָבגעהאַקט בלוטיגע ווייַנטרויבען אין דעם ווייַנגאָרטען פון ארום און נאָך היינט בין איך גרייט זיי צו האַקען... מיט דעם אָט שנייַדמעסער.

יוסטוס האָט זיך פערשטעלט די אויגען מיט די הענד.

— בעהאַלט דאָס געוועהר! — האָט ער שטיל געזאָגט — די שווערד קען דיך נאָך אויסגעבען... צו וואָס טראָגסט דו זי ביי זיך?... אין דיין משוגע האַרץ קען לייַכט אָנקומען אַ תאוה...

יונתן האָט גיך אַרייַנגערוקט דאָס מעסער אין בוזעם און מיט אַ ביטערען שמייכעל האָט ער געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא! דיין אגריפּוס'ן וועט קיין עולה נישט געשעהן. לאַנג און שרעקליך האָב איך געליטען, איך וויל איצט אָברוהען. איך וועל געהן וויַיט פון דאַנען, אין אַ שטיל ווינקעלע וועל איך בויען מיין הויז און צוזאַמען מיט מיין פרוי וועל איך ערציהען מיינע זיהן, וועלכע איך וועל אָבער לאָזען אַ ירושה...

יונתן האָט אויפגעהערט צו רעדען. פאַר מנחם'ס הויז איז פאַרביי געגאַנגען אַ מחנה האַלב־נאַקעטע און באָרפוסע מענשען, וועלכע זענען געפיהרט געוואָרען פון פרויען, וואָס האָבען געשפּילט אויף פערשידענע אינסטרומענטען, די מענער האָבען געהאַט גרינע קרענץ אויף די קעפּ און אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען פער־וועלקטע רויזען.

— געזונד און גליק דעם הערליכען טיטוס, דעם זוהן פון געטליכען צעזאַר! געזונד און גליק בירוניקה'ן, דער שעהנער געליעבטער פון טיטוס'ן!

— הערסט דו, יוסטוס? הערסט דו דאָס? — האָט יונתן שטיל געזאָגט מיט כעס.

— אַ נאָמען פון אַ יודישער טאָכטער דערמאָהנט די נידערטרעכ־טיגע באַנדע מיט דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט אונזער לאַנד חרוב געמאַכט! קען דאָס זיין, יוסטוס, אַז זי זאָל קענען ווערען זיין ווייב? צי וועלען מענשען דאָס קענען צוזעהן? אַזוי שווער בעליידיגט זאָלען ווערען אונזערע שמערצען און אונזערע חורבנות?

יוסטוס האָט אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ און געענטפערט:

— ליידער! אַזוי וועט, ליידער, זיין! טיטוס ליעבט זי מעהר פון זיין אויגען־אַפּעל, און זי... צי קען אַ פרויענצימער אָבוואַרפען

די האַנד פֿון אַ זעהר שעהנעם מאַנספֿערזאָן, וועלכער איז נאָך דערצו דער מעכטיגסטער אויף דער וועלט? טיטוס איז דער שעהנסטער מאַנספֿערזאָן אין רוים און דער נאַכפֿאָלגער פֿון אספּסינוס׳ן.

— איך האָב זי אַ מאָל געזעהן — האָט יונתן געזאָגט זייענדיג פֿערטראַכט — איך האָב זי געזעהן בעת די ערשטע אויפֿשטאַנדס־בעוועגונגען אין ירושלים, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿ׳ן דאַך פֿון זיהר פּאַלאַץ מיט שאַרלאַט און גאָלד איז זי אין גאַנצען בעדעקט געוועזען. די הענד האָט זי דאַמאָלס צו אונז אויסגעצויגען, בעטענדיג אונז, מיר זאָלען זיך פֿונאַנדערגעהן, זיך בערוהיגען און נישט ציהען אויף זיך די נקמה׳דיגע האַנד פֿון די רוימער... זי איז דאַמאָלס חערליך שעהן געוועזען און דאָס פֿאָלק האָט געשריען צו איהר: „דו ביסט אַ אייניקעל פֿון די חשמונאים, זיי אַזוי, ווי דיינע זיידעס זענען געוועזען; זיי אַזוי, ווי יהודית, ויעלכע האָט געהרג׳עט דעם שונא פֿון יודען, הולפֿרנוס! נעהם אין דיין האַנד די שווערד און מיט דעם גייסט פֿון דיינע אבות, געה פֿאַר אונז אין דער מלחמה, ווי דער עמוד אש איז געגאַנגען פֿאַר יודען אין דער מדבר!" אין דעם מאָמענט האָט זי געקענט זיין די נשמה פֿון איהר פֿאָלק, זיין קראַפֿט און זיין לויב און — אפשר אויך זיין ישועה... אָבער זי...

— איך ווייס — האָט יוסטוס געזאָגט — צוזאַמען מיט איהר ברודער איז זי ענטלאָפֿען פֿון ירושלים...

— זי איז ענטלאָפֿען און איהר זיכערהייט האָט זי געזוכט אין דער מחנה פֿון די רוימער! דאָרט האָט טיטוס מיט איין האַנד געוואָרפֿען פֿייער אויף ירושלים און מיט דער אַנדערער האַנד האָט ער איהר געגעבען טייערע מתנות... אָ, אייביגער גאָט! צי וועט קיין איינער פֿון דיינע דונערען נישט אַריין צווישען די מענשען, אום עס זאָל צוריסען ווערען דער פֿערבאַנד, וועלכער ברענגט אונז אַזוי פֿיעל שאַנד?

יונתן האָט דאַמאָלס שרעקליך אויסגעזעהן. זיינע אויגען האָט ער אויפֿגעהויבען צום הימעל, זיין אויסגעדאַרט פּנים האָט זיך פֿערקרומט און אין זיין האַנד האָט ווידער געבלאַנקט דאָס מעסער. יוסטוס האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי די הענד.

— בערוהיג זיך! דאָס, וואָס דו קענסט אַזוי נישט דערלייַדען, וועט אפשר גאָר נישט געשעהן. טיטוס וואָלט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט בירוניקה׳ן, ווען זיין פֿאָטער וואָלט נישט געווען געגען דעם. אספּסינוס וויל, אַז זיינע זיהן זאָלען חתונה האָבען מיט טעכטער פֿון די גרעסטע פֿאַמיליעס אין רוים, אום דערמיט געהויבען צו ווערען

בײַ דעם פֿאָלק, וועלכעס געדענקט גוט, אַז ער שטאַמט פֿון אַ נידריגע משפּחה. ווען דער אָדלער פֿון רוים וואָלט נישט געווען געגען דעם, אַז דער קינפֿטיגער צעזאַר זאָל חתונה האָבען מיט אַ פֿרוי פֿון מזרח, ווען עס וואָלטען נישט געווען געגען דעם די פֿילאָזאָפֿען, וועלכע האָבען דאָ אַ גרויסען איינפֿלוס און זיי האַסען יודען צוליעב זייער אמונה, וועלכע זיי האַלטען פֿאַר אַ פֿינסטערע מאַכט — וואָלט שוין טיטוס לאַנג חתונה געהאַט מיט בּירוניקה'ן. ווייסט דו, יונתן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם פֿילאָזאָף הערעאַס, וועלכער האָט עפֿענטליך געזידעלט טיטוס'ן, ווײַל ער ווײַזט אָפֿען, אַז ער ליעבּט בּירוניקה'ן? אויף אַ עפֿענטליכען פּלאַץ האָט מען איהם דעם קאָפּ אָבּגעהאַקט. אַ שרעקליכע שטראָף האָט פֿאַר דעם זעלבּען געהאַט דיאָגעזיוס פֿון פּרוזיאַ. אין צירק, פֿאַר הונדערט טויזענד פֿערזאַמעלטע מענשען, האָט ער געשריען צו טיטוס'ן, ער זאָל צוריק צו זיין פֿערלאָזענע פֿרוי, מאַרציאַ פֿורמיליאַ, און בּירוניקה'ן זאָל ער אָבּשיקען אין איהר פֿאָטערלאַנד... דיאָגעזיוס'ן האָט מען עפֿענטליך געגעבּען מלקות און פֿון רוים האָט מען איהם אַרויסגעטריבּען. אָבּער די קרובים און גוטע-פֿריינד פֿון מאַרציאַ פֿורמיליאַ זענען געבּליבּען אין רוים און דורך זיי ווערט פֿערגרעסערט די צאָהל פֿון צעזאַרס שונאים, וואָס אָן זייער שפּיץ שטעהען דער פּרעטאַר העלווידיוס און דער פֿילאָזאָף מוזאָניוס...

יונתן האָט אויסגעהערט די ערצעהלונג מיט נייגיריגקייט.

— יוסטוס! — האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט — בכן ווילען די רוימער נישט דעם שידוך, ווײַל זיי פֿעראַכטען און האַסען אונז... און צווישען אונזערע בּרידער האָט זיך נישט געפֿונען קיין שום דרייסטער, וועלכער זאָל זיך געגען שטעלען?...

— ווי קען זיך בּײַ אונז געפֿינען אַזאַ דרייסטער? — האָט יוסטוס געענטפֿערט — די, וועלכע געהערען צו בּירוניקה'ס גוטע-פֿריינד ווילען, אַז זי זאָל חתונה האָבען מיט טיטוס'ן, ווײַל לויט זייער מיינונג, וועט דאַדורך זייער כבוד גרעסער ווערען און אונזער פֿאַטערלאַנד וועט געהאָלפֿען ווערען; אַנדערע זענען אָרים, פֿערחשך'ט, בּעלי-יסורים, בּעשראָקען און ווי קרעטען אַרבּייטען זיי אונטער דער ערד...

יונתן האָט נישט געענטפֿערט און איז געוואָרען זעהר פֿערטראַכט, יוסטוס האָט איהם די פֿערטראַכטונג נישט איבּערגעריסען. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און אומזיסט האָט ער געזוכט שפּורען פֿון דער יוגענד אויף דעם געזיכט פֿון זיין חבר.

אויף די טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט פון דער שטוב אויף דעם פלאַכען דאַך, האָט זיך פלוצלינג געוויזען מירטאַלאַ. אין איין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ שיסעל, וועלכע איז פול געווען מיט פרוכטען און אין דער אַנדערער האַנד – אַ קריג פון רויט לעהם. באַלד דערנאָך איז זי געשטאַנען פאַר יוסטוס'ן און יונתנ'ן מיט איהרע פייערינע לאָקען, וועלכע האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף איהר ווייס פנים און דאַרע אָרעמען.

– מיין פ..טער, מנחם - האָט זי געזאָגט אַראָבלאָזענדיג די אויגען – האָט מיך געהייסען, אַרויסגעהענדיג פון דער היים, מכבד זיין דיך, יוסטוס, מיט פרוכטען און וויין. איך האָב אַלזאָ געבראַכט פלוימען, טייטלען, מאַנדלען, פייגען און וויין, ווי מיר זענען אים שטאַנד.

זי האָט געזאָגט די ווערטער שטיל, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, נישט אויפהויבענדיג די אויגען אויף די צוויי מאַנספּערזאָנען. זי האָט באַלד געוואָלט אוועקגעהן, נאָר יונתן האָט זי פערהאַלטען.

– געה נישט אַוועק! – האָט ער געזאָגט – פאַר וואָס ענטלויפסט דו שטענדיג פון מיר? זעץ זיך, איך וויל אויף דיר קוקען.

זי איז דאָרט געבליבען, נאָר געזעצט האָט זי זיך נישט. דעם אָרעם האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן דער בעצוימונג פון דאַך און געקוקט וויַט מיט אַ אונבעוועגליכען בליק. יוסטוס האָט געגעסען עטליכע פרוכטען, אויסגעטרונקען אַ בעכער וויין און זיך אויפגעשטעלט.

– איך מוז שוין געהן. די זון וועט באַלד אונטערגעהן...

מירטאַלאַ האָט איהר פנים געווענדעט צו יוסטוס'ן.

– באַלד וועט די זון אונטערגעהן? – האָט זי געפרעגט יוסטוס'ן.

יוסטוס, וועלכער האָט מיט פערגניגען געקוקט אויף איהר, האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

– זעה דאָרט... הינטער דער גרופּע פלאַכע דעכער.., זעהסט דו דעם קיילכיגען בויגען גערמאַניקוס?

זי האָט געקוקט דאָרט הין, וואו יוסטוס האָט איהר געוויזען מיט'ן פינגער און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

– ווען דער בויגען הויבט זיך אָן באָרען, ווי איצט אין רויטע שטראַהלען, געהט די זון באַלד אונטער. וואָס איז דיר? דיינע אויגען האָבען בעקומען עפּעס אַ משונה'דיגען אויסדרוק און מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט אַ ציטער געטהון...

— אַ קִיהל ווינדעל אִיז דאָ אָנגעקומען פֿון טִיבר און פֿון דעם בויגען... מִיט דִי שטראַהלען... האָבען מיינע אויגען געבלענדט...

— זִי שעהמט זִיךְ, יוסטוס — האָט יונתן שטִיל געזאָגט — ווען זִי האָט דִיר געענטפֿערט, האָט אִיהר פּנים בעגאָסען אַ רויטלִיכקייט, וועלכעס אִיז עהנלִיךְ צו דעם רויטלִיכקייט פֿון הִימעל אויף מזרח-זייט, בעת דִי זון געהט אויף...

— זִי אִיז שעהן און פֿול מִיט חן — האָט יוסטוס אויך שטִיל געענטפֿערט און זִיפֿצענדִיג האָט ער ווייטער געזאָגט — הלואי זאָלסט דו בייַ דייַן געלִיעבטע קענען גיךְ בערוהִיגען דייַן הארץ!...

נאָךְ אַ ווייַלע אִיז ער אַוועקגעגאַנגען און מִירטאַלאַ האָט ווִידער געמאַכט אַ בעוועגונג, ווִי זִי וואָלט געוואָלט אַוועקגעהן.

— שטעה אויף! — האָט יונתן ווִידער געשריען.

זִי אִיז געשטאַנען פֿאַר אִיהם צומִישט.

— זעץ זִיךְ דאָ נעבען מִיר.

זִי האָט זִיךְ געזעצט אויף דעם אָרט, וואו יוסטוס אִיז פֿרִיהער געזעסען און האָט אויף אִיהם נִישט אויפֿגעהויבען דִי אויגען.

— פֿאַר וואָס ענטלויפֿסט דו פֿון מִיר? צו בעהאַנדעלסט מִיךְ אַזוי, ווִי אִיךְ וואָלט געוועזען אַ פֿרעמדער. צִי האָסט דו מִיךְ קיינמאָל נִישט גערופֿען ברודער? מִיר זענען בייַדע אויפֿגעוואַקסען אונטער איין דאַך. צִי האָב אִיךְ דִיר אַ מאָל אַ עולה געטהון?

ווען ער האָט געזאָגט דִי ווערטער, אִיז זיין בלִיק געוועזען לִיעבלִיךְ, נאָר דער קלאַנג פֿון זיין שטִימע אִיז געוועזען רויה. ער אִיז אַזאַ לאַנגע צייַט געוואָהנט געוועזען צו שרייען אִין מלחמה, אַז ער האָט שוין נִישט געקענט רעדען לִיעבלעך.

— דו האָסט אויפֿגעהויבען אַבִּיסעל דיינע אויגען, מִירטאַלאַ! קוק אַזוי אויף מִיר ווייטער!... פֿון דיינע אויגען פֿלִיסט אויף מיינע וואונדען אַ היילענדער באַלזאַם...

ווען ער האָט אַרויסגערופֿען ערינערונגען פֿון זייער קִינדהייט, האָט זִי טאַקִי אויפֿגעהויבען אִיהרע אויגען און געקוקט אויף אִיהם מִיט שרעק, אָבער אויך מִיט לִיבשאַפֿט. ער האָט זִי באַלד אָנגענומען בייַ דער האַנד. און זיין דאַרע, שוואַרצע האַנד, אִיז געוועזען האַרט, מען האָט אָן אִיהר געשפּירט, אַז זִי אִיז געוואָהנט צו חאַפּען געוועהר מִיר כּעס און דִי רויטע העפֿטען, וועלכע האָבען בעדעקט דִי האַנד, האָבען אויסגעזעהן ווִי פֿלעקען פֿון בלוט. מִירטאַלאַ האָט ווִידער אויסגעדרעהט אִיהר פּנים און ווִידער האָט זִי אַ צִיטער געטהון. אַז אִין אַ אַנדערע וועלט, האָט אַ אַנדערע, ווייַסע

אײדעלע האַנד איהר אַזוי זיס געדריקט די האַנד, אז טײַכען מיט פֿערגניגען האָבען פֿון דער האַנד געפֿליסט אין איהר האַרץ...

— דו האָסט מורא פֿאַר מיר, ווילד קינד! דו ווײסט נישט, ווי צו אַכטען אַ מענש, וועלבער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען אין הײליגע מלחמות? דו פֿערשטעהסט נישט וואָס דאָס איז אַ מענש, וועלבער האָט געקעמפֿט פֿאַר גאָטס פֿאָלק?...

זײַנע אויגען האָבען געברענט פֿון כעס און זײַן האַנד האָט האַרטער געדריקט דאָס קלײנע הענדטעל פֿון מירטאַלאַ'ן.

באַלד איז ער אָבער רוהיגער געוואָרען.

— בין איך דען שטענדיג געווען אַזוי האַרט ווי הײַנט, דערמאָהן זיך מירטאַלאַ, אונזער פֿערגאַנגענהײַט. זומער־צײַט האָב איך דיר געבראַכט רויזען פֿון צעזאַרס גאָרטען; ווינטער האָב איך דיך צוגעדעקט מיט מײַן מאַנטעל. דו ביסט נאָך דאַמאַלס געווען אַ קלײן מײדעלע. אַ מאָל האָב איך דיך אָבגעראַטעוועט פֿון אונטער די פֿיס פֿון אַ פֿערד. נעכטען האָסט דו מיך אָבגעראַטעוועט, פֿער־שטעלענדיג מיך פֿאַר דעם פֿײַנדס אויגען. מײַן האַרץ איז אַ מאָל געווען ווײך, גוט, נאָר די מלחמה און די יסורים, וועלכע איך האָב געליטען, ווען איך בין געווען נע־ונד, האָבען אין מיר אָנ־געצונדען אַ פֿײַער. איצט, ווען איך קוק אויף דיר, קומט צו מיר צוריק מײַן יוגענד. דו ביסט מיר ליעבער פֿון מײַן אויגענ־אַפּעל...

אין זײַנע שוואַרצע אויגען האָט געבלאַנקט אַ פֿלאַם, ווי אין די אויגען פֿון אַ דורשטיגען וואָס רײַזט פֿיעל טעג אין דער מדבר, און פּלוצלונג קומט ער צו אַ טײַבעל מיט קיהל וואַסער. מירטאַלאַ האָט נאָך אַלץ אויסגעדרעהט דאָס פּנים פֿון איהם און איהרע בלאַסע ליפּען האָבען זעהר שטיל איבערגעחזר'ט די ווערטער:

— „אויגען האָסט דו שעהנע, מירטאַלאַ, און דײַנע ליפּען זענען, ווי קרעל, וועלכע זענען בענעצט מיט טהוי"...

און פֿון ווײַטענס האָט זי געהערט אַ שטימע, וועלכע האָט אַ מאָל די ווערטער אַרויסגעזאָגט אין דער קלינגענדער לאַטײַנישער שפּראַך. איצט האָבען צוויי שטימען גערעדט צו איהר: אײנע אַ נאָהנטע, וועלכע האָט געקלונגען האַרט און טרויריג דאָ, נעבען איהר; די צווייטע — אַ יונגע, פֿרישע, זינגענדיגע, ווײַטע, וועלכע איז אַזוי ווײַט פֿון איהר, ווי זי וואָלט פֿון אַנ'אַנדערע וועלט אָנגעקומען...

— די בלוטיגע מלחמה און די לאַנגע צײַט, אין וועלכער איך בין געווען נע־ונד, האָבען פֿון מיר געמאַכט דאָס, וואָס איך

בין. עס איז אָבער שוין פֿאָראיבער די צייט פֿון מלחמות און יסורים. דאָ וועל איך מיט דיר חתונה האָבען, מיין געליעבטע, שטיל, בעשיידען, ווי עס געהער צו זיין אין דער צייט פֿון גלות. איך וויל נישט קיין קראַנץ אויף מיין קאָפּ און נישט קיין פֿלייטען און צימבאַלען ביי מיין חופה; מען וועט דיך נישט טראָגען צו דער חופה אין אַ בלאַנקענדע לעקטיקע און מיידלעך וועלען דיינע האָר נישט בעצירען מיט בלומען... די חתונה פֿון אַ בעזיגטען מוז אויך זיין איינגעהילט אין אַ הייליג טרויעריגקייט.

מירטאַלאַ איז וואָס אַ מאָל בלאַסער געוואָרען און האַלטענדיג דאָס פּנים אויסגעדרעהט פֿון יונתנ'ן, האָט זי געזאָגט:

„פֿערבלייב אין פּאַניאַס הויז, שעהנהייט און לוסטיגקייט וועלען דיך דאָ אַרומנעהמען אין זייערע אָרעמען און איך וועל דיך לערנען די קונסט פֿון מאַלעריי”...

צוציהענדיג איהר האַנד צו זיין ברוסט, האָט יונתן ווייטער געזאָגט:

— איך וועל דיך פֿיהרען מיט זיך אין אַ גלות־לאַנד, אָבער דאָרט וועט אונז קיינער נישט געפֿונען און קיינער וועט נישט שטערען אונזער רוה. אין אַ נידריג און פֿינסטער שטיבעל, וועלכעס וועט פֿערבאָרגען פֿון דער וועלט מיט די ווענד פֿון די גאַלישע בערגער, וועלען מיר זיך אַ נידער שטעלען צוויי וועבער־שטוהלען, אויף וועלכע איך וועל וועבען און דו וועסט העלפֿען. מיט אונזער אַרבייט וועלען מיר פֿערדינען אויף ברויט פֿאַר אונזערט וועגען און פֿאַר אונזערע קינדערס וועגען. אַזוי וועלען מיר דורכלעבען אונזערע טעג, זייענדיג פֿערגעסען פֿון אַלע...

— „איך וועל פֿון דיר מאַכען די צווייטע יאַיאַ פֿון קריזיקאַס... אַ קעניגין וועסט דו זיין אין דער בעצויבערטער מלוכה פֿון קונסט... איך וועל דיך אַרומנעהמען מיט אַלע תענוגים פֿון ליעב און ליעבע”!...

— אין אַ הייסען זומער־טאָג וועל איך דיך אַרויספֿיהרען, מיין פֿרוי, אין אַ וויינגאָרטען, וועלכען מיר וועלען מיט אונזערע אייגענע הענד פֿערפֿלאַנצען און דאָרט וועלען מיר זיך אָברייסען ווייטרויבען ביז די זון וועט אונטערגעהן...

— די זון געהט אונטער!...— האָט מירטאַלאַ פּלוצלונג אַגעשריי געטהון.

— ווען די ליכטיגקייט פֿון דער זון וועט אין גאַנצען פֿער־לאָשען ווערען, וועלען מיר געהן אין שוהל און דאָרט וועסט דו

צוזאַמען מיט דער גאַנצער קהלה הערען וואָס איך וועל דער־צעהלען . . .

— לאָז מיך אָב, יונתן! די זון געהט אונטער!

איהר קליינע האַנד האָט אומזיסט זיך געאַמפּערט אַרויס־צורייסען זיך פון יונתנ׳ס האַנד; ער האָט זי נישט אָבגעלאָזט. זיין בליק האָט ער איינגעזונקען אין איהר פּנים און האָט ווידער שטרענג געזאָגט:

— וואוהין ווילסט דו געהן? מנחם איז נאָך נישט צוריק־געקומען פון דעם ווערלדעל ענגעריע... שרה׳ס טעכטער רופען דיך נאָך נישט, דו זאָלסט געהן מיט זיי צוזאַמען...

— די זון געהט אונטער! לאָז מיך אָב!

— וואוהין ווילסט דו געהן? מיר־טאַלאַ! מירטאַלאַ!

ווען ער האָט אַ־רויסגעזאָגט איהר נאָמען, האָט זיין שטימע געקלונגען שט־ענג, אימה׳דיג.

— די זון געהט אונטער!...

— צי ווערסט צוזאַמען מיט דער זון אונטערגעהן אויך אַ זינדיגע האָפנונג דיינע?

— די זון געהט אונטער! לאָז מיך אָב!

— הער אויס, מירטאַלאַ! - האָט ער געשריען — פאַר וואָס דערהיצט דו זיך און דו ציטערסט און אין דיינע אויגען בלאַנקט אַ פייער און טרערען פליסען פון זיי? וואוהין ווילסט דו געהן? וואָס אינטערעסירט דיך אַזוי דער זון־אונטערגאַנג? ווער איז געוועזען דער יונגער מאַן, מיט וועלכען דו האָסט געשמועסט שפּעט ביי נאַכט, ווען איך בין אָנגעקומען? צי ווערסט דו אויך בחרפה מאַכען אונזער פאָלק? צי דו... ווי בירוניקה...

מירטאַלאַ איז פערשעהמט געוואָרען און האָט זיך פעשטעלט די אויגען מיט די הענד.

— ניין, יונתן, ניין... לאָז מיך נישט אָב, יונתן! איך וועל בלייבען ביי דיר, לאָז מיך נישט אָב!

זיפצענדיג האָט זי אָנגעכאַפּט זיין אָרעם, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויל זיך צו דעם אָרם צושמידען. ער האָט זי אָבער אָבגעשטופּט פון זיך און אין דער זעלבער רגע, איז איהר דורכגע־לאָפען פאַר די אויגען אַ בלאַנק און אַ אָבקלאַנג פון שטאָל האָט זיך געהערט. יונתנ׳ס קורצע שווערד האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער זיין מלבוש, בעת ער האָט זיך געוואַלדיג אַ וואורף געטהון און זי איז געפאַלען ביי מירטאַלאַ׳ס פיס. זי איז אָבגעשפּרונגען פון אָרט

און מיט טויט-שרעק האָט זי געקוקט אויף דער שווערד, וועלכע יונתן האָט נישט אויפגעהויבען פון דער ערד. זיין בליק, וועלכער איז געוועזען אזוי שארף, ווי זיין שווערד, האָט ער איינגעזונקען אין דעם פנים פון מיידעל, וועלכעס איז וואָס א מאָל בלאסער געוואָרען און מיט א בעוועגונג, וואָס איז געוועזען פול מיט פעראכטונג, האָט עס זיך נאָך מעהר אויסגעדרעהט פון איהם. צווישען זיי האָט א זונשטראהל אָבגעשלאָגען אויף דער שווערד, וועלכע האָט איצט מיט איהר בלאנק פערבלענדט די אויגען. מירטאלא האָט פערמאכט איהרע אויגען און פאר איהר האָט זיך געשטעלט, דאָ, נעבען דעם געוועהר וועלכעס ברענגט טויט — א געוועהר פון קונסט: א פענזעל פון אונטער וועלכען עס קומט ארויס א ווייסע ליליע. אין דער זעלבער מינוט איז אויף דעם דאך אנגעקומען מנחם, וועלכע האָט א ציטער געטהון דערזעהענדיג די שווערד, וועלכער יונתן האָט אויפגעהויבען פון דער ערד. יונתן האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— יוסטוס איז דאָ געוועזען. ער האָט מיר געזאָגט, אז די געצענדיענער אליין זענען אין כעס אויף דער אונפערשעהמטקייט פון בירוניקה'ן. פאר וואָס האָט זיך צווישען אייך נישט געפונען קיינער, וועלכער האָט געזאָלט פרובען זי אָבצוהאלטען פון איהר שרעקליכער זינד, וועלכע פערסמ'ט די נשמות פון אונזערע פרויען? נישט איין יודישע טאָכטער וועט זיך פערגלוסטען צו טהון, ווי בירוניקה!...

אונטען האָבען עטליכע יונגע פרויען-שטימען גערופען מירטאלא'ן. דאָס מיידעל איז גיך אראָבגעלאָפען פון די טרעפ און פאר דער טהיר פון הויז האָט זי געהאלזט עטליכע מיידלעך, וועלכע האָבען זי בעוואָרפען מיט פראגען און אָנגעהמענדיג זי ביי די הענד, ארמען און האלז, האָבען זיי זי געוואָלט פיהרען מיט זיך.

— אונזער מוטער האָט אונז נישט געהייסען קומען אָהן דיר. זי האָט זיך שוין פערבענקט נאָך דיר! — האָט געזאָגט לאכענדיג שרה'ס יונגסטע טאָכטער, לאה, ווייזענדיג איהרע שנעע-ווייסע צייהנער.

די עלטעסטע שוועסטער, רחל, וועלכע איז געוועזען א הויכע און שעהן געקליידעט, האָט געזאָגט צו מירטאלא'ן:

— זייט דיין בעליעבסטער איז געקומען, ביסט דו שטענדיג פערטראכט און שווייגענד. דו קלערסט אודאי שטענדיג נאָר וועגען דעם גליק, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, שענקענדיג דיר אזא גרויסען מאן פאר א געליעבטען!...

— מיין פאָטער, דער אלטער און קראנקער אהרן, וועלכער האָט מיט דיר צוזאמען געפלעגט עסען פריהשטיק אין דער זיילענ-

האַלע, איז היינט געקומען אין דעם הויז פֿון שרה׳ן, אום ער זאָל צוזאַמען מיט שמעונ׳ען געהן אין שוהל. ער וויל אויך זעהן דיך, ווייל דו ביסט אַלע מאָל געווען, ווי אַ פּערל אין זיינע אויגען, דאָרט, וואו אַרום אייך ביידע זענען געווען בלויז פֿרעמדע בענשען.

די ווערטער האָט געזאָגט אַ אויסגעדאַרט, אָרים געקליידעט מיידעל מיט אַבלאַס פּנים׳על און מיט גרויסע אויגען, וועלבע האָבען אויסגעדריקט ליידען. מירטאַלאַ האָט היים געקושט אהרנ׳ס אָרימע טאָכטער, וועלכע זי האָט אַלע מאָל מעהר געליעבט פֿון איהרע אַלע חבר׳טעס, ווייל זי האָט אויך שטענדיג געבענקט נאָך עפּעס שעהנעס, גוטעס, וועלכעס מען האָט אין טראַנסטיבערים נישט געזעהן. די מיטעלע טאָכטער פֿון שרה׳ן, די קליינע, לעבהאַפֿטיגע, פּייעריגע מרים, האָט מיט אונגעדולד געטופּעט מיט איהרע קלינ־גענדע סאַנדאַלען.

— דעם גאַנצען אָוענד ווילט איהר אפשר דאָ בלייבען, ביי דער טהיר פֿון מנחם׳ן! — האָט זי געשריען — אז איהר עפּעגט דאָס מויל, ווייסט איהר שוין נישט ווען אויפֿצוהערען רעדען! אַנשטאָט זיך צו קושען, קוק, מירטאַלאַ, אויפֿ׳ן הימעל! איידער מיר וועלען קומען אַהיים, וועט די זון אין גאַנצען אונטערגעהן!

מירטאַלאַ האָט געקוקט אויפֿ׳ן הימעל און דערזעהן, אַז די זון הויבט טאַקי אָן אונטערצוגעהן און פֿון הינטער צעזאַר׳ס גע־טנער רוקט זיך אַרוים אַ עק פֿון דער האַלבער לבנה.

— געהט אַהיים! — האָט זי גיך געזאָגט — איך וועל באַלד דאָרט־הין קומען... איצט מוז איך געהן... איך מוז... דאָרט־הין צו דער בריק, צום בויגען...

זי האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט לויפֿען, פֿליהען. נאָר פּלוצלונג האָט זי אַרומגענומען אהרנ׳ס טאָכטער און ציטערנדיג האָט זי געזאָגט:

— איך געה מיט אייך... שוין געה איך... נעהמט מיך מיט זיך!...

די מיידלעך האָבען נישט בעמערקט די ענדערונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין מירטאַלאַ׳ן און זיי זענען גיך געגאַנגען מיט איהר אין שרה׳ס הויז, פֿון וואַנען זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ גאַנצע חוואַלע מענשען אין דער שוהל, וועלכע איז געווען העכער פֿון אַלע בנינים אין טראַנסטיבערים.

די שוהל אין טראַנסטיבערים איז געווען נישט נאָר הויך,

אָבער אויך רײַך בעצירט. עס האָט זיך געראַכט, אַז דאָס גאַנצע רײַכטהום, וועלכעס האָט זיך געקענט געפֿינען אין די נידריגע הײַזלעך, האָט געפֿליסט אין דער שוהל אַרײַן. זי איז געווען דער איינציגער בנין אויף דעם אָרט, וועלכער איז געווען געבויט פֿון ציגעל און מאַרמאָר-שטיינער. די טהיר פֿון דער שוהל איז געווען הויך, ברייט און בעצירט מיט קאַרינטער קופּער. אינוועניג איז די שוהל געווען גרויס און הויך, די וועגד און דער סופּיט זענען געווען זעהר ווײַס. בעלײַכט איז די שוהל געווען מיט אַ מעגנע לאָמפּען. אין מיטען איז געווען אַ פֿערגאָלדעטער בעצוימונג, וועלכע האָט אָבגעטיילט די העלפֿט, וואָס איז געווען בעשטימט פֿאַר מענער פֿון דער העלפֿט, וואָס איז געווען בעשטימט פֿאַר פֿרויען. בײַ איין וואַנד איז געווען דער אָרון-קודש צווישען רעהמען פֿון פֿערגאָלדעטע זײַלען, אויף וועלכע עס האָבען זיך געהאַלטען אין דער הויך צוויי טאָוולען מיט גאָלדענע אותיות פֿון די עשרה הדברות און אונטער זיי האָט געהאָנגען אַ פּורפּור-פּרוכת. די טהיר פֿון אָרון קודש איז געווען בעצירט מיט קרענץ פֿון דאַרע צווייגען פֿון צעדערבוימער און עהל-בוימער. די צווייגען זענען געבראַכט געוואָרען פֿון די צעדערען פֿון לבנון און פֿון די עהלבוימער, וועלכע האָבען בעצירט דעם באַרג ציון. שוין לאַנג זענען זיי פֿון דאָרט געבראַכט געוואָרען. זיי זענען פֿערוועלקט און פערדאַרט געוואָרען און דאָך האָט מען זיי פֿון דעם אָרון-קודש נישט אַראָבגענומען, ביז מען האָט געבראַכט פֿרישע. צוויי גאָלדענע זיבענרעהריגע מנורות האָבען העל בעלײַכט דעם אָרון-קודש און די בימה, אויף וועלכער מען איז אַרויפֿגעגאַנגען מיט עטליכע מאַרמאָרנע טרעפּ.

פֿון אַלע געסלעך זענען אָנגעקומען מענער און פֿרויען. שמעון האָט זיי אַלע צונויפֿגערופֿען, בעשטימענדיג די פֿערזאַמלונג אין אָוועגד, כדי עס זאָלען קענען קומען נישט נאָר רײַכערע, וועלכע האָבען צײַט, אָבער אויך אַלע: „פֿון האָלץ-העקער ביז צום וואַסער-טרעגער", ווי אין פסוק שטעהט געשריבען.

אין דער שוהל האָבען זיך פֿערזאַמעלט עטליכע טויזענד מענשען, מענער אין איין זײַט פֿון דער בעצוימונג און פֿרויען אין דער צווייטער זײַט. ווען די שוהל איז שוין כמעט פֿול געווען, האָט מען געזעהן אַ ערשײַנונג, וועלכע איז אַנדערשוואו נישט בעמערקט געוואָרען. די עטליכע טויזענד מענער זענען בעשטאַנען נאָר פֿון זקנים, מענשען, וועלכע האָלטען שוין בײַ אַלט ווערען און

יונגע יונגלעך מיט קינדער. איין דור, דער דור פון יונגע-לייט האט גענצליך דארט געפעהלט. פאר עטליכע יאהר, ווען די הייליגע מלחמה אין ירושלים האט זיך אנגעהויבען, האט דער דור אויסגעוואנדערט אין דעם פאטערלאנד און — קיינער איז נישט צוריקגעקומען. פיעל זענען אומגעקומען אין דער בלוטיגער מלחמה און אין דער שרפה פון בית-מקדש; אנדערע זענען צושפרייט געווארען אויף דער וועלט און האבען געליטען הונגער און עלענדקייט; נאך אנדערע זענען געפאנגען געווארען און זענען ביי די פיינד געוועזען שקלאפען. אין געוועהנליכען לעבען האט מען דאס נישט בעמערקט, אבער ווען די גאנצע געמיינדע האט זיך פערזאמעלט אויף איין ארט האבען טויזענדער אויגען מיט אמאל דערזעהן, אז עס פעהלען זיי די טהייערסטע קרעפטען און די געליעבטסטע פון זייערע הערצער. דאדורך זענען טרויעריג געוועזען די אלע טויזענדער מענשען, וועלכע האבען זיך דארט פערזאמעלט; טרויעריג האבען אויסגעזעהן די טליתים מיט די שווארצע פאסען, אין וועלכע זיי זענען געוועזען איינגעהילט. פריהער האבען די טליתים געפלעגט צו זיין געוועבט נאר פון ווייסע וואל, נאר זייט דאס בית-מקדש איז חרוב געווארען, האט מען אנגעהויבען צו מאכען אן זייערע ברעגען שווארצע פאסען אלס סימן פון אבלות. נישט אזוי טרויעריג האבען אויסגעזעהן די פרויען, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט אין שוהל. עס האבען דארט געבלאנקט יונגע, געזונדע, שמייכעלדיגע פנים'ער. עלטערע פרויען האבען געטראגען אויף די קעפ פיעל פארביגע טורבאנען, אדער הויבען. אנדערע פרויען האבען געטראגען ווייסע, לאנגע שלייערס, וועלכע האבען בעדעקט זייער גאנצען קערפער און ארויסגעזעהן האט מען נאר צוויי גרויסע, ברענענדע אויגען. ערטערווייז האבען געבלאנקט גאלדענע שטערנבענדער מיט גרויסע פערל אין מיטען, האלזבענדער און טהייערע אויהרינג. ערטערווייז האט מען אויך געזעהן טרערען, וועלכע האבען געבלאנקט ווי בריליאנטען ביי דער ליכטיגקייט פון די לאמפען און יונגע, טרויעריגע אויגען, וועלכע האבען געקוקט ווייט מיט אונענדליכע בענקשאפט. אין איין זייט האבען געקלינגען די גלעקלעך פון סאנדאלען, אין אן אנדערע זייט האבען זיך געהערט שווערע זיפצען.

פלוצלונג איז זעהר שטיל געווארען אין שוהל. יעדער איז געבליבען אונבעוועגליך און יעדע ברוסט האט איינגעהאלטען דעם אטהעם. אויף דער בימה איז ארויף א הויכער, דארער מענש אין א רוימישער צוריסענער, אבגעשאסענער טוניקא. אלע מיני קערפער-

ליבּע און גײַסטיגע יסורים זענען געווען אויסגעגאָסען אויף זײַן שוואַרץ, דאַר פּנים, וועלכעס איז געווען פֿול מיט בּלוטיגע העפֿטען. ער האָט זיך געשטעלט אויסגעגלײַכט אויף דער בּימה, זײַנע אײַנ־געפֿאַלענע בּאַקען זענען רויט געוואָרען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטען מיט זײַנע אויגען, וועלכע האָבּען געשאָסען מיט פֿײַער און די הענד האָט ער אויסגעצויגען. און איידער פֿון זײַן בּרוסט האָט זיך אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע געשרײַ, איז פֿערמאַכט געוואָרען די טהיר פֿון דער שוהל.

דרויסען איז געווען העל און שטיל. די זילבּערנע האַלבּע לבנה איז אַרויס פֿון הינטער צעזאַרס גערטענער, האָט געלײַכט אויף דער שאַפֿיר־הימעל מיט אַ מענגע פֿינקעלדיגע שטערען צוזאַמען. דער גאַנצער טראַנסטיבּערים האָט דאַמאָלס געשלאָפֿען, די שענקען און די הײַזער פֿון די סוריים זענען געווען פֿערמאַכט.

די שטילקײַט איז אַבּיסעל געשטערט געוואָרען דורך אַ מענער־שטימע, וועלכע איז אַרויס פֿון דער שוהל. די געמויערטע ווענד און די דיקע טהיר האָבּען פֿערשלונגען די ווערטער פֿון דעם רעדנער, נאָר די טענער פֿון דער שטימע האָבּען זיך אַרויסגעכאַפּט דרויסען און האָבּען געקלונגען, ווי אַ ליעד, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט פֿון אַלע מיני טענער, וועלכע אַ מענשען־בּרוסט קאָן אַרויסגעבּען פֿון זיך. צײַטענווײַז האָט דאָס ליעד געפֿליסט שטיל און רוהיג, בּאַלד האָט עס אָבּער גערוישט, וויא אַ שטאַרק געוויטער, געשאַלט ווי די טראָמפּעטען אין דער מלחמה, געשריען, געזיפֿצט ווי גוססים, וועלכע שטאַרבּען פֿון דער שווערד, פֿון הונגער, פֿון פֿײַער. שפּעטער האָט זיך געהערט ווי אַ געוויין פֿון אַ קינד און בּאַלד דערנאָך אַ שרעקליך געוויין פֿון אַ צושמעטערט האַרץ. אַ מאָל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויך אַ וואָרט, אָדער אַ נאָמען. עס האָבּען זיך געהערט די ווערטער: מיליטער, אינערליכע מלחמה, בּעלעגערונג, הונגער, נאַכט־אָנפֿאַלען, בּית־מקדש, שׂרפֿה, חורבּן, שחיטה. עס האָבּען זיך אויך געהערט נעמען פֿון לענדער, פֿעלקער און אײַנצעלנע מענשען: רוים, סוריא, אדום, ערב, מצרים, אספּינוס, טיטוס, יוסף פֿלאַוויוס, יוחנן גוש חלב. עס איז קענטיג געווען אין דער רעדע, אַז פֿיעל פֿעלקער האָבּען זיך בּעטײַליגט אין דעם אונגליק פֿון יודישען פֿאָלק און פֿיעל בּעריהמ־טע מענשען האָבּען דאָס אונגליק בּעשאַפֿען. ווען דער רעדנער האָט צום ערשטען מאָל דערמאָהנט דעם נאָמען יוחנן גוש חלב, האָבּען זיך אַרויסגעריסען זיפֿצען פֿון טויזענדער בּריסטען. דערנאָך זענען

אַלע ווידער געוואָרען שטיל, אונבעוועגליך און האָבען זיך איינגעהערט וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט.

שטונדען לאַנג האָט דער רעדנער גערעדט; פּלוצלינג - ווי אַ קערנדל זאמד אין אַ וואָלקען פֿון שטויב, איז זײַן שטימע פֿערשוואונדען געוואָ־ען אין דעם געשרײַ פֿון דעם גרויסען המון, וועלכער איז נישט בּאַלד שטיל געבליבען, נאָר פֿערקעהרט, וואָס אַמאָל האָט ער לײַדענשאַפֿטליכער, הייסער געשריען.

שטעהענדיג אויף דער בּימה, האָט יונתן געענדיגט זײַן ערצעהלונג וועגען דער מלחמה, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דער מפלה פֿון די יודישע העלדען. ער האָט אויך דערנאָך דערצעהלט, ווי ער איז ענטלאָפֿען פֿון די פֿײַנדס הענד ווי ער איז געווען נע־ונד עטליכע יאָהר אין די שטעדט פֿון סוריא, אויף ימים, אויף די גריכישע אינזלען, אין די הייסע מדבריות פֿון אַפֿריקאַ. ענדיגענדיג האָט ער הויך אויפֿגעהויבען די הענד, אין וועלכער ער האָט קאָנוואולסיש צוגעדריקט די קורצע, קרומע שווערד פֿון יוחנן גוש חלב. אַלע זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון די ערטער. אַ מענגע קעפּ און אָרמען האָט זיך געשטופּט צו דער בּימה. אַלע מײַלער זענען אָפֿען געווען, אַלע אויגען זענען געווען געווענדט צו דעם אָרט, וואו יונתן איז געשטאַנען מיט אַ היילינער ערנסטקייט און אַראָבגעבויגען די צוויי שאַרפֿיגע שווערד, די אַנדענקונג פֿון דעם גרויסען העלד, צו די אויגען און צו די מײַלער פֿון די מענשען, וואָס זענען צו איהם נעהנטער צוגאַנגען. ער האָט איצט שוין גאָר נישט געזאָגט; אַלע אַנדערע האָבען גערעדט, געזיפֿצט, געוויינט, געקוקט אויף דער שווערד, זי בעריהרט, צוגעדריקט זי צו די ליפּען. אַלע פֿערזאַמעל־טע זענען געווען אַזוי געריהרט, אַז זיי האָבען פֿערגעסען איינעם פֿון די וויכטיגסטע דינים און פֿרויען האָבען זיך פֿערמישט מיט די מענער אין שוהל: די מוטערס, פֿרויען און שוועסטער פֿון די, וואָס זענען אומגעקומען, קעמפּפֿענדיג נעבען יוחנן גוש חלב, האָבען זיך געשטופּט צוזאַמען מיט די מאַנספּערזאָנען צו דער בּימה, צו דער שווערד פֿון דעם פֿאָלקס העלד. איינע פֿון די פֿרויען האָט געמאַכט אַזאַ בעוועגונג, ווי זי וואָלט די שווערד געוואָלט נעהמען אין איהרע אָרמען און זי וויעגען, ווי אַ קינד. אויף דעם קאַלטען, בּלאַנקענדען שטאָל, האָבען זיך געלעגט הייסע מײַלער פֿון יונגרעך און מיידלעך און עס האָט זיך גענאָסען אַ רעגען מיט טרערען פֿון די שמערצענדע אויגען. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס אויף זייערע פּנים'ער האָט זיך געזעהן אינערליכע מלחמה. צו בּלוט־

פֿערגיסען האָבען זיי געשפּירט אַ פֿעראַכטונג, וועלכע איז איינגעפֿלאנצט געוואָרען אין די הערצער פֿון יודישען פֿאָלק אין משך פֿון פֿיעל דורות און אַ שוידערונג האָט זיי דורכגענומען זעהענדיג, ווי אַזוי פֿיעל מענשען קושען אַ שווערד.

גאָרגיאַס, וועלכער האָט געהערט צו בית־הלל, האָט עטליכע מאָל אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ צו דער שווערד פֿון פֿאָלקס־העלד און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעדרעהט פֿון איהר זיין ברענענדיג, ליידענד פּנים. ענדליך האָט אָבער מנצח געווען איינע פֿון די געפֿיהלען, וואָס האָבען אין איהם געקעמפֿט צווישען זיך און לאַנג, ליעבליך האָט ער געקושט דאָס קאַלטע שטאָל. באַלד האָט ער זיך אָבער אוים־געגלייכט, צו דעם ארון־קודש האָט ער די הענד אויסגעצויגען און געשריען מיט ביטערקייט:

— אָ, אייביגער גאָט! זעה, וואָס דיינע פֿיינד האָבען געמאַכט פֿון דיין פֿאָלק! אַ טויט־געשיר קושט דאָס פֿאָלק און כבוד גיט עס אָב אַ שווערד, וועלכע האָט בלוט פֿערגאָסען!

— די שרעקליכע עולה, וואָס די מנצחים האָבען אונז געטהון איז דאָס, וואָס זיי האָבען אין דער נשמה פֿון אונזער פֿאָלק אַריינגע־גאָסען די גיפֿט פֿון שנאה!

די ווערטער האָט יוסטוס איינגערוימט גאָרגיאַס'ן און דאָך האָט ער זיינע אויגען נישט געקענט אָברייסען פֿון יוחנן גוש־חלב'ס שווערד.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך געהערט ווי אַדונער פֿון טויזענדער קניען, און קערפּעס וועלכע זענען געפֿאַלען אויף דער ערד. אַלטע און יונגע, מענער און פֿרויען זענען געלעגען מיט די פּנים'ער אויף דער פּאָדלאָגע פֿון מאַרמאָר־שטיינער און די שוהל איז פֿול געוואָרען מיט אַ הויך געזאַנג:

— „וועלף און בערען האָבען פֿערוויסט מיין ערד, די ערד, וועלכע איז געווען מיין פֿרייד, מיין טרייסט, און מיך האָבען זיי אין גלות פֿערטריבען, אין גלות פֿערטריבען, און מיך האָט קיינער נישט געשיצט און מיין משפּט האָט קיינער געמשפּט. און איצט בין איך ווי אַ ראָב שוואַרץ, איך, וועלכע איז געווען, ווי אַ טויב ווייס, וואָרום מיין הויז איז פֿערוויסט און מיין לאַנד איז חרוב!"

— „אָ, אַלמעכטיגער גאָט! ווי שפּעל געמאַכט האָסט דו דיינע קינדער! דיין לויב האָט אונזער בית־המקדש פֿערלאָזט און פֿרעמדע אכזרים האָבען געשפּעט פֿון דיין הייליגקייט און איצט בין איך, ווי אַ

דאָב שוואַרץ, איך וועלכע איז געווען. ווי אַ טויב ווייס, ווייל ביין הויז איז וויסט און מיין לאַנד איז חרוב!"

יונתן איז שווייגענדיג געשטאַנען אויף דער בימה און לאַנגזאַם, טיעף האָט ער אָבגעאָטהעמט נאָך דער אַרבייט, וואָס ער האָט אָבגעטהון. ער האָט אָבגעטהון דאָס, וואָס איז לויט זיין מיינונג געווען אַ הייליגע אויפגאַבע; מיט זיינע ווערטער האָט ער אויפגעפלאַמט דעם גייסט פון פאָלק. מיט צופריעדענהייט האָט ער געקוקט אויף די טויזענדער מענשען, וועלכע האָבען געקניעט מיט די פּנים'ער אויף דער ערד און זיין בליק האָט זיך פּלוצלינג פערהאַלטען אויף אַ געשטאַלט פון אַ פרויענצימער, וועלכע איז געשטאַנען איינע אַליין הינטער דער פערגאָלדעטער בעצוימונג גלייך, אונבעוועגליך, קוקענדיג אויף איהם מיט אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געמישט שרעק און פערעהרונג, זי איז נישט מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט די אַלע, וועלכע האָבען זיך געשטופּט צו דער שווערד. מיט ביידע הענד האָט זי זיך געהאַלטען אָן דער בעצוימונג און זיך נישט געלאָזט מיטשלעפּען מיט דעם המון. זי איז דורכגענומען געוואָרען מיט דער ערצעהלונג פון די שרעקליכע מאָרדען און מפּלות. און דאָך האָט זי בשום אופן נישט געקענט צוקומען נעהנטער צו דעם מענש, וועלכער האָט דאָס דערצעהלט און צו דעם בלאַנקענדען שטיק שטאָל, וועלכעס האָט זיך טויזענדער מאָל געבאָדען אין מענשליך בלוט. איהרע פּנים האָבען זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט, אַ בלוטיגער נעבעל האָט פערטונקעלט איהרע אויגען און איהרע קליינע הענד האָבען קאָנוואולסיש זיך געהאַלטען אָן דער אָנלעהן פון דער בעצוימונג. פונדעסטוועגען האָט זי איהרע אויגען נישט געקענט אָבריישען פון דעם מענש, וועלכער האָט אַזוי לאַנג געקעמפט און געליטען. אַ אונגעהויערע רחמנות האָט זי דורכגענומען און ענדליך איז זי אויך געפאַלען אויף די קניען און אַ האָגעל מיט טרערען איז געפאַלען פון איהרע אויגען, ווען אין דער שוהל האָט געקלינגען די ענדע פון דעם ליעד:

— „ווי לאַנג, אַ, גאָט, ווי לאַנג וועט דיין טייבעל זיין אין דער נעץ, וואָס איז פאַר איהרע פיס אויסגעלעגט געוואָרען? אַזוי פיעל זומערס און אַזוי פיעל ווינטערס זענען שוין פאַראיבער, זייט דיין טייבעל ציטערט אונטער דער שאַרף פון דער שווערד, צווישען די צייהנער פון לעבען און אין דעם יאָך פון שונא. און [illegible]אָט בין איך ווי אַ ראָב שוואַרץ, איך, וועלכע בין געוועזען, ווי אַ טויב ווייס, וואָרום מיין הויז איז וויסט און מיין לאַנד איז חרוב!"

VII

ווענען דעם מאַרס=פֿעלד האָט מען אין רוים דערצעהלט אַ
מעשה, וואָס איז גאָר נישט ענליך געווען צו דעם, וואָס עס איז
אין פאָעטישע ערזינערונגען דערצעהלט געוואָרען וועגען דעם טהאָל
עגעריע. דאָרט, אין דעם טהאָל, האָבען די בלעטער פֿון די בוימער
און די פֿאַליעס פֿון דעם טהאַל דערצעהלט וועגען דעם גוטען מלך
נומא. דאָ, אויפֿ'ן מאַרס=פֿעלד, האָבען הונדערטער יאָהרען זיך
פֿערזאַמעלט בעוואָפֿענטע מחנות צו מוסטרען און מאַנעווריען, און
מיט דעם אָבקלאַנג פֿון געוועהר איז דערצעהלט געוואָרען וועגען די
בלוטיגע מלחמות, וועלכער דאָס פֿאָלק האָט געפֿיהרט, אום זיך צו
בעפֿרייען פֿון דעם אַכזרי'שען מלך טאַרקוויניוס דעם שטאָלצען. אין
דער היסטאָריע ווערט די מעשה דערצעהלט אַזוי: „פֿאַר דעם סענאַט
איז געפֿיהרט געוואָרען דער משפט וועגען דעם אייגענטהום פֿון
סענאַט. דער כעס פֿון פֿאָלק איז געווען שטאַרק... דאָס פֿעלד
פֿון טאַרקוויניוס, צווישען טיבר און דער שטאָדט, איז אָנגעגעבען
געוואָרען דעם גאָט פֿון מלחמה, מאַרס און אין יענער צייט זענען
די זאַנגען אויף דעם פֿעלד שוין געווען רייף. דער המון האָט די
גאַנצע תבואה אָבגעשניטען און די זאַנגען אַ־ײַנגעוואָרפֿען אין טיבר,
די פֿאַליעס האָבען די זאַנגען געטראָגען ביז צו אַ אונטיעף אָרט,
דאָרט האָבען זיי זיך פֿערהאַלטען אין דאָס זאַנד, וועלכעס דאָס
וואַסער האָט צוגעטראָגען, האָט זיי בעדעקט, און איינציגווייס איז
דאָרט געוואָרען אַ אינזעל, אויף וועלכען עס געפֿינען זיך היינט
טעמפּלען און גאַלעריען".

פֿיעל הונדערטער יאָהרען האָט דאָס רוימישע פֿאָלק זיך אַרוים=
גענומען אַ לעהרע פֿון דעם, וואָס מען האָט געדענקט, אַז אַ נאָכ=
פֿאָלגער פֿון גוטען און קלוגען נומא, קען זיין דער שטאָלצער און
אַכזרי'שער טאַרקוויניוס. מיט דער לעהרע האָט זיך דאָס פֿאָלק
בענוצט זעהר לאַנג. אַלעס איז אָבער פֿאַריבער געגאַנגען. דער
קלאַנג פֿון נקמה'דיגע שניירמעסערס, וועלכע האָבען אונטערגעהאַקט
די זאַנגען פֿון טאַרקוויניוס'סענס פֿעלד, אום זיי צו וואַרפֿען אין
וואַסער אַריין, איז מיט דער צייט פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ
ווידער=קול, וועלכעס האָט וואָס אַמאָל שוואַכער געקלינגען אין די
אויערען און הערצער פֿון די נייערע דורות. עס האָבען אָבער נאָך
געלעבט מענשען, וואָס זייער פֿעלד, וועלכעס איז גערופֿען געוואָרען

מיט'ן נאָמען פֿון גאָט פֿון מלחמה און דער אינזעל אין מיטען טייך — האָבען דויערהאַפֿטיג געמאַכט די אָנדענקונג פֿון דעם זעלטענעם פֿאַקט, וואָס איז אַמאָל פֿאָרגעקומען, אַז דער יושר האָט מנצח געוועזען דעם ווילקיר.

דאָס פֿעלד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו טאַרקוויניוס'ן איז היינט פֿול געוועזען מיט לעבענס־גערויש און מיט'ן בלאַנק פֿון אונגעהויערע רייכטהום. אין איין זייט, נעבען דעם טייך מיט די טהייערע בריקען און דעם אינזעל מיט די טעמפּלען און גאַלעריען, האָט זיך געצויגען דער „טריאומף־וועג", וואָס איז געוועזען אויסגעפֿלאַסטערט מיט באַזאַלט און ביי איהם האָט זיך געזעהן דער באַרג וואַטיקאַן, פֿון וועלכען עס האָבען זיך געצויגען ביז צום טייך געדעכטע גערטנער מיט רייכע בנינים, וואָס האָבען געבלאַנקט ביי דער זון ווי זילבער. געגען דעם טייך מיט די בריקען און מיט דעם אינזעל, דעם טריאומף וועג און דעם וואַטיקאַן מיט די גערטנער, האָבען זיך געצויגען פֿון די בערגער קווירינאַל און קאַפּיטאָל ברייטע גאַסען מיט גאַנצע רייהען פּאַלאַצען ביז צו אַ גרויסען פּלאַץ, וועלכער איז שטענדיג געוועזען בעדעקט מיט גרין גראָז און הדסים. אויף דעם פּלאַץ זענען געוועזען זעהר פֿיעל בראָנז־בילדער פֿון האַלב־שלאַנגען, האַלב־מענשען און יונגע מיידלעך, זיצענדע אויף ריזען־פֿיש, וואָס האָבען געהאַלטען אין זייערע הענד מושעלען און ריזענדיגע בעכערס, פֿון וועלכע עס האָבען זיך געצויגען סלופּעס, בינדלעך און רעגענבויגענס פֿון וואַסער צו די פֿיס פֿון ווייסע, בראָנזענע און פֿערגאָלדעטע בילדער פֿון געטער, העלדען, גבורים און פּאָעטען.

פֿון צווישען דעם גראָז און בלומען האָבען זיך געצויגען פֿיעל שטעגען צו דער גרעסטער צווייסטאָקיגער ויילענהאַלע אין רוים, וועלכע איז געוועזען אַזוי ברייט, אַז אונטען האָבען געקענט זיך מיידען אין פֿיער פֿערד געשפּאַנטע פֿוהרען און אין דער הויך האָבען געקענט שפּאַצירען פֿיעל טויזענדער מענשען. די גרויסע זיילענהאַלע האָט דורכגעשניטען דאָס פֿעלד פֿון טאַרקוויניוס און זיך געצויגען ביז צום באַרג קאַפּיטאָל, נעבען די וואַנד פֿון דעם פֿלאַמינישען ציրק, וועלכער איז בעצירט געוועזען מיט זיילען וואָס זייערע שפּיצען פֿון קאָרינטיש קופּער, האָבען געבלאַנקט געגען דער זון ווי פֿייער. נעבען דעם צירק זענען געוועזען טעמפּלען פֿון פֿערשיעדענע געטער, די שוויץ־בעדער, וועלכע דער קייזער נירון האָט געגרינדעט, דריי טעאַטערען, רייהען מיט הערליכע בנינים, וועלכע זענען געוועזען פֿול מיט טהייערע סחורות, פּאַלאַצען פֿון גרויסע לייט. אַלעס צוזאַמען האָט געמאַכט

אַן'אײַנדרוק פֿון אַ געדיכט וואַלד פֿון מאַרמאָר, בראָנז, עלפֿאַנבײַן און טהײַערע מעטאַלען מיט מאַלערײַען און שניצערײַען.

אַזוי האָט אויסגעזעהן אײן טהײל פֿון אַמאָליגען טאַרקוויניוס'ענס פֿעלד. די צווײטע טהײל פֿון דעם פֿעלד, האָט דאָס פֿאָלק בעשטימט אויף מושטרירען דאָס מיליטער און אויף סײַמען צו וועהלען קאָנסולען (די העכסטע בעאַמטע אין דער רוימישער רעפּובליק), דיקטאַטאָרען, צענזאָרען (הויפּטמענער פֿון דער פּאָליציי), טריבונען (פֿאָלקס-פֿער-טײדיגער), פּרעטאָרען, עדילען (אָרדנונגס-האַלטער) און אַלע אַנדערע וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אָנגעטרויט זײַן גורל. אײן זײַט פֿון דער טהײל האָט דערגרײַכט ביז צום טיבר און די צווײטע זײַט — ביז צו די גערטנער פֿון פּאָמפּעיוס און לוקולוס, וועלכע זענען איצט עהנליך געווען צו אַ וואַלד; אין דער דריטער זײַט פֿון דער טהײל האָט זיך געצויגען די ברײטע גאַס נעבען דעם באַרג קווירינאַל.

דאָס אָרט האָט שפּעטער דער צעזאַר אָקטאַוויאַן-אויגוסט בענוצט אויף פֿערוויילונגען, וועלכע ער האָט אײַנגעאָרדענט פֿאַר דעם פֿאָלקס וועגען, אום עס זאָל איהם ליעבען. פֿון דאַמאָלס אָן האָט דאָרט דאָס פֿאָלק שוין קײנעם נישט געוועהלט. אַלע אַמטען זענען שוין געווען אין אײן האַנד: דער צעזאַר איז געווען דער אָנפֿיהרער פֿון מיליטער, דיקטאַטאָר, קאָנסול, טריבון, צענזאָר.

אויף דעם אָרט איז געווען אַ גרויסע זײַל און אויף זײַן שפּיץ איז געשטאַנען דער אָבגאָט פֿון ליכטיגקײַט, שפּע, יוגענד און בע-גײַסטערונג — פֿעבוס אַפּאָללאָ אין געשטאַלט פֿון אַ ריזענדיגען יונגען-מאַן מיט לאַנגע האָר, אַ זיבען-שטראַהליגע קרוין אויפ'ן קאָפּ, אַ ליראַ אין דער האַנד און אַ פּאַסטוך-שטעקען בײַ די פֿיס. נעבען דעם זײַל זענען געווען אַמפּעטעאַטעריש געבויעט טרעפּען אין דער הויך פֿון עטליכע שטאָק, אַרום אַ ריזענדיגען שטח און אונטען זענען געווען טריבונען און לאָזשעס, וועלכע זענען געווען בעצירט מיט פּורפּור און פֿערגאָלדונג.

די זקנים האָבען זיך דערמאָהנט, אַז ווען זיי זענען געווען קינדער, האָט אָקטאַוויאַן-אויגוסט אײַנגעאָרדענט אויף דעם אָרט פֿערווײַלונגען פֿאַר דעם פֿאָלק. איצט האָבען ווידער געזאָלט פֿאָר-קומען פֿערווײַלונגען אויף דער ריזענדיגער אַרענע, וועלכע איז גע-ווען אויסגעבעט מיט ווײַך גראָז. אין די פֿערווײַלונגען האָבען זיך געזאָלט בעטײליגען נישט געדונגענע קונצען-מאַכער, נישט קײן מוזיקער און דעקלאַמאַטאָרען, נאָר יונגע לײַט פֿון די צוויי העכסטע שטאַנדען אין רוים: זיהן פֿון סענאַטאָרען און פֿון ריטער-שטאַנד.

און אָן דער שפּיצע פֿון די יונגע לײַט, האָט געזאָלט זײַן דעם קייזערס זוהן, דער וואָס האָט ערשט נישט לאנג בעזיעגט דאָס לאַנד יהודה און איז געריהמט געוועזן מיט זײַן שעהנהייט און טאַלענט, טיטוס — דער קינפֿטיגער צעזאַר.

די גאַנצע נאַכט האָט אויף דעם מאַרס-פֿעלד געראַוישט אַ ים מיט בעפֿעלקערונג, וועלכע האָט דאָרט אָבגעוואַרט דעם טאָג און ווען עס איז אַ ביסעל ליכטיג געוואָרען, האָט דער רוב פֿון דעם גראָיסען המון זיך אַרײַנגעשטופּט צו די בענק, וועלכע זענען קײַלעכיג געוועזן בײַ דער אַרענע. די פֿערצעהן בענק, וועלכע זענען בעשטימט געוועזן פֿאַר די ריטער, זענען בעזעצט געוואָרען. דאָ איז געוועזן רוהיג שטיל, וואָרום פּאָליציאַנטען און בעאַמטע האָבען דאָ אָבגעהיטען דעם אָרדנונג און געוויזען יעדען זײַן אָרט, נישט דערלאָזענדיג, עס זאָל ווערען אַגעשטופּ, ווי אויף די העכערע שטאַפּלען, אויף וועלכע עס זענען געזעסען סוחרים, פֿאַבריקאַנטען, בעלי-מלאכות, אַרבײַטער, דינער און זעהר פֿיעל סאָלדאַטען.

אין דעם גראָיסען המון איז אונמעגליך געוועזן אונטער צו-שיידען צווישען געבוירענע רוימער און אנקומענדע פֿון גריכענלאַנד, סוריאַ, קליין-אַזיע, אַפֿריקאַ, שפּאַניע, פֿון גאַליאַ און בריטאַניע, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג אײַנגענומען געוואָרען דורך די רוימער און פֿון די גערמאַנישע פּראָווינצען, וועלכע זענען געווען האַלב אונטערוואָרפֿען און האַלב בעפֿרײַנדעט מיט רוים. צווישען די געבוירענע רוימער מיט די שמאָלע שטערנס און שטאָלצע געשטאַלטען, אפילו ווען זיי זענען געוועזן געקלײַדעט אין צוריסענע מלבושים, צווישען די פֿלינקע, שעהנע, פֿיעל-רעדענדיגע גריכען און די סירער מיט די ציגיִשע פּנים'ער, זענען געוועזן די דיקע און שווערע קאַסאַדאָטען, שוואַרצע נומידען, ווײַסע און שטאַרקע גערמאַנען, פֿלינקע, לוסטיגע גאַלען, וועלכע האָבען זעהר גיך אײַנבעשלונגען די רוימישע ציוויליזאַציע, האַלב-ווילדע בריטען, שפּאַניער מיט זייערע הייסע אויגען, דאַרע סאַרטען, געל-פּנים'דיגע מצריים.

שטאָלצער פֿון אַלע זענען דאָרט געוועזן די סאָלדאַטען פֿון פֿערשיעדענע ראַנגען און פֿעלקער, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט דעם המון אָבגעוואַרט די פֿערווײַלונגען און זייערע דרײַסטע בעוועגונגען האָבען ווי געזאָגט, אַז זיי זענען גרייט צו צוטרעטען יעדען, וועמען נאָר זיי וועט געפֿעלען ווערען צו צוטרעטען, וויסענדיג, אַז זיי וועלען נישט בעשטראָפֿט ווערען.

דער העכסטער אָנפֿיהרער זייערער איז געוועזן דער צעזאַר

און זיי האבען דאך איהם געמאכט פאר א צעזאר! אבער נישט נאר זיי; אויך דער המון, וועלכער זעהענדיג איצט דעם צעזאר'ס זוהן אריינגעהענדיג אין זיין לאזשע, שרייעט ער, ווי משוגעים פון זיין כבוד וועגען; און אויך די גרופען רייכע, אויסגעפוצטע מענער און פרויען, וועלכע הוליען שטענדיג און איצט הויבען זיי אן צו פערפולען די לאזשעס און די טריבינעס אין זייערע רייכע מלבושים און צירונגען — די אלע האבען אספסינוס'ן געמאכט פאר א צעזאר, אבער נישט די פערטראכטע מיט זייערע ערנסטע פנים'ער, וועלכע געהען זיך לאנגזאם אריין אין זייערע לאזשעס און טריבונעס. ניין פון די פריהריגע צעזארען האבען שוין מיט דער שווערד און מיט פערטרייבונגען אויסגעראטעט צעהן טהייל פון די, און די איבריגע לעבען נאך, זענען אויך דא ביי די פערוויילונגען און אויף זייערע פערוואלקענטע שטערנס שיינט נאך דער שטראהל, וועלכער האט געשיינט אויף די שנייד־מעסערס, וואס האבען אונטערגעהאקט די תבואה אויף טארקוויניוס'ענס פעלד...

די טריבונעס און די לאזשעס זענען שוין כמעט פערפולט געוועזען. אין איינע פון זיי איז געזעסען צעסטיוס, וועלכער האט זעהר געהאסט יודען. ער איז געוועזען איינגעהילט אין א ווייסען מאנטעל, וועלכער איז געוועזען אויסגענעהט מיט גאלד און האט זיך אנגעלעהנט אויף רייך־געהאפטענע קישענס. אויף זיין פנים איז געוועזען א טרויעריגקייט, חאטש פיעל פרויען און מענער זענען געזעסען ארום איהם. זיין יונגע, שעהנע פרוי, וועלכע האט אנגעהויבען גלויבען אן יודישען גאט, איז דארט נישט געוועזען. עס זענען אבער געוועזען אין דער לאזשע מארציא קייא, וועלכע האט געהאלטען אין די הענד איהר קליינעם הונד און אנדערע פרויען, וועלכע האבען צו זייערע נאקעטע ברוסטען צוגעטוליעט קארליקעס, אפען, פאפוגייען און ררעסירטע טויבען. דער פוילער סטעלא האט געשאקעלט מיט זיינע ברייטע ארבעל; קארום האט פערשפרייט שטארקע ריחות פון פארפומען; דער פאעט מארציאלים האט געמאכט ליצנות'דיגע גראמען, פון וועלכע אלע האבען זעהר הויך געלאכט.

נישט וויים פון דארט איז געזעסען פאניא, די פרוי פון פרעטאר, וועלכע האט נישט געטראגען קיין צירונג, נאר עטליכע רובינען אין איהרע שווארצע האר, פון וועלכע עס האט א ראב געהאנגען א לייכטער שלייער, וואס האט בעדעקט איהר קערפער. ארום איהר זענען געזעסען פיעל מענשען: עלטערע פרויען, יונגע

מיידלעך, מענער אין ברוינע מאַנטלען מיט לאַנגע בערד, אָן וועלכע מען האָט דערקענט, אַז זיי זענען פֿילאָזאָפֿען. פֿאַניאַ איז געווען עפּעס אונרוהיג און בלאַסער, ווי געוועהנליך. העלווידיוס איז דאָרט ניט געווען. אַלס פּרעטאָר איז ער מחויב געוועזען זיך צו שטעלען אויף דעם שפּיץ פֿון דעם הויכען טהויער און מודיע זיין, ווען די פֿערווײַלונגען הויבען זיך אָן. איידער ער האָט דאָס מודיע געווען, האָבען די פֿערווײַלונגען זיך ניט געקענט אָנהויבען. דער צעזאַר אַספּסיַנוס איז נאָך ניט געקומען. צי וועט העלווידיוס, וועלכער האַלט זיך פֿעסט ביים געזעץ, ערלויבען אָנצוהויבען די פֿערווײַלונגען אָהן צעזאַר? דאָס פּנים פֿון פֿאַניאַ'ן איז געווען רוהיג, נאָר דאָס האַרץ האָט איהר האַסטיג געקלאַפּט. ווענדענדיג זיך צו אַ יונגען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איהר, האָט זי געזאָגט:

— אפשר וואָלסט דו, אַרטעמידאַר, געקענט צוקומען צום איינגאַנג און איבערגעבען העלווידיוס'ן דאָס, וואָס איך וועל דיר אָנטרויען?

— איך וועל פּרובען — האָט אַרטעמידאַר געענטפֿערט — וואָס זאָל איך דיין מאַן זאָגען?

— זאָג איהם, אַז איך בעט איהם, ער זאָל געדענקען אָן אונזער קליינעם העלווידיוס...

אַרטעמידאַר האָט זיך פֿאַר איהר געבוקט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם פּרעטאָר'ס לאָזשע און אין דער זעלבער צייט האָט מען דערזעהן דורך אַ דורכזיכטיג טהויער פֿון דער גרעסטער טריבונע לעקטאָרען מיט ריטער אין די הענד לויפֿען גיך איינער נאָכ'ן אַנדער'ן און נאָך זיי זענען געטראָגען געוואָרען העררליך שעהנע לעקטיקעס, וועלכע זענען אַרומגענומען געווען מיט גערמאַנישע רייטער, וואָס זענען געווען בעוואָפֿענט מיט פֿייל און בויגענס און איינגעהילט אין פֿעל פֿון חיות.

אַזוי האָט זיך אַלע מאָל געפֿלעגט ווייזען אויף די גאַסען פֿון רוים די סוויטע פֿון דעם יוד אַגריפּוס, וועלכער איז געווען אַ קעניג פֿון דער קליינינקער מלוכה חאַלצידאַ, וואָס איז איהם געשענקט געוואָרען פֿון דעם רוימישען קייזער צוליעב זיין שוועסטער בירוניקה און ווייל ער איז געווען אַ קעניג, האָט ער געהאַט דעם גרעסטען כבוד: לעקטאָרען זענען פֿאַר איהם געלאָפֿען, מלבושים פֿון סענאַטאָרען האָט ער געטראָגען און אַ וואַך פֿון סאָלדאַטען האָט ער געהאַט. באַלד האָט זיך אין דעם טריבונע בעוויזען אַ געשטאַלט פֿון אַפֿרוי, וועלכע איז אַ ווײַלע געשטאַנען אונבעוועגליך.

זעהר יונג איז שוין די פרוי נישט געווען, נאר קראפט און שטאלצקייט האט מען געזעהן אין איהר געשטאלט. פון איהרע גוט ענטוויקעלטע ארמען האט אראבגעהאנגען א בלאנקענדער מאנטעל ביז צו דעם ברעג פון איהר קלייד. אויף איהר נאקעטע ברוסט האט געהאנגען ביז צו דער גירטעל א דיקע גאלדענע קייט, וואס פון יעדען רינגעלע איהרען האבען א ראבגעהאנגען א מענגע קליינע לבנות, שטערנס און שלאנגען פון גאלד און זילבער. איהר ארמען זענען געווען ארומגענומען מיט גאלדענע שלאנגען, אין וועלכע עס זענען געלעגען, ווי מען האט געשמועסט אין רוים – קמיעות, וואס האבען איהר פערזיכערט גליק. איהר קאפ האט ארומגענומען א באנד, וועלכע איז געווען בעלעגט מיט א טהוי פון קאסטבארע שטיינער און פון הינטער דער באנד האבען אראבגעהאנגען צוויי דיקע, ריזענדיגע זעהר שווארצע צעפ, וואס זענען געווען געפלאכטען מיט גאלדענע שטערנס און שלאנגען.

אין גאנצען צירק איז אויף א ווייל זעהר שטיל געווארען. באלד דערנאך האט אבער דער גאנצער אומגעגענד געהילעכט פון דעם פאטשען מיט די הענד און געשרייען:

— געזונד און גליק זאל האבען בירוניקה! סאפאם! (הורא), סאפאם! סאפאם!

דער המון, וועלכער איז געשטאנען אויף די העכערע שטאקען האבען געפאטשט, געשריען, געטופעט מיט די פיס, אויפגעהויבען אין דער הויך פערשיעדען-פארביגע טיכלעך, אין די מיטעלע בענק האבען נאר ווייניג מענשען מיטגעהאלטען מיט דעם המון פון אויבען און אין די טריבונעס און לאושעס זענען אלע געזעסען רוהיג. די שטערנס פון פילאזאפען און סענאטארען זענען בעדעקט געווארען מיט וואלקענס, עלטערע פרויען האבען אראבגעלאזט די אויגען און אנדערע זענען געזעסען און געשמייכעלט.

דאס פאטשען מיט די הענד און די געשרייען אויף די העכערע שטאקען האבען געדויערט זעהר לאנג און עס איז נאך נישט שטיל געווארען אפילו ווען בירוניקה האט זיך געזעצט אויף די קישענס פון שארלאט, וועלכע זענען געווען אויסגעשטיקט מיט גאלד און פערל, צווישען פיעל פרויען, וועלכע זענען געווען רייך אויסגעצירט און הערליך געקליידעט.

אין א אנדערע זייט פון דער טריבונע זענען געזעסען די מאנספערזאנען, וועלכע זענען מיט בירוניקה'ן צוזאמען געקומען און זענען געווען געקליידעט אין רוימישע מלבושים: דער בלאסער,

שווייַגענדער, קאַלטער אגריפּוס און געבען איהם יוסף, וועלכער האָט
אַלס צייכען פון פערעהרונג פאַר דער הערשענדער פאַמיליע פלאַוויוס–
אָנגענומען דעם בייַנאָמען פלאַוויוס. ער איז פריהער געווען פערוואַלטער
פון דעם לאַנד גליל און דערנאָך איז ער בעשולדיגט געוואָרען אין
פערעטהונג דורך די אָנפיהרער פון דעם יודישען אויפשטאַנד. אַלס
שריפטשטעלער איז ער בערימט געוועזען מיט זייַנע ווערק, וועלכע ער
האָט געשריבען גריכיש און אין זיי האָט ער געחנפ'עט רוים, געריהמט
דאָס יודישע פאָלק און געזידעלט די יודען, וועלכע האָבען געהאַט
די העזה אויפצוהויבען אַ האַנד געגען דעם מעכטיגען רוים.

הינטער אַגריפּוס'ן און זייַן גוטען-פרייַנד יוסף'ן זענען געזעסען
און געשטאַנען רייַכע און אָנגעזעהנע יודען, וועלכע זענען אין זייער
פאָטערלאַנד גערופען געוואָרען „צדוקים" און דאָ, אין רוים, האָבען
זיי זיך אייַנגעאייגענט די גריכיש-רוימישע קולטור און זיך געבוקט
פאַר דער רוימישער גבורה, וועלכע טהיילט פונאַנדער כבוד און
פערמעגענס. יעדער איינציגער פון די רייַכע האָט מיט זיך מיט געבראַכט
זיין, קרובים, געהילפע און די ערשטע דינער פון זייערע הייַזער.

אין דער רעכטער זייַט פון אגריפּוס'ן איז געזעסען יוסטוס,
וועלכער האָט זיך רוהיג אַרומגעקוקט אין אַלע זייַטען. פּלוצלינג האָט
ער אָבער אַ ציטער געטהון. צווישען דער מאַסע מענשען אויף דעם
העכסטען שטאָק האָט ער דערזעהן אַ געשטאַלט, וואָס איז איהם
זעהר גוט בעקענט געווען.

פון יוסטוס'עס מויל האָט זיך אַרויסגעריסען אַ קורץ געשטיקט
געשריי:

— יונתן!

צי וואָס איז ער דאָ געקומען? צי וואָס האָט ער זיך דאָ
אַרייַנגעשטופּט צווישען דעם המון, וואו טויזענדער אויגען קענען איהם
דערקענען און אַרויסגעבען? וואָס פאַר אַ געדאַנק האָט זיך ערוועקט
אין זייַן היציגען קאָפּ און וואָס האָט ער בדעה צו טהון?

יוסטוס האָט אַ ווייַלע געטראַכט, דערנאָך האָט ער זיך אַראָב-
געבויגען צו אַגריפּוס'ן און איהם אייַנגערוימט עטליכע ווערטער. דער
שווייַגענדער אַגריפּוס האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַלס צייכען, אַז
ער איז מסכים. יוסטוס איז באַלד אַרויס פון דער טריבונע מיט
עטליכע דינער און אַ ווייַלע דערנאָך האָט מען דערזעהן אויף איינע
פון די בענק, וועלכע זענען געווען בעשטימט פאַר'ן פּראָסטען המון–
אַזאַ בעוועגונג, ווי אַ פרישע פאַליע וואָלט דאָרט פונאַנדערגעשטופּט
דעם ים פון מענשען, מאַכענדיג אין מיטען אַ אָרט פאַר זיך. עס

האָבען זיך דאָרט געהערט די קולות פון די אָרדנונגס־האַלטער, וואָס האָבען געמאַכט אַ וועג פאַר דעם סעקרעטער פון דעם קעניג פון חאַלצידא, וועלכען עס האָט זיך פערגלוסט צו זיצען מיט זיינע מענשען צווישען דעם המון.

די דריטע שעה פון טאָג איז פאַראיבער און דער צעזאַר איז נאָך נישט געקומען. אַספסינוס איז געוועזן אַלט, קראַנק, בעשעפטיגט מיט געלד־אינטערעסען און די עפּענטליכע פייערונגען האָט ער נישט גערן געהאַט. צי דערפאַר זאָלען טויזענדער מענשען וואַרטען אין אַזאַ ענגשאַפט אויף די פערוויילונגען? צי ווייל דער צעזאָר האָט נישט גערן די פערוויילונגען, זאָל נישט געהאַלטען ווערען דאָס געזעץ, וועלכעס הייסט עהרען דעם טאָג, וואָס איז בעשטימט פאַר די געטער — באַלד ווען דער טאָג הויבט זיך נאָר אָן?

אויף די העכערע שטאָקען האָט דער המון געמורמעלט, אויף די נידריגערע שטאָקען האָט זיך געוויזען אויף די פנים'ער אַ אונצופריעדענהייט און אויף די מיילער האָט זיך געוויזען אַ ביטערער שמייכעל. די סענאַטאָרען, פילאָזאָפען, אַרטיסטען און רייכע לייט האָבען זיך געכעס'ט.

פּלוצלינג האָבען זעהר פיעל סענאַטאָרען און אדעל־לייט אָנגעהויבען זעהר הויך צו פּאַטשען מיט די הענד; דער פּראָסטער המון, וועלכער האָט ביז דאַמאָלס געמורמעלט, איז איצט שטיל געבליבען און די הויפס־לייט זענען געוואָרען, ווי פערשטיינערט — אויף דעם שפּיץ פון הויכען טהויער האָט זיך בעוויזען דער פּרעטאָר אין דער ווייסער טאָגע, וועלכע איז געוועזן אויסגעזעצט מיט גאָלדענע פּאַלמען. אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גאָלדענעם שטעקען מיט אַ קאָפּ פון אַ אָדלער און אין דער אַנדערער — אַ ווייס טיכעל.

— סאָפּאָס, פּרעטאָר! געזונד זיי פּרעטאָר! — האָט מען פון אונטען געשריען צו איהם.

דער בלאַסער און גאָל־קאָפּיגער דאָמיציאַן, צעזאַר'ס זוהן, האָט מיט שרעקליכען כעס געקוקט אויף דעם פּרעטאָר, מיליטער־לייט האָבען געשאָלטען און דער המון האָט ווידער געמורמעלט.

— דער צעזאַר איז נאָך נישט געקומען... דעם צעזאַר איז נישט דאָ!... קאָן מען דען?... מעג מען דען אָהן צעזאַר?!...

דער פּרעטאָר האָט אָנגעשפּאַרט איין האַנד אויף דעם אָדלער פון זיין שטעקען און מיט דער אַנדערער האַנד האָט ער אַראָבגעוואָרפען דאָס ווייסע טיכעל אויף דער גרינער אַרענע.

— לאַנג לעבען זאָלסט דו, העלווידיוס — האָט מען געשריען אין

די לאָזשעס פֿון די סענאַטאָרען — לאַנג לעבען זאָלסט דו ! לאַנג זאָלסט דו לעבען !

פֿאַניאַ האָט איהר לייכטען שלייער אַראָבגעצויגען אויף איהר פּנים , אַרטעמידאַר האָט זיך אַראָבגעבויגען צו איהר און איהר איינגערוימט :

— דיין מאַן האָט געהייסען דיר זאָגען, אַז דער , וואָס קען נישט האַלטען דאָס געזעץ, איז נישט ווערט צו האָבען אַ זוהן .

עס איז געשעהן , ווי דאָס געזעץ הייסט , אויף דעם שפּיץ פֿון טהויער האָט מען געטראָמפּעטעט , דאָס דורכזיכטיגע טויער איז ברייט געעפֿענט געוואָרען און דער פֿיעל-טויזענדיגער המון האָט פֿערהאַלטען דעם אָטהעם אין דער ברוסט .

דורכ'ן טהויער זענען אַריינגעריטען אויף דער אַרענע בעוואָפֿענ-טע מחנות , איין רייהע נאָך דער אַנדערער. פֿריהער איז אַריין געריטען אויף קליינע ווייסע פֿערדלעך יונגלעך אין ווייסע טוניקעס, וועלכע זענען געווען בעציירט מיט פּורפּור . אויף די קעפּ האָבען זיי געהאַט גרינע קרענץ , אויף די פּלייצעס — טאָרבעס מיט פֿיילען צו שיסען און אין די הענד — קורצע , לייכטע שפּיזען . נאָך זיי איז אָנגעקומען אַ מחנה מיט עלטערע , שווערערע בעוואָפֿענטע מענשען מיט לאַנגע שאַרפֿע שפּיזען און שטאָלענע פּאַנצערס אויף גאָלד-פֿאַרביגע פֿערד . די דריטע מחנה האָט געהאַט אויפֿגעדעקטע קעפּ און נאַקעטע ברוסטען , די אָרמען פֿון די מענשען אין דער מחנה זענען געווען בעדעקט מיט פֿעל פֿון וועלף און די פּיס — מיט גראָב לעדער, אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען בויגענס און שווערע, לאַנגע, אייזערנע שפּיזען . די פֿיערטע מחנה איז געריטען אויף שפּאַנישע פֿלינקע פֿערד און האָט געטראָגען קליינע פּאַנצערס, העלמען פֿון קינסטליך לעדער, אויף דער זייט — קורצע , קרומע שווערדלעך און אין די הענד — שטאָלענע שפּיזען . די לעצטע מחנה איז געריטען אויף שוואַרצע, אַפֿריקאַנישע פֿערד און האָט געטראָגען גרויסע פּאַנצערס, וואָס זענען געווען בעלעגט מיט בראָנז, הויכע העלמען מיט אָדלער-פֿליגלען , סאַנדאַלען אויף די פּיס און אין דער זייט לאַנגע, צוויי-שאַרפֿיגע שווערדען אין פֿערגאָלדעטע , געשניצטע שיידען . יעדע מחנה האָט געהאַט איהר אַנפֿיהרער , וועלכער איז געריטען אַליין פֿאַר זיין מחנה .

אַלע פֿיער מחנות זענען אַריין שטיל , רוהיג . נאָר ווען דער אַנפֿיהרער פֿון דער לעצטער מחנה האָט זיך געוויזען אין טהויער , האָט דער גאַנצער אַמפֿיטעאַטער געהילכט פֿון פּאַטשען און געשרייען

טיטום איז געווען דער אָנפֿיהרער פֿון דער מחנה. ער איז געריטען אויף אַ שוואַרץ פֿערד און האָט געהאַט אויף זיך אַ פֿערגאָלדעטען פּאַנצער. אַ העלפּט פֿון זיין פּנים איז געווען בעדעקט מיט דעם העלם אויף וועלכען עס איז געווען אַ אָדלער מיט פֿונאַנדערגעשפּרייטע פליגעל. ער איז גיך דורכגעריטען די אַרענע און אויפֿהויבענדיג הויך זיין לאַנגע, גאָלדענע שפּיז, האָט ער זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פֿון אַלע מחנות.

טיטום האָט הויך אויפֿגעהויבען זיין שפּיז און די מחנות האָבען זיך אויסגעשטעלט אַרום דער אַרענאַ. טיטום האָט ווידער אויפֿגעהויבען די שפּיז און די מחנות האָבען זיך אויסגעשטעלט אין רייהען, פֿיער־וויז און אין אָנפֿאַנגס פּאַוואָליע, דערנאָך וואָס אַ מאָל גיכער זענען זיי געריטען אויף דער אַרענע.

שטיל, אָהן געשריי, אָהן קלאַנג פֿון געוועהר האָט געפֿלויגען איין מחנה געגען דער אַנדערער, זיי זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין פֿערשידענע זייטען, האָבען זיך אויסגעשטעלט ווי אַ ראָד, צונויפֿגעמישט די יונגע קעפּלעך אין די קרענץ מיט די בראָנז־העלמען, די שווערע שפּיזען מיט די בויגענס. מיט אַ פֿלינקייט פֿון פֿייגעל און לייכטקייט פֿון שלאַנגען האָבען זיי זיך געדרעהט אויף דער אַרענע.

שטיל איז געווען אין צירק, שטיל אויסער־האַלב דעם צירק, די דעכער פֿון די זיילען־האַלעס זענען געווען בעדעקט מיט מאַסען מענשען, וועלכע האָבען זיך שוין נישט געקענט אַריינשטופּען אין דעם צירק.

די מחנות זענען געריטען איינע געגען דער אַנדערער, האָבען זיך צונויפֿגעמישט, געריטען אין ראָד, אין רייהען, געוואָרפֿען שפּיזען.

לאַנג האָט דאָס געדויערט. די פֿיערטע זון די פֿינפֿטע שעה פֿון טאָג זענען פֿאָראיבער. דאָס פֿאָלק האָט זיך גוט געווײַלט און אפילו נישט בעמערקט ווען דער צעזאַר אַספּסינוס איז אַריינגעקומען.

ערשט ווען טיטום האָט דערזעהן זיין פֿאָטער און פֿון זיין כבוד־וועגען האָט ער די מחנות אַרויסגעשטעלט אין גלייכע רייהען, האָבען זיך געהערט אויסגעשרייען פֿון די העכסטע און מיטעלע שטאָקען.

אויף דעם שפּיץ פֿון טהויער האָבען די טראָמפּעטען ווידער געשפּיעלט הויך, טריאומפֿידיג, מעלדענדיג דערמיט, אַז די פֿערוויילונגען האָבען זיך שוין געענדיגט. און ווידער האָבען זיך די

מחנות געצויגען אַרום דער אַרענע, אויפ׳ן ברעג. טיִטוס איז געריטען אין דער שפּיץ. ער האָט אָראָבגענומען דעם העלם מיט דעם גאָלדע־נעם אָדלער און איצט האָט דאָס פֿאָלק זיך געקענט אײַנקוקען אין זײַן פּנים, וועלכעס איז בערִיהמט געווען מיט דעם שעהנקייט פֿון אײַן עק וועלט ביז צו דער אַנדערער.

די טראָמפּעטען שפּיעלען ווײַטער די טריאומפֿס־מעלאָדיע און די מחנות רײַטען אַרום דער אַרענע. ענדליך האָט טיטוס פֿערהאַלטען זײַן פֿערד פֿאַר דער טריבונע פֿון בירוניקה; הינטער איהם זענען געבליבען שטעהן זײַנע מחנות.

בירוניקה האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען פֿון צווישען די קישענס, וואָס זענען געווען געשטיקט מיט פּערל און גאָלד. מיט בחנ׳טע בעוועגונגען האָט זי אַראָבגעלאָזט איהר קאָפּ, וועלכער איז געווען בעזעצט מיט דימאַנטען, האָט אויפֿגעהויבען איהרע טונקעלע ברעמען און מיט איהרע שוואַ־צע ברענענדע אויגען האָט זי געקוקט אין די אויגען פֿון איהר געליבטען, וועלכע זענען געווען אויפֿגעהויבען צו איהר.

אַ ווײַל האָבען זיי זיך געקוקט אין די אויגען. בירוניקה האָט זיך אַראָבגעבויגען איבער דער געשניצטער אָנלעהן פֿון דער טריבונע און האָט אויפֿגעהויבען הויך אַ קראַנץ פֿון לאָרבער־בלעטער.

דער גאַנצער, פֿיעל־טויזענדעגער המון, האָט מיט אונגעדולד אָבגעוואַרט דאָס, וואָס האָט איצט געזאָלט פֿאָרקומען: פֿערעפֿענטליכט האָט איצט געזאָלט ווערען, אַז דעם צעזאַר׳ס זוהן, טיטוס, האָט חתונה מיט דער קעניגין פֿון חאַלציִדאַ, פֿון דער מלוכה, וועלכע איז אָבגעגעבען געוואָרען איהר ברודער אַגריפּוס און איהר.

פּלוצלינג איז פֿון דעם העכסטען שטאָק אַראָבגעפֿאַלען אַשרעקליך געשרײַ, ווי אַדונער:

— פֿערשאָלטען זאָלסט דו זײַן, בירוניקה, דו, שאַנד פֿון דײַן פֿאָלק! דו, פֿעררעטהערין פֿון רעכטשאַפֿענהייט! דו, וועלכע פֿער־סמ׳סט די נשמות פֿון יודישע טעכטער!...

די הייזעריגע, און דאָך שטאַרקע שטימע איז איבערגעריסען געוואָרען, ווי עס וואָלט עמעץ פֿערשטאָפּט דאָס מויל פֿון דעם מענש, וועלכער האָט געשריען. באַלד האָט אָבער די זעלבע שטימע נאָך העכער געשריען:

— פֿערשאָלטען זאָלסט דו זײַן, אויך דו; וועלכער האָסט חרוב געמאַכט פֿרעמדע לענדער און פֿערברענט אונזער בית־מקדש...

איצט האָט מען געהערט, ווי אויבען וואַרפען זיך עפּעס קערפּערס, אַבגעריסענע געשריַיען און שווערע טריט. דער שריַיער האָט אָבער וויַיטער געשריען מיט זיַין היַיזעריגער שטימע, וועלכע איז איבערגעהאַקט געוואָרען דורך דעם קאַמפּף, וואָס ער האָט געפֿיהרט.

— פֿערשאָלטען זאָלט איהר בײדע זיַין פֿון דעם מעכטיגען און שטאַרקען גאָט! פֿערשאָלטען זאָלט איהר זיַין פֿון הימעל און ערד! פֿערשאָלטען זאָלט איהר זיַין פֿון אַלע רעכטשאַפֿענע מענשען! פֿער־שאָלטען זאָלט איהר זיַין פֿון אַלע, וואָס געפֿינען זיך אויף דעם הימעל און אויף דער ערד! ... פֿערשאָלטען... פֿערשאָלטען!...

די היַיזעריגע, פֿעררִיסענע שטימע האָט זיך וואָס אַ מאָל מעהר דערוויַיטערט, ווי מען וואָלט אָבגעפֿיהרט וואָס אַ מאָל וויַיטער דעם, וואָס פֿון זיַין ברוסט האָט זיך די שטימע אַרויסגעריסען. אין די טריבונען, לאָזשעס און אויף פֿיעל בענק, וואו עס זענען געזעסען גרויסע ליַיט, האָט געהערשט אַ שטילקיַיט און אויף די פּנים׳ער האָט מען געזעהן אַ צופֿרידענהיַיט.

געשוויגען האָט אויך צעסטיוס, וועלכער האָט געהאַסט יודען, וויַיל ער האָט זיי נישט געקענט מנצח זיַין און זיי האָבען ביַי איהם צוגענומען זיַין פֿרוי, געשוויגען און ווי מיט טריאומף האָבען גע־קוקט אויף טיטוס׳ן אויך פֿיעל אַנדערע. נאָר דאָס גראָבע פּנים פֿון אַספּסינוס׳ן איז געוואָרען טרויעריג און דערצירנט. דאָמיציאָן האָט מיט כעס אויסגעצויגען די האַנד, שריַיענדיג:

— צעזאַר! גיב אַרויס אַ בעפֿעהל, אַז מאָרגען זאָל מען דעם מחוצף אָבהאַקען דעם קאָפּ!

שריַיענדיג כלומר׳שט מיט כעס, האָבען זיַינע אויגען געלאַכט און אויף זיַין פּנים האָט זיך געוויזען אַ שמחה פֿון זיַין ברודערס אונגליק.

דאָס אונגליק פֿון טיטוס׳ן איז געווען גרויס, נישט וויַיל עפּעס אַ אונבעוואוסטער האָט געשריען, וואָס ער האָט געוואָלט, נאָר וויַיל די גרעסטע ליַיט זענען פֿון דעם שריַיען געווען צופֿריעדען. ער האָט אָבער דעם קאָפּ נישט אַראָבגעבויגען, פֿערקעהרט, ער האָט געקוקט אַרום זיך מיט שרעקליכען כעס און זיַינע אויגען האָבען געשאָסען מיט בליצען. בירוניקה איז פֿערשוואונדען געוואָרען צווישען דער סוויטע פֿון איהר ברודער, וועלכע האָט זי אַרומ־גענומען און פֿערבאָרגען, אַז קיינער זאָל זי נישט קענען זעהן.

אלעס וואס עס האט זיך געטהון אונטען, איז אבער גאר נישט געווען געגען דעם, וואס האט פאסירט אויף די העכערע שטאקען. די סאלדאטען, וועלכע זענען דארט געווען, האבען געליעבט טיטוס'ן אלס אנפיהרער, וועלכער האט זיי פיעל מאל געפיהרט צו גרויסע נצחונות און דער המון האט איהם אזוי פערעהרט צוליעב זיין שענהייט און גבורה, ווי איינעם פון די געטער און איז גרייט געווען צו שטעלען מזבחות און איהם מקריב זיין קרבנות. דארט האט מען אויך אמעהרסטען פערא־כטעט און געהאסט דאס יודישע פאלק. און דער מחוצף, וועלכער האט געלעסטערט דעם גאט טיטוס און איבערגעריסען די פערוויילונגען, איז דאך געווען א יוד! בירוניקה איז טאקי אויך א יודישע טאכטער. אבער ווען טיטוס ליעבט זי אזוי, איז זי דאך העכער פון אלע אנדערע פרויען אויף דער וועלט... און דער אבגעריסענער, עלענדער מחוצף, וועלכער איז געזעסען אויף א באנק צווישען המון און געקוקט אויף די פערוויילונגען — ווער איז ער?

— ער איז א יוד! א יוד! א יוד! — האט הויך געשריען סילוויוס, דער אייגענטימער פון דער העפטעריי אויף אווענטין — זאל מיר דער גאט אפאלא ווארפען זיין לירע אויף מיין קאפ, אויב איך האב נישט דערקענט אין איהם איינעם פון די העפטערס, וועלכע וואהנען אויף יענער זייט טיבר!...

— ניין, ניין! דו האסט א טעות, סילוויוס — האט נאך העכער געשריען ווענטורי, דער אייגענטימער פון דער פארפורמעריי — ער איז א יוד, אבער נישט קיין העפטער. איך שווער, אז ער איז איינער פון די, וואס ארבייטען אוים פארפומען אין טראנסטיבערים!...

טרעטענדיג אויף פיס און אבשטויסענדיג מיט ריזענדיגע פויסטען דעם המון, האט זיך דורכגעשלאגען א הויכער מיליטער־הויפטמאן און געשריען:

— וואו איז ער? וואו איז ער א הין געקומען? האט מען איהם געחאפט און ארעסטירט? איך האב איהם דערזעהן פון וויטענס... ווער איז ער? איך האב איהם א מאל געזעהן! איך האב איהם א מאל געזעהן!... וואו האב איך איהם געזעהן?...

פיעל שטימען האבען גערעדט מיט א מאל:

— מען האט איהם נישט געחאפט און נישט ארעסטירט!...

— עפעס איינער איז געשטאנען הינטער איהם און האט זיך בעמיהט איהם צו פערמאכען דאס מויל...

— דער איז אויך געווען אַ ייד, געקלײַדעט איז ער געווען אין אַ טאָגע...

— ער האָט מיט זיך געבראַכט פיעל מענשען...

— זיי האָבען זיך אַרײַנגעשטופּט צווישען אונז, ווי אָקסען צווישען שעפּעלעך און זיי האָבען זיך געזעצט אַרום איהם...

— ווען ער האָט געעפענט זײַן פּיסק און געשריען זײַנע נאַרישע קללות, האָבען זיי איהם געשלעפּט און ער האָט זיך נישט געלאָזט שלעפּען... ער איז דאַר, ווי אַ אויסגעהונגערטער הונד און שטאַרק, ווי דו, פּעדראַנוס...

— זיי האָבען איהם אַזוי אַרומגענומען, אַז מיר האָבען נישט געקענט צוקומען מיט אונזערע פויסטען צו זײַנע זײַטען און פון אונזערע אָרמען האָבען מיר נישט געקענט מאַכען קיין קייטען פון זײַנעט וועגען...

— זיי האָבען איהם געשלעפּט... געצויגען... און אָבּ-געפּיהרט...

— וואו האָב איך איהם געזעהן? אָן הערקולעסען שווער איך, אַז איך האָב איהם שוין אַמאָל געזעהן!...— האָט דער הויפּטמאַן געשריען, שלאָגענדיג מיט זײַן ריזענדיגער פויסט אָן זײַן פערשוויצטען שטערן.

פלוצלונג איז פון צווישען דעם המון אַרוים פלינק, ווי ער וואָלט קיין ביינער נישט געהאַט, אַ מענשעלע, וועלכעס האָט דער-גרייכט דעם הויפּטמאַן ביז צום גירטעל, אין אַשמוציג-רויטע בלוזע מיט אַ האַלב-גאָלען, האַלב גערעין קאָפּ און מיט שפורען פון סאַנדאַלען אויף זײַנע באָרפוסע פיס, און אויפהויבענדיג זײַנע קאַצענע אייגעלעך צו דעם דיקען פנים פון דעם ריזע, האָט ער געשריען:

— וואו און ווען דו, פּעדראַנוס, האָסט געזעהן דעם הינדס-קאָפּ, וועט דיר זאָגען סילאַס, דער לעקטיקאַ-טרעגער פון יענער זײַט טיבר. דו האָסט איהם געזעהן אָן דער שפּיץ פון דעם יודישען מיליטער, וועלכעס האָט זיך געבונטעוועט געגען דעם צעזאַר... ער איז אַ פיינד פון צעזאַר און די געטער... אַ פערביסענער יוד, וועלכער וואָלט גערן דיך געפּרעגעלט און אויפגעגעסען פרײַטאָג-צו-נאַכטס ביי זײַן סעודה. ער איז אַ ענטלאָפענער, וועלכער די רוימישע מאַכט זוכט שוין לאַנג...

— איך געדענק! — האָט פּעדראַנוס געשריען — ביי הערקולעסען שווער איך! דו האָסט מיר אַלעס דערמאָהנט, דו לעקטיקאַ-טרעגער,

וועלכער ביסט עהנליך צו אַ ערד־וואורם! איך האָב איהם געזעהן אין דער שפּיץ פֿון דעם פֿערשאָלטענעם יודישען מיליטער, נעבען יוחנן גוש־חלב... ער איז שטענדיג דאָרט געווען, שטענדיג איז ער געוועזן ביי דעם אַזיאַטישען לאַמפּאַרט... ער אַליין איז אויך, ווי אַ לאַמפּאַרט!...

— פֿערשאָלטען זאָל ער זיין! — האָט דער המון געשריען — פֿערשאָלטען זאָל זיין דאָס פֿאָלק, וועלכעס האָט זיך געבונטעוועט!

— וואו וואָהנט ער? גאָלער קאָפּ! וואו בעהאַלט ער זיך, ערד־וואורם? זאָג, דו אָבגעריסענער! עפֿען דיין שמוציגען פּיסק, סיריער! פֿיהר אונז... אַ געבונדענעם וועלען מיר איהם אָבגעבען פֿאַר אַ קרבן דעם גאָט אַפּאָלאָ!... פֿיהר אונז! טיטוס'ן וועלען מיר איהם איבערגעבען!...

קיין ענטפֿער איז נישט געווען. דער קליינער פֿלינקער סילאַס, האָט זיך פֿערמישט מיט דעם המון און איז נעלם געוואָרען.

VIII

אויב אין פֿייערטאָג פֿון אַפּאָלאָ זענען די גאַסען און די מאַרקען פֿון רוים לעער געווען, ווייל אַלע איינוואָהנער האָבען זיך געפֿונען אין צירק און נעבען דעם צירק — איז צומאָרגענס די שטאָדט פֿול געווען מיט מיליאָנען מענשען, וועלכע האָבען אָבגעהאַלטען מאָהלצייטען און זיך געווילט מיט התלהבות אונטער דעם פֿרייען הימעל. אויף די פֿיעל מאַרקען, וועלכע האָבען געהייסען: פֿיש־מאַרק, חזיר־מאַרק, אָקסען־מאַרק, האָלץ־מאַרק, אויך דעם גלייכען, זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע טישען און אויף זיי איז געווען אַ מענגע געבעקטס און געקאָכט, אָדער געבראָטען פֿלייש. פֿון מעטאַלענע פֿעסער האָט מען געשעפּט מיט פֿיעל גרויסע לעפֿעל און אַריינגעגאָסען אין בעכערס שטאַרקען וויין, וועלכער איז געווען געמישט מיט האָניג און האָט פֿערפֿולט די לופֿט מיט אַ שטאַרקען גערוך פֿון פֿערשידענע געווירצען.

דער צעזאַר איז געווען קאַרג, אָבער אויף פֿערוויילונגען און מאָהלצייטען פֿאַר דעם פֿאָלק, האָט ער קיין געלד נישט געשפּאָרט און מאַסען מענשען פֿון פֿערשידענע שטאַנדען האָבען געגעסען און געטרינקען די מאכלים און די משקה, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען פֿאַר זיי. רייכע לייט האָבען דעם טאָג אָבגעהאַלטען מיט סעודות אין זייערע הייזער און פּאַלאַצען און די

גאַסען מיט די מאַרקען זענען פֿול געווען מיט די לעדיג־געהער וועלכע זענען געוועהנליך געשפּייזט געוואָרען אין גרויסע הייזער מיט שקלאַפֿען, וועלכע זענען ערשט בעפֿרייט געוואָרען; מיט אַר־בייטער און שקלאַפֿען, וועלכע זייערע בעלי־בתים האָבען ערלויבט אין דעם טאָג אַ רויסצוגעהן; מיט סאָלדאַטען און הויפּטמענער, וועלכע זענען בעוואוסט געווען מיט זייער גראָבקייט.

אויסער די אַלע, זענען געווען אויף די גאַסען און מאַרקען פֿיעל בעלי־מלאכות און סוחרים, אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען גע־וויזען דעם המון, אַז זענען גוטע רעדנער, שטערן־זעהערס, כשוף־מאַכערס און קונצען־מאַכערס.

אין דריי טעאַטערען זענען דאַמאָלס געשפּיעלט געוואָרען לוסטיגע זאַכען, אויפ׳ן מארס־פֿעלד זענען געווען אויסגעשטעלט משונה׳דיגע חיות און ריזענדיגע שלאַנגען, איינהאָרנס, טאַנצענדע עלפֿאַנטען, אויך דערגלייכען, אויף די סעפּטען האָבען מאַסען מענשען בעוואונדערט די גבורים, לויפֿער, קונצען־מאַכערס און שטריק־טענצער. פֿונדעסטוועגען איז אין רוים נישט געווען קיין איין גאַס, דורך וועלכער עס האָבען נישט געזאָלט געהן גאַנצע גרופּען מענער און פֿרויען, אָנגעגעסענע, אָנגעטרונקענע, לוסטיגע, מיט קרענץ אויף די קעפּ און פֿלעטען אין די הענד, מיט גאַסען־דעקלאַמאַטאָרען, רעדנער און לצים. אַלע האָבען געשפּיעלט, גע־זונגען, געלאַכט און גערוישט אין דער שרעקליכער דעמפּפיגער היץ, וועלכע איז פֿון צייט צו צייט איבערגעריסען געוואָרען מיט אַשטיקענדיג ווינדעל, וועלכעס האָט געוועהעט פֿון דרום־זייט און געבראַכט מיט זיך וואָלקענס. שטיקער גרויע, שווערע וואָלקענס האָבען זיך גערוקט אויפ׳ן הימעל, פֿערשטעלענדיג פֿון צייט צו צייט די זון, אָבער נישט לינדערנדיג די גרויסע היץ.

דער גאַנצער ריזענדיגער פּלאַץ האָט געבלאַנקט. דער העלער הימעל האָט בעגאָסען מיט בלאַנקען די טעמפּלען און די פּאַלאַצען פֿון דעם פּלאַץ. מיט די זון־שטראַלען זענען געווען בעגאָסען די מענגעס אונגעהויער קאָסט באַרע חפצים, וועלכע זענען געווען אייסגעשטעלט אויף קינסטליך געבויטע געלענדערס. דער גאַנצער אוצר פֿון דער מלוכה איז דאָרט אויסגעשטעלט געווען: אַלע טהייערסטע חפצים, וועלכע די רוימער האָבען אַבגענומען ביי פֿערשידענע פֿעלקער אין די מלחמות, וואָס זיי האָבען געגען זיי געפֿיהרט און די קאָסטבאַר־קייטען, וועלכע זענען געזאַמעלט געוואָרען דורך די צעזאַרען. אין דער הויך איבער די געלענדערס, אויף די ווענד, טהויערען און טהורמען

זענען געווען פאָהנען, בעצירטע מיט אָדלערס, שטערען, צונויפגעפלאָכטענע שלאַנגען און ריזענדיגע, אויסגעשטרעקטע הענד, וועלכע האָבע געדראָהט די וועלט. אונטען איז געשטאַנען אַ המון מיט אויפגעהויבענע, שטאָלצע קעפּ און מיט ברענענדע אויגען האָט ער זיך אײַנגעקוקט און די גאָלדענע חפצים, וועלכע זענען געווען געדיכט בעזעצט מיט טהײַערע שטײנער. הונדערטער בליקען זענען געפיהרט געוואָרען איבער די בעטען, וועלכע זענען געווען געמאַכט אין געשטאַלט פון לײבען, פויען אָדער בערען און אויסגעזעצט מיט עלפאַנדבײן, שילדקרעט, זילבער און דימאַנטען; אויף אַ ריזענדיג שאַך־ברעט, וועלכעס איז בעשטאַנען פון צווײ ריזענדיגע דימאַנטענע טאַפלען און די פיגורען — פון גאַנצע פודען קינסטליך געשניצט גאָלד; אויף די גאָלדענע בילדער פון געטער, צעזאַרען און בעריהמטע אנפיהרער פון מיליטער; אויף עטליכע צעהנדליגע קרוינען, וועלכע זענען געווען צונויפגעקלעבט פון פערלען; אויף דעם באַרג, וועלכער איז געווען אָבגעגאָסען פון גאָלד, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען אפּעל־בוימער מיט עפּעל און בלעטער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויף איהם לויפען לײבען, הירשען און וועלף יאָגען זײ נאָך.

די אַלע זעלטענהײטען זענען אײנציגווײַס צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אין משך פון הונדערט יאָהר אין די אוצרות פון רוים און האָבען בעצויבערט די רוימער. איצט האָט זיך אָבער געפינען אַ נײַ געלענדער, וועלכעס האָט צוגעצויגען צו זיך דעם גרעסטען טײל פון המון, ווײַל דאָ זענען געווען אויסגעשטעלט חפצים, וועלכע זענען נאָך נישט געזעהען געוואָרען. זײ זענען געבראַכט געוואָרען פון לאַנד יהודה דורך טיטוס'ן, וועלכער האָט דאָס לאַנד וויסט געמאַכט און פערנומען אַלעס, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען.

דאָס געלענדער איז געשטאַנען בעזונדער, נעבען מאַרטאָו־שטײנער, פון וועלכע עס איז איצט געבויט געוואָרען טיטוס'עס טריאומף־טהויער.

דאָס טהויער איז נאָך נישט געבויט געווען נאָר וועגען דעם טריאומף פון בירוניקה'ס געליבטע האָבען דערצעהלט די חפצים, אין וועלכע מאַסען מענשען האָבען זיך אײַנגעקוקט מיט גרויסער נײַגיריגקײט. אַ פאָלק, וואָס האָט געוואָהנט ווײַט, ווײַט פון דאַנען, האָט אין משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען, פיעל דורות די חפצים געזאַמעלט מיט ליעבע, מיט מיה און מיליאָנען האָפנונגען, אום צו בעצירען דאָס, וואָס איז אַמליעבסטען, אַמהײליגסטען געווען: דאָס בית־מקדש פון זײַן גאָט, דאָס אָרט, וועלכעס האָט פערזאַמע־

אויף זיך אַלע שטראָמען פֿון פֿאָלקס-לעבען, עס זענען דאָרט געווען הונדערט-פֿאַרביגע דיוואַנען, וואָס זייער ווערטה האָט מען גאָר נישט געקענט אָבשאַצען; פֿאָרהאַנגען, וועלכע זענען געווען קינסטליך געהאָפטען און בעהעפֿט איינע מיט דער אַנדערער דורך פֿיעל קאָסטבּאַרע קלאַמרען; טהייערע פֿוטערס, וועלכע זענען געווען געמאָלט מיט שאַרלאַט פֿאַרב; עס איז דאָרט געווען אַ „ים“, וועלכער איז געמאַכט געווען פֿון מעטאַלענע שפּיגעל, דער „שלחן“ פֿון בית-המקדש, וועלכער איז געמאַכט געווען פֿון טהייער האָלץ און אַרום איהם איז געווען אַ בעצוימונג פֿון גאָלד, די מנורה מיט גאָלדענע בלומען און גראַנאַטען... אָן דער שפּיץ פֿון דעם געלענדער איז געווען אַ ריזענדיג בילד, וועלכעס האָט פֿאָר געשטעלט טיטוס'ענס טריאומף אַריינפֿאָהר קיין רוים נאָך דעם נצחון, וואָס ער האָט געהאַט אין ירושלים. נאָך דעם טריאומף-וואַגען האָט זיך געשטופּט אַ פֿרעהליכער המון, דאָס מיליטער איז געגאַנגען און נאָך די סאָלדאַטען זענען געגאַנגען די פֿערטריבּטע, בּלאַסע, האַלב נאַקעטע געפֿאַנגענע מיט קייטען בּיי די פֿיס און שטריק אויף די העלזער. איבּער דעם בּילד האָבּען געבּלאַנקט גאָלדענע אותיות פֿון דעם אויפֿשריפֿט: „יהודה איז בּעזיגט, יהודה איז איינגענומען“.

די מענשען, וועלכע האָבּען זיך איינגעקוקט, זענען געווען פֿרעהליך. זייערע דיקע פֿינגער זענען אויסגעשטרעקט געוואָרען אין דער הויך, ווייזענדיג פֿערשיעדענע חפצים, זייערע צונגען האָבּען געקלאַפּט אָן די גומענס, ווי זיי וואָלטען געגעסען די בּעסטע, שמאַקהאַפֿטיגסטע מאכלים; יונגען האָבּען אויסגעצויגען בּיי דער נאָז אַלע צעהן פֿינגער פֿון זייערע הענד, לאַכענדיג אויף אַזאַ אופֿן פֿון דעם בּעזיגטען פֿאָלק; סילוויוס, דער העפֿטער פֿון אווענטין, האָט מיט זיין אָרם אַרומגענומען דעם האַלז פֿון דעם פּאַרפֿומען-מאַכער, ווענטורי, וועלכער איז געווען נידריגער פֿון איהם און בּיידעס פּנים'ער האָבּען געשיינט פֿון שמחה און זיך אויפֿגעבּלאָזען פֿון גאוה. פּלוצלינג האָט זיי געשטופּט און געשטויסען, דער מיליטערס הויפּטמאַן פּעדאַנוס, וועלכער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם המון.

— וואָס שטופּסט דו זיך, קלאָץ, און מענשען שטויסט דו? — האָט געשריען דער בּעליידיגטער סילוויוס.

— דו מויערבּרעכער! דעם אָרם מיינעם האָסט דו דאָך שיעור צודריקט מיט דיינע פּלייצעס! — האָט געשריען דער פּאַרפֿומען-מאַכער מיט אַ דינער שטימע.

פיעל אַנדרע מענשען האָבען אויך געשריִען. נאָך פעדאַנוס'ן זענען אָנגעקומען אַנדרע הויפּטמענער און געוועהנליכע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען מיט זייערע שווערע פיס געטרעטען אויף די פיס פון אַנדערע מענשען און מיט זייערע שטאַרקע אָרמען האָבען זיי געשטויסען די אָרמען און די פּלייצעס פון אַנדערע. איינער פון די יונגען, וועלכע האָבען פריהער געלאַכט פון די געפאַנגענע, וועלכע זענען געווען געמאָלט אויף דעם בילד, האָט זיך מיט ביידע הענד אָנגעהאַפּט ביים אויער און מיט אַ הויך געוויין איז ער געפאַלען אויף דער ערד. ער האָט זיך נישט גיך אָבגערוקט פאַר די סאָלדאַטען און דערפאַר האָט איהם איינער פון זיי אָנגעהאַפּט ביים אויער, פון וועלכען עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען בלוט צו גיסען. דער המון האָט געזידעלט און געשלוכט. אַ פרוי, וועלכע האָט צוגעטוליעט צו זיך דעם פערוואונדעטען יונג, האָט הויך זיך בעקלאָגט אויף דער חוצפה און אונזיטליכקייט פון די סאָלדאַטען, וואָס האָבען ביי איהר מאַן, דעם גערטנער, געראַבט גרינציי און פרוכטען, וועלכע ער האָט געפיהרט קיין רוים און איצט האָבען זיי פערוואונדעט איהר זוהן...

— צי קען אַ רוימישער בירגער שוין נישט געפינען קיין גערעכט, וועלכעס זאָל משפט'ן און שטראָפען די מחוצפים?

— ער האָט געהאַט די העזה מיך צו שטופען, מיך סילוויוס'ן, וואָס זיין אַרבייט בעצירט דעם פּאַלאַץ פון צעזאַר!

— מיינע פּלייצעס וועלען לאַנג געדענקען דיין פויסט, פעדאַנוס, איך שווער דיר אָבער ביי הערקולעס'ן, אַז מאָרגען וועל איך געהן צו דעם קאַמערהער און געבענדיג איהם אַ פלעשעל מיט פאַרפומען, וועל איך איהם בעטען, אַז ער זאָל מיין אָנקלאַגע אויף דיר איבערגעבען דעם געטליכען צעזאַר!

— אויב דו, ווענטורי, וועסט אַזוי טהון, וועסט דו איבערצייגען, אַז דיין קאָפּ וועגט ווייניגער פון אַ לויט פאַרפום. דו דאַרפסט וויסען, אַז אויף דער וואָג שאַל פון דעם רוימישען געריכט וועגט איין הויפטמאַן הונדערט פוד און אַ געוועהנליכער בירגער — אַ הונדערטסטהייל פון אַ לויט...

עפּעס אַ ערנסטע, טרויעריגע שטימע האָט העכער געשריען פון אַנדערע:

— אונדאַנקבאַרע נפשות!

מען האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַ הויכען מענש, וועלכער האָט זיין קאָפּ בעדעקט מיט אַ קאַפּטאַר פון זיין מאַנטעל.

— וואָס שרייַעט ער? זאָג ווײַטער! צי האָט דיך דיין מוטער אויסגעלערנט רעדען נאָר די צוויי ווערטער? — האָט מען געשריען צו איהם פון אַלע זייטען.

— אונדאַנקבאַרע נפשות!

פעדאַנוס האָט זיך אונטערגענומען צו ערקלערען די צוויי אונפערשטענדליכע ווערטער. ער האָט זיך געווענדעט מיט׳ן פּנים צו די פערזאַמעלטע מענשען און איז אַ רויפגעשפּרינגען אויף אַמאַראַר־שטיין. פון דער ווייטענס האָט מען געקענט מיינען, אַז דער ריעז אין די סאַנדאַלען מיט שנורען מיט׳ן מעטאַלענעם פּאַנצער און מיט זיין קורצער שווערד — האָט זיך געשטעלט אויף מענשענס קעפּ. אויסציהענדיג זיין ריעזענדיגע פויסט איבער די קעפּ פון די מענשען, האָט ער געשריען:

— דער בירגער האָט אמת געזאָגט. מיט אייערע הינדישע פּיסקעס בילט אַ אונדאַנקבאַרע נשמה. איהר זידעלט און אַנקלאָגען ווילט איהר אַ ערליכען סאָלדאַט, ווען ער נעהמט אַרוים פון אייער טאָפּ אַ ביסעל געקאָכטע באָבעס, אָדער ווען ער דריקט דורכגעהענדיג די שפּיצען פון אייערע אַיידעלע פינגער! צי האָט קיין שום גאָט, וועלכער שיצט דעם שכל פון מענשען, אייך נישט געזאָגט, אַז ווען נישט דער ערליכער סאָלדאַט, וואָלט איהר קיינמאָל נישט פערמאָגט דאָס, וואָס איהר פערמאָגט איצט?

פון המון האָבען זיך געהערט געלעכטערס און געשרייען:

— זאָל מיך יופּיטער אָבגעבען די געטער פון גיהינום, אויב איך וויים, וואָס איך פערמאָג.

— איך פערמאָג נישט אפילו איין זילבערן כלי!

— וואָס פערמאָג איך, הויפּטמאַן? וואָס פערמאָג איך?

— וויַיז מיר מיין פערמעגען, מיין אייגענטהום, וועל איך דיר קושען די פויסט!

— קוש, דו בלינדער הונד! — האָט פעדאַנוס געשריען — די גאָלדענע בערגער, די פּערלען און דימאַנטען, אויף וועלכע איהר קוקט, זענען דען נישט אייער אייגענטהום? זיי געהערען צו רוים און איהר זענט בירגער פון רוים, בכן זענען זיי דאָך אייער!

גוט! — האָט איינער געלאַכט — ווען איך וועל הונגעריג זיין, וועל איך אָבבייסען אַ שמאַראַגד פון אָט דעם טיש און וועל עסען ביז איך וועל זאַט ווערען, און ווען מיין קעלילאַ וועט מיר יסורים אַנטהון, פערלאַנגענדיג פון מיר אַ קלייד, וועל איך זי אַנקלײדען אין דער הייל פון פּערלען...

— נידערטרעכטיג נפש! — האט געשריען א אנדערער הויפטמאן, וועלכער איז געשטאנען אויף א נידריגערן מארמאר נעבען פעדאנוס'ן — די קענסט זיך נישט אבעסען און זאט ווערען מיט דער גרויסקייט פון רוים, וועלכער אלע פעלקער פון דער וועלט האבען אבגעגעבען די מתנות?

— אמת! פודענס זאגט אמת! אלע פעלקער פון דער וועלט האבען אונז געגעבען די מתנות. זיי זענען אונזער אייגענטהום! — האבען זיך אנגערופען פיעל שטימען.

— און אונזער אונשטערבליכע לויב!

— און דאס זיסקייט פון אונזערע אויגען, וועלכע קענען זיך אין הייליגע טעג נישט זאט קוקען אויף דעם אלעם!

— דו זאגסט גוט, פעדאנוס! גוט זאגסט דו! געזונד און א אייביג לעבען זאל האבען דער צעזאר, וועלכער ערלויבט אונז קוקען אויף דעם אלעם!

פעדאנוס האט הויך געלאכט; עס האט זיך געדאכט, אז פון זיין לאכען ציטערט דאס גאנצע ריעזענדיגע געלענדער.

— פאר וואס ווינשסט דו, שאף-קאפ, נישט אויך אונז קיין לאנג לעבען? מיט אונזער שווייס און אונזער בלוט איז דאך אייער לויב געקויפט געווארען! ווער האט דאס אלעס בעקומען? ווער האט די אזיאטישע בארבארען געווארפען אייך צו די פיס? נאר אונזער גבורה, אונזערע פיסטען און אונזערע שווערדען האבען דאס געטהון!...

אין דער פערזאמלונג האבען זיך געהערט התלהבות'דיגע געשרייען. אלע קעפ האבען געשאקעלט אלס צייכען, אז זיי אנערקענען די גערעכטיגקייט פון פעדאנוס'ענס ווערטער, אלע אויגען, אין וועלכע פריהער האט געברענט א פייער פון שנאה, האבען מיט אכטונג און ליעבע זיך געווענדעט צו די ריעזענדיגע הויפטמענער. סילוויום האט זיך צוגעשטופט צו פעדאנוס'ן און אויסשטרעקענדיג זיין ארם און מיט פריינדשאפט איהם געצויגען ביים אויער.

ווענטורי האט ארויסגענומען א פלעשעלע מיט פארפומען און האט א ביסעל אויסגעגאסען אויף דעם קאפ פון א סאלדאט; די פרוי, וועלכע האט פריהער געוויינט, ווייל פעדאנוס האט איהר זוהן פערוואונדעט דאס אויער, האט אויפגעהויבען איהרע ברענענדע אויגען און געשמייכעלט, א רויסווייזענדיג איהרע ווייסע צייהנער.

— איך בייזער זיך שוין נישט אויף אייך. פאר וואס איהר

האט מיין מאן געריבט גרינציג און פרוכטען... — האט זי געזאגט — ווען איהר וועט שפאצירען הינטער דער שטאדט, געהט אריין אין דעם הויז פון גערטנער טאציוס. זיין פרוי, באלביא, וועט אייך מכבד זיין מיט מילך און ווייטרויבען פון אייגענעם וויינגארטען...

— און פון דאנקבארקייט פאר אויסהרג'ענען די זיהן פון אלע פעלקער אויף דער וועלט, וועט זי מיט פערגניגען אייך ערלויבען צו פערוואונדען דאס אויער פון איהר זוהן! — האט ווידער הויך געזאגט דער הויכער, וועלכער האט געהאט אויף זיין קאפ דעם קאפטאר פון מאנטעל.

קיינער האט אבער איצט שוין נישט אנגענומען די בעמערקונג. פיעל פון דעם המון האבען געפייפט.

— שווייגען! שווייגען! דער הויפטמאן רעדט!

פעדאנוס האט אויסגעשטרעקט זיינע ריזענדיגע ארמען צו דעם געלענדער מיט די חפצים, וועלכע זענען געבראכט געווארען פון לאנד יהודה און געזאגט:

— אויב איהר מיינט, אז דאס איז געווען א לוסטיגער טאנץ, זענט איהר א סטאדע מיט איזלען... איך זאג אייך, אז זיי האבען זיך געוועהרט, ווי די לייבען... די מויערברעכער און די קלעצער, מיט וועלכע מיר האבען געבראכען די מויערען, האבען זיי פערדארבען און געברענט. פון דרייהונדערט מאשינען האבען זיי געשאסען אויף אונז מיט שטיינער... אונז בעשאטען מיט א רעגען פון פיילען, וועלכע זענען געווען ארומגעוויקעלט מיט ברענענדען פלאקס... זיי האבען אונז בעגאסען מיט הייס וואסער און בוימעהל... זיי האבען געטהון דאס אלעס און נאך מעהר... זיי זענען אונז אנגעפאלען ביי טאג און ביי נאכט... זיי האבען אונז איין מינוט נישט געלאזט זיבער שלאפען און רוהען... אהא! ווען איהר וואלט זיי דאמאלס געזעהן! איהר וואלט געמאכט אזוי פיעל בילדער, וויפיעל עס איז געווען רוימישע סאלדאטען אין דער מלחמה מיט די ביקעס און לאמפארטען... יוחנן פון גוש-חלב איז נישט געווען קיין מענש. איך זאג אייך, אז ער איז נישט געווען אזא מענש, ווי איהר און אפילו ווי מיר, דאס הייסט, למשל, ווי איך אדער פודענס... מיט מיינע אייגענע אויגען האב איך געזעהן, ווי פון זיין קאפ זענען ארויסגעפלויגען פלאמען, וועלכע האבען זיך געזעצט אויף די קעפ פון זיינע סאלדאטען... איך זאג אייך, אז ער איז געווען א כשוף-מאכער... ווען זיי האבען

זיך אַמאָל אַראָבגעלאָזט צו אונז פֿון דעם „הר הזיתים״, האָט אפילו פֿולמענאַטאָ, הערט איהר, דער בעסטער לעגיאָן פֿון טיטוס׳ן, פֿולמענאַטאָ, אין וועלכער איך און פֿורענס זענען געוועזען הויפּטמענער, האָט זיך נישט געקענט האַלטען... און זי האָט זיך געמוזט צוריק רוקען, און ויען נישט טיטוס, וואָס זיין געטליכע שטימע האָבען מיר דערהערט און מיר האָבען אויפֿגעהערט צו הערען אונזער אייגענע שטימע, וואָלט איהר אפשר איצט נישט אויסגעגלאָצט די אויגען אויף די חפצים פֿון לאַנד יהודה און איהר וואָלט נישט אויפֿגעפּעפּענט אייערע פּיסקעס, הערענדיג די ווערטער פֿון פּערדאַנוס׳ן... אַ פֿערשאָלטען פֿאָלק איז דאָס! ווען איך דערמאָהן זיך אָן דעם אונמזל׳דיגען טאָג, וועלכער האָט אַ ווייַלע דונקעל געמאַכט דעם רוהם פֿון פֿולמענאַטאָ, שפּיר איך אַ שרעקליכען אַפּעטיט אויפֿצופֿרעסען חאָטש איינעם פֿון די שונאים פֿון דעם צעזאַר און פֿון רוים.

אַזוי האָט געזאָגט פּערדאַנוס און דער כעס וועלכער האָט וואָס אַמאָל מעהר בעדעקט זיין דיק פּנים, איז גיך איבערגעגאַנגען צו דער פֿערזאַמלונג, וואָס האָט געהערט זיינע ווערטער.

— אַ פֿערשאָלטען פֿאָלק! — האָט זיך אָנגערופֿען דער זעלבער, וואָס האָט פֿריהער געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיין הונגעריג, וועט ער אָבבייסען דעם שמאַראַגד און זיין ווייב וועט ער אָנקליידען אין דער הייל פֿון פּערלען — אַ פֿערשאָלטען פֿאָלק! איך וואָלט זיך גערן נוקם געוועזען פֿאַר פֿולמענאַטאָ און מיט מיינע צייהנער בייסען אַ שטיקעל פֿון דעם פֿערשאָלטענעם פֿאָלק!...

אַלע זענען דערהיצט געוואָרען. די, וואָס זענען געשטאַנען נעבען פּערדאַנוס׳ן, האָבען געלאַכט. אָן פּנים פֿון דעם הויפּטמאַן האָט מען דערקענט, אַז ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען אַ פֿרעהליכע מעשה. אַלע האָבען אויפֿגעשטעלט די אויערען. ווען עמיץ פֿון זיי וואָלט געוועזען ווענינער פֿערנומען מיט דער ערצעהלונג פֿון דעם הויפּטמאַן, וואָלט ער דערזעהן, אַז דער שטערן פֿון דעם הויכען מענש, וועלכער האָט געהאַט דעם קאָפּטאַר אויף דעם קאָפּ — איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ בלוטיגער רויטקייט און אין זיינע שוואַרצע אויגען האָבען זיך געוויזען טרערען.

— איך זאָג אייך — האָט פּערדאַנוס ווייטער געזאָגט — אַז די געטער אַליין ווען זיי וואָלטען דאָס געזעהן, וואָלטען זיי זיך געהאַלטען ביי די זייטען פֿון לאַכען!... די מעשה איז געוועזען אַזוי: טיטוס האָט צו אונז גערעדט... אַ הייליגע ציטערניש האָט

דורכגענומען אונזערע קערפּער און נשמות... פֿולמענאַטאָ איז געלאָפען געגען די שונאים... קיין שום שטורם־ווינד לויפט נישט גיכער, ווי די פֿולמענאַטאָ איז דאַמאָלס געלאָפען... ריַיטער געגען ריַיטער, מיר פֿאַלען אָן אויף זיי, אַ פּנים געגען אַ פּנים, אַ ברוסט געגען אַ ברוסט, אַ שווערד טרעפט זיך מיט אַ שווערד. אַ געשריי, אַ קלאַפּעריי, זיפצען, מענשען, פֿערד פֿאַלען אויף דער ערד — מיר הערען גאָר נישט... די נעכטיגע בושה האָט אונז טויב געמאַכט, דער כּעס האָט אַלעס פֿערדעקט פֿאַר אונזערע אויגען. די פֿערד און די פּנים'ער פֿון די פֿיינד, זייערע שווערדען, די מויערען פֿון דער שטאָדט, וועלכע זענען געוועזען הינטער זיי, דער הימעל, די ערד... אַלעס... רויט... איך זאָג אייך, אַז דאַמאָלס האָבען די געטער מיט בלוט בעפֿאַרבט די גאַנצע וועלט... איך ווייס נישט, וויפֿיעל קעפּ איך האָב אָבגעהאַקט, וויפֿיעל ברוסטען איך האָב דורכגעשטאָכען, וויפֿיעל קערפּערס איך האָב דורכגעהאַקט... אינדעם שפּיר איך, אַז מיט מיר אַליין איז שלעכט... איינער פֿון זיי פֿאַלט אָן אויף מיר מיט שרעקליכען כּעס. הונדערט מאָל האָט מיין שווערד בעריהרט זיין ברוסט און הונדערט מאָל האָט ער אָבגעשלאָגען מיין שווערד און צו מיר האָט ער זיין שווערד אויסגעצויגען. איך קוק: אַ גוי! נישט קליין, דין, מאָגער איז ער (פֿון הונגער איז ער אויסגעדאַרט געוואָרען, וואָרום הונגער האָט שוין דאַמאָלס געהערשט ביי זיי אין די מויערען), צום אָרם דערגרייכט ער מיר שוין נישט, אַ מוראַשקע! און שטאַרק איז ער, פֿלינק, געשיקט און אַרום מיר שפּרינגט ער! ע, קלער איך זיך, זאָל איך זיך לאָזען אויפֿעסען פֿון אַזאַ ווערמעל? די געטער האָבען מיך בעגייסטערט! די שווערד האָב איך גענומען אין דער לינקער האַנד און מיט דער רעכטער האַנד האָב איך איהם אָנגעכאַפּט ביים פּוס, און איידער איהר וואָלט געקענט אַ וואָרט אַרויסרעדען, האָב איך איהם שוין אַראָבגעשלעפּט פֿון פֿערד. ער איז געוועזען אַזוי גרינג! מיין האַנד האָט געשפּירט, אַז זיינע געדערים זענען לעער. דאַמאָלס האָבען זיי זיך שוין אָנגעהויבען צוריק רוקען פֿאַר אונזער פֿולמענאַטאָ, און איך האַלטענדיג דעם יודישען ריַיטער ביים פֿוס, האָב איך איהם אויף מיין פֿערד צוגעפֿיהרט צו טיטוס'ן. איך האָב דאָס פֿערד געיאָגט, האַלטענדיג מיין געפֿאַנגענעם, ווי אַ ריטעל אין דער האַנד און שאָקלענדיג מיט איהם אין אַלע זייטען. ווער נאָר עס האָט דאָס געזעהן, האָט הויך געלאַכט, אָבער דערפֿאַר

וועט שוין פון דאמאלס אן קיינער נישט לאכען קיינמאל פון פעדאנוס'ענס גבורה און פון זיין פויסט...

די צוהערער האבען געלאכט נישט פון דער גבורה און פויסט פון פעדאנוס'ן, וועלכע מען האט געקענט דערקענען, קוקענדיג אויף איהם, נאר פון דעם יורישען רייטער, וועלכען א רוימישער הויפטמאן האט געהאלטען ביים פוס, ווי א ריטעל.

— זייער חוצפה האט קיין שום גרענעץ נישט געהאט — האט מיט א גראבע שטימע גערופען פודענס, וועלכער איז געשטאנען א ביסעל נידריגער פון פעדאנוס'ן — זאל פעדאנוס זאגען צי איך זאג נישט אמת. מיר זענען געשטאנען גענען זייער מיליטער, ווארטענדיג אויף א בעפעהל. מען קען זיך נישט ריהרען... זאל פעדאנוס זאגען, וואס פאר יסורים עס ליידען סאלדאטען, ווען זיי קענען זיך נישט ריהרען אהן א בעפעהל און זיי מוזען שטעהן און אויסהערען די שונאים'ס חוצפה'דיגע ווערטער און זייער ליצנות... זיי האבען פון אונז ליצנות געמאכט און געלאכט פון אונז, אז מיר בעלעגערן שוין אזוי לאנג זייער שטאדט און מיר קענען זי נישט איינעהמען... אינדעם שפרינגט ארויס איינער פון זיי, דער, וועלכען מיר האבען שטענדיג געזעהן ביי יוחנן גוש-חלב... הויך, דאר, שווארץ איז ער געוועזען און מיט זיין פיסק האט ער א גאנצען האגעל מיט זידלערייע אויסגעשאטען אויף אונזער מיליטער. ער האט געזידעלט און גערופען צו אונז: „זאל איינער פון אייערע ריטער מיט מיר אליין האלטען א מלחמה... קום, קום רוימער!... קום-צו מיט דיין ברוסט צו דער ברוסט פון א יוד... זאל איך חאטש איינעם פון אייך צודריקען מיט מיינע ארמען צום הארץ!"... זאל פעדאנוס זאגען, צי ער האט נישט אזוי גערופען. איך הער, פאל ארייין אין כעס, נאר איך שטעה אויף מיין ארט און ריהר זיך נישט. מען מוז דאך אין מיליטער געהארזאם זיין! אהן א בעפעהל טאר זיך דאך קיינער נישט ריהרען! פריסקוס האט אבער קיין געדולד נישט געהאט צו ווארטען. ער איז געוועזען דער יונגסטער זוהן פון מיין שוועסטער סערווויליא... עס איז נאך קיין יאהר נישט פאראיבער זייט ער איז פיליעהריג געווארען... באלד דערנאך איז ער געווארען א סאלדאט... א קינד איז ער נאך געוועזען! זאל פעדאנוס זאגען! ער איז ארויס פון די רייהען... ער האט נישט געקענט אויסהאלטען..., ער האט זיך א חאפ געטהון... ער איז געלאפען צו דעם יוד... זיי האבען זיך צוזאמענגעשטויסען, גע-קעמפפט נישט לאנג,... מיין פריסקוס איז געפאלען א פערבלוטיגטער...

דורכגעשטאָכֿן איז ער געווען מיט דער שווערד פֿון דעם יוד...
זאָל פֿעדאַנוס זאָגן, ווי ווײַס, ווי שען, ווי מוטהיג און גוט עס
איז געווען דער זוהן פֿון מײַן סערוויליאַ... אַ קינד! איך האָב
קיין ווײַב נישט... דיענענדיג רוים, האָב איך קיין צײַט נישט
געהאַט זיך אַ אײגענע נעסט צו מאַכֿן... פֿריסקוס'ן האָב איך
געוואָלט זיך האַלטען אַלס זוהן... אַ שוועסטער האָב איך געהאַט
נאָר איינע... די... סערוויליאַ... אַ ערליבע, זיסע פֿרוי איז זי
געווען און ווען איך בין געווען אין רוים, האָט זי מיך געשפּײַזט
מיט פֿײַנע באָבעס, מײַנע מלבושים פֿעראַכֿטען און צוזאַמען מיט
מיר האָט זי געשמועסט פֿון אונזערע עלטערן... זי האָט איהר
זוהן אַזוי בעדויערט, אַז באַלד נאָך זײַן טויט איז זי אַ וועק געגאַנגען אין דעם לאַנד פֿון די שאָטענס!... זאָל פֿעדאַנוס זאָגען...

פֿעדאַנוס האָט גאָר נישט געזאָגט. מיט זײַן ריזענדיגער פֿויסט האָט ער אויסגעווישט זײַנע פֿײַכֿטע אויגען. די שטימע פֿון פודענס'ן, וועלכֿע איז געוואָרען וואָס אַ מאָל טרויעריגער און זײַן גראָב פּנים, וועלכֿעס איז אויסגעקרומט געוואָרען מיט זײַן געוויין, האָבען געריהרט אַלע צוהערער.

— ווען מיר וואָלט געשעהן דאָס, וואָס עס האָט געשעהן סערוויליאַ'ן — האָט געשריען באַלביאַ, צודריקענדיג צו איהר ברוסט דעם יונג מיט'ן פֿערבלוטיגטען אויער — וואָלט איך צווישען די יודען אַזוי לאַנג געזוכֿט דעם רוצח, ביז איך וואָלט איהם געפֿונען, אויסגעשטאָכֿען זײַנע אויגען, אָבגעשניטען זײַן צונג. און מיט מײַנע נעגעל איהם אויסגעקראַצט דאָס האַרץ!...

— און ווען דו, באַלביאַ, וואָלסט געווען אַ מוטער פֿון דעם יוד, וועלכֿען פֿעדאַנוס האָט געטראָגען צו טיטוס'ן, האַלטענדיג איהם בײַם פֿוס, וואָס וואָלסט דו דאַן געטהון? — האָט געפֿרעגט דער הויכֿער, וועלכֿער האָט געהאַט אַ קאָפּטאַר אויפֿ'ן קאָפּ.

קיינער האָט נישט געהערט זײַנע ווערטער. צווישען די, וואָס האָבען אויסגעהערט די ערצעהלונגען פֿון די הויפּטמענער, האָט זיך געקאָכֿט.

— וואָס! — האָט אַמהעכֿסטען געשריען סילוויוס — קיינער פֿון אײַך האָט נישט אויפֿגעהויבען דעם אָרמען פֿריסקוס? די חוצפּה פֿון דעם יוד איז געבליבען אונבעשטראָפֿט?...

— דער שאָס פֿון פודענס'ן האָט זיך נוקס געווען אָן איהם — האָט פֿעדאַנוס געשריען — ער האָט געשאָסען אַ פֿײַל אין דעם בעג-

לייטער פון יוחנן גוש חלב... די פייל האט איהם געטראפען און ער איז געפאלען אויף דער ערד...

— ער איז דערהרג'עט געווארען! — האט דער המון אויסגעשריען מיט שמחה.

פודענס האט צונויפגעדריקט זיינע פויסטען און אויסגעשטרעקט זיינע ארמען.

— זאל פעדאנוס זאגען, צי דאס איז נישט א פאלק פון מכשפים! דער רוצח פון מיין פריסקוס איז געפאלען א טוידטער, ווען מיין פייל האט איהם געטראפען... און דאך האב איך איהם נעכטען געזעהן!...

— וואו? ווען? זאג!

— נעכטען, ביי די פערוויילונגען... דאס איז דער זעלבער, וועלכער האט פון זיין פיסק ארויסגעווארפען די זידלערייען אויף דעם געטליכען טיטוס און דער הערליכער בירוניקה... ער איז דאס געווען דער זעלבער... זאל פעדאנוס זאגען...

— איך זאג אייך, אז דאס איז געווען דער זעלבער!...— האט פעדאנוס בעשטעטיגט — מיר האבען געמיינט, אז ער איז שוין א דערהרג'טער און נעכטען האט ער צוריק אויפגעלעבט..., היינט האבען איהם א ודאי די שדים צוריקגעשלעפט אין גיהינום אריין...

— ער לעבט! — האט איינער פון המון אויסגעשריען מיט א פייפענדע שטימע.

דער הויכער, וועלכער איז געווען געקליידט אין א מאנטעל מיט א קאפטאר, האט א ציטער געטהון. קיינער האט אויף איהם נישט געקוקט. אלע האבען זיך געווענדעט צו דעם מענש אין דער שמוציג־רויטער בלוזע מיט דעם קאפ, וואס איז געווען האלב געל, האלב גאל. פעדאנוס האט געקוקט אויף איהם פון דער הויך און געשריען:

— ברוך־הבא, ערד־וואורם! נעכטען הבא איך גערעדט מיט דיר דו זאגסט, אז ער לעבט!

— ער לעבט! — האט סילוויוס געענטפערט אויפהויבענדיג צו איהם דעם קאפ.

— וואו איז ער? וואו בעהאלט זיך דער רוצח, דער מערדער, וועלכער האט דערהרג'עט מיין פריסקוס? פיהר אונז דארט הין, דו אבגעריסענער און מיר וועלען דיר מאכען אזא נייע טוניקא, וואס דיינע גלעע אויגען האבען אזעלכע נישט געזעהן, זייט דו בימט געבוירען געווארען — האט פעדאנוס געשריען.

סילוויום האָט זיך אָבער שוין געהאַט בעהאַלטען הינטער די ברייטע פלייצעס פון באַבאַס'ן און חראָמיאַ'ן, וועלכע איז געוועזען אויסגעצירט מיט זילבערנע רייפען און מיט איהר פלינקען קערפער האָט זי זיך אָנגעהאַנגען אָן די אָרמען פון דעם גבור.

די ערגינערונג פון דעם נעכטיגען געשעהעניש אויף דעם אָרט פון די פערוויילונגען איז געוועזען ווי אַ פייערינע פייל, וועלכע ווערט געוואָרפען אין המון. אַלע האָבען זיך דערמאָהנט אָן דער עולה, וואָס איז זיי געטהון געוואָרען, אַלע צוזאַמען האָבען גערעדט, אַלע צוזאַמען האָבען זיך געכעס'ט פאַר דער חרפה פון דעם צעזאַר'ס זוהן און פון דער הערליכער בירוניקה, דער צאָרן פון אַלע איז געוואָרען זעהר גרויס אויף דער חוצפה פון דעם עלענדען אויסלענדער, וועלכער האָט געהאַט די העזה בחרפה צו מאַכען דעם מאַיעסטעט פון רוימישען פאָלק.

אַ גרופע פון סירער האָט זיך בעזונדער פערזאַמעלט. פון איהר האָט אַרויסגעשטייגט דער הויכער באַבאַס. חראָמיאַ, וועלכע האָט זיך געהאַלטען אָן זייערע אָרמען האָט געלאַכט און אַ קוויטשענדיג קול האָט ווידער געשריען:

— ער הייסט: יונתן!

דאָס איז געוועזען די צווייטע ברענענדיגע פייל, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען אין המון. דער נאָמען האָט פיעל פון המון דערמאָהנט אַ מענגע זאַכען. פיעל אויערען האָבען וועגען איהם געהערט אַ מענגע ערצעהלונגען, פיעל אויגען האָבען איהם געזוכט און געיאָגט. ער איז דאָך געוועזען איינער פון די אָנפיהרער פון דעם יודישען אויפשטאַנד, איינער פון די גרעסטע פערברעכער געגען דער מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט פון דעם צעזאַר און פון רוים. יונתן איז דאָך געוועזען דער, וועלכער איז אַזוי פיעל מאָל פערוואונדעט געוואָרען און יעדעס מאָל זענען זיינע וואונדען פערהיילט געוואָרען און ער איז ווידער געשטאַנען נעבען יוחנן גוש=חלב און ווידער געקעמפפט געגען דעם רוימישען מיליטער. ער איז דאָך דאָס געוועזען דער, וואָס זייענדיג שוין אַ עלענדער נעונד'ניק און ווערענדיג געיאָגט פון אַלע זייטען, האָט ער נאָך אין מצרים פערזאַמעלט עטליכע טויזענד בעוואָפענטע יודען און דאָרט אַרויסגערופען אַ בונט געגען דעם צעזאַר. דער בונט איז געוועזען אַ שוואַכער און גיך איז ער דערטרונקען געוואָרען אין בלוט פון די, וואָס האָבען דעם בונט געמאַכט, אָבער דאָך האָט מען פון דעם בונט געזעהן, ווי פערביסען עס איז די שנאה און ווי גרויס

עס איז די חוצפה פון דעם עלענדען מכשף. און דער מכשף, איבער וועלכען קיין פיילען פון בויגענס האבען קיין שליטה נישט געקענט האבען און די מעכטיגע רוימער האבען איהם נישט געקענט חאפען, געפינט זיך איצט אין רוים און ער האט נאך איצט די העזה עפענטליך צו זידלען דעם מאיעסטעט פון רוימישען פאלק, צו לעסטערן דעם בעליעבטען זוהן פון צעזאר, וועלכען דאס גאנצע פאלק און דאס גאנצע מיליטער ליעבט אזוי שטארק!...

די הויפטמענער זענען אראבגעשפרונגען פון די מארמארען און צוגעהענדיג צו א גרופע פון ריעזען, האבען זיי אנגעהויבען זעהר לעבהאפטיג מיט אלע צו שמועסען. אויף א מארמאר איז ארויפגעשפרונגען סילוויוס, וועלכער האט גערערט לאנג, הויך, אויפהויבענדיג זיין ווייסע האנד מיט א גרויס פינגערל.

— בעטראכט נאר דאס, בירגער! — האט ער געזאגט — בעטראכט מיט אייער גרויסען פערשטאנד! נאר זיי האבען זיך אונז אזוי לאנג געגען געשטעלט. מצרים, סוריא, קליין אזיע, גאליע, שפאניע דאנקען שוין לאנג די געטער דערפאר, וואס זיי זענען בעהאפטען געווארען צו רוים. אנדרע מורמלען, ברומען ווי די ווילדע חיות און דאך בויגען זיי זיך און בוקען זיך פאר אונזער גבורה און בילדונג... בעטראכט דאס, בירגער, פאר אונזער גבורה און בילדונג בוקען זיי זיך, דאס הייסט פאר די גבורה און בילדונג פון מיר, פון ווענטורי און אויך פון דיר, טאציוס, פון דיר ניגערא און פון דיר, באלביא, און פון דיין קליינעם זוהן, באלביא. נאר די עלענדע, האבען זיך אונז אזוי לאנג געגען געשטעלט, און נאך איצט, ווען מיר האבען זיי שוין מנצח געווען, לעסטערן זיי אונזערע געטער, דעם צעזאר און אונז, חאטש מיר האבען זיי שוין מנצח געווען. צי האבען מיר זיי אבער טאקי שוין מנצח געווען? בעטראכט דאס, בירגער מיט אייער גרויסען שכל, צי האבען מיר מנצח געווען די, וועלכע פערשטעלען אונז אומעטום דעם וועג, אומעטום: אין פארט, אויף די מארקען, אין זיילען־האלעס, און פון עהרליכע רוימישער בירגער נעהמען זיי אב זייערע פערדיענסטען פון זייער שווערע ארבייט און די מעגליכקייט צו שפייזען זייערע פאמיליעס...

פון הינטער די ארמען פון סילוויוס'ן האט זיך ארויסגערוקט דער קאפ פון ווענטורי, וועלכער האט ארויסגעצויגען די ארמען און געשריען:

— אמת האט סילוויוס געזאגט! זייט זיי האבען זיך געמעהרט

אין טראנסטיבערים, פערקויף איך נישט די העלפט פארמוגען פון דעם, וואס איך האב געפלעגט פריהער צו פערקויפען... סילוויוס האט אמת געזאגט!

— אמת האסט דו געזאגט, סילוויוס, אמת האסט דו גע-זאגט! – האט געענטפערט א מעננע מענשען, וואס דער רוב פון זיי זענען געוועזען ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט ביי סילוויוס'ן און וועגטורי'ן.

אויסער ארבייטער זענען דארט אויך געוועזען פיעל ארמע טאג-דינער, וועלכע האבען ביי יעדער געלעגענהייט זיך בעקלאגט אויף זייער ביטערע לאגע. די טאג-דינער האבען געשריען, אז צוואנציג אסען, וואס מען צאהלט יעדען פון זיי פאר א טאג-ארבייט, קלעקט נישט אויף צו שפייזען זייערע פאמיליעס און דאדורך דארף מען זיי מעהר צאהלען.

— ווי קענען מיר אייך מעהר צאהלען – האט סילוויוס געשריען מיט א טאן פון פערצווייפלונג, ווען מיר אליין ווערען פערפאלגט פון אלע זייטען? די גרויסע לייט פיהרען אליין פיעל פאבריקען און די אויסארבייטונגען, וועלכע ווערען געמאכט דורך שקלאפען, קענען זיי ביליגער פערקויפען פון אונז. דאס איז אבער נאך ווענינ. און אונזער אייגענעם רוים מוזען מיר נאך פערפאלגט ווערען דורך אויסלענדער!... בעטראכט דאס, בירגער!...

דערנאך האט ער אויסגעשריען מיט א האניג-זיסע שטימע:

— ווער איהר בעשטעהן אויף דעם, בירגער, אז די ערליכע רוימער זאלען זיצען אויף דער בעטלער-בריק און אויסלענדער זאלען זיך ליגען אויף זייער רייכטהום אין דער שטאדט פון אונזערע אבות?... בעטראכט דאס מיט אייער גרויסען שכל, בירגער!...

— די בעטלער-בריק! די בעטלער-בריק! - האט וועגטורי געשריען מיט א ציטערנדע שטימע – בעטראכט דאס מיט אייערע קלוגע קעפ!

— ווען די בעלי-בתים אונזערע וועלען זיצען אויף דער בעטלער-בריק – האט געשריען א דארער דיע-ער – וועלען מיר דאך מוזען אונזערע קינדערווארפען אין טיבר!...

— אויב יודען וועלען זיי נישט אויפעסען פריהער אויף זייערע שבת'דיגע מאהלצייטען!

די לעצטע ווערטער האט געזאגט איינער, וואס איז ביז איצט געשטאנען שטיל און אויסגעהערט אלעם, וואס איז גערעדט גע-ווארען. ער איז געשטאנען, אנגעשפארט מיט די פלייצעס אן דעם

פוס פון א עפענטליכע ביהנע, וועלכע איז געווען בעשטימט פאר רעדנער. ער איז געווען רייך געקליידעט און זיין פנים האט געהאט א אויסדריק פון שלעכטקייט, חוצפה, רשעות און נקמה, וועלכען מען האט אפט מאל געזעהן אויף די פנים'ער פון שקלאפען, וואס זענען געווען ביי זייערע רייכע הערען פערוואלטער פון זייערע הייזער און געהיים-אגענטען אין זייערע געפעהרליכע ענינים. עטליכע האבען איהם דערקענט און געוואוסט, אז ער איז א שקלאף, הויז-פערוואלטער, געהיים-אגענט און בעפאלמעכטיגער פון צעסטיוס'ן, וועלכער איז געווען דער אנפיהרער פון רוימישען מיליטער אין לאנד יהודה און דער מאן פון דער שעהנער פלאוויא.

אין איין אויגענבליק האט זיך די נייגיריגקייט פון די פערזאמעלטע געווענדעט צו דעם עלטסטען דינער פון דעם גרויסען מאן. דעם שקלאף האבען ארומגענומען אנדערע מענשען, וועלכע האבען אויך געהערט אין זיין גייסט, עטליכע צוזאמען אדער איינער נאכ'ן אנדערן. זיי אלע זענען געווען אין לאנד יהודה מיט זייער הער צעסטיוס'ן, זיי האבען גוט געקענט דאס לאנד און דאס פאלק, וואס האט דארט געוואהנט. זיי האבען דערצעהלט א זעלכע זאכען, וואס די צוהערער זענען בלאס געווארען פון שרעק, אדער געציטערט פון כעס הערענדיג זייערע ווערטער. יודען בראטען די קערפערם פון אויסלענדער און עסען זייערע געדערים! א טהייל פון די געדערים געבען זיי א אייזעל קאפ, א בק און א זא אבגאט, וואס זיינע געדערים זענען פול מיט פייער! אין דעם פייער ווארפען זיי אריין קליינע קינדער אלס קרבנות! דער אבגאט הייסט מולך. זיי זענען מתפלל צו א קאלב, וועלכעס איז אבגעגאסען פון גאלד. זיי האבען כשוף און השבעות, דורך וועלכע זיי ציהען צו אויסלענדער צו זייער אמונה. אין רוים איז פערהאנען זעהר פיעל מענשען, וועלכע האבען אנגענומען זייער גלויבען. צי וועט דאס רוימישע פאלק רוהיג צוקוקען, ווי זייערע געטער ווערען פערלאזט?... די פריהעריגע צעזארם האבען שוין פיעל מאל געשיצט די הייליגקייטען פון רוים, וועלכע די אזיאטען האבען געוואלט פערניכטען. קלודיוס האט זיי פערטריבען פון רוים. דער צעזאר אספסינוס איז א וויכער מענש און זעהר בעשעפטיגט מיט אנדערע זאכען, נאר ער האט זיי פיינד און נאכדעם, וואס נעכטען איז פארגעקומען, וועט ער א ודאי ארויבלאזען אויף זיי זיין שטראפענדע האנד...

די פערזאמעלטע האבען צווישען זיך איבערגעחזר'ט:

— דער צעזאר האט זיי פיינד! איהר הערט? דער צעזאר

האָט זיי פֿיינד! דער דינער פֿון צעסטיוס׳ן ווייס גוט, וואָס ער זאָגט! ער זאָגט, אז דער צעזאר האָט זיי פֿיינד!

דער הויכער מענש מיט׳ן קאַפּטאַר אויף דעם קאָפּ, איז גיך פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון דעם פּלאַץ. ער האָט זיך דורכגעשטופּט אין פֿיעל גאַסען און פּלעצער דורך דעם המון, וועלכער האָט געשבירט און זיך צוגעקוקט קונצען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען, ביז ער איז געקומען אין דער זיילענהאַלע, וואו עס האָבען עטליכע מענשען שפּאַצירט און איינער פֿון זיי איז געווען העכער, דיקער פֿון אַלע, האָט געהאַט אַ גרויע באָרד, אַ דונקלען מאַנטעל און אַ רוהיג פּנים, דער הויכער מענש, וועלכער איז דאָרט הין געקומען, האָט זיך אַ נידער געשטעלט און גוט זיך איינגעהערט דעם שמועס פֿון די שפּאַצירענדע מענשען. קירצליך האָבען זיי זיך געשטעלט נעבען איהם און אַ יונגע, פֿרישע שטימע האָט געפֿרעגט:

— און איצט, מוזאָניוס, זאָג אונז, וואָס הייסט מוטה?

מוזאָניוס האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן אַ זייל, די הענד האָט ער זיך געלעגט אויפ׳ן האַרץ און געענטפֿערט:

— מוטה הייסט דאָס, וואָס שיצט די רעכטשאַפֿענהייט. נישט דער איז מוטהיג, וואָס איז אַ אכזר און אונרחמנות׳דיג, נאָר דער, וואָס קען ליידען פֿאַר גערעכטיגקייט. אַ בעל־גאוה וויל זיין גרויס, מעכטיג, אומעטום דער ערשטער און ווייל ער קען מיט זיינע מעלות נישט איבערשטייגען קיין אַנדערע, וואונדעט ער דעם יושר און טרעט אויף דער רעכטשאַפֿענהייט, ביז ער קומט צו זיין ציעל. ווער עס האָט מוטה דער קעמפּפֿט געגען אַ זעלכען בעל־גאוה...

אַ ווייַלע איז שטיל געווען און דערנאָך האָט אַ אַנדערער געפֿרעגט:

— און וואָס הייסט גוטקייט?

— גוטקייט בעשטעהט פֿון מענשענליעבע, אמת־ליעבע, פֿון ליעבע צו פֿרייהייט און ליעבע צו שלום.

דער הויכער מענש, וועלכער איז ערשט דאָרט הין אָנגעקומען, האָט איין פֿוס זיינעם אַרויפֿגעשטעלט אויף דעם פֿוס פֿון אַ זייל, אָנגעשפּאַרט דעם עלענבויגען אויף דער קניע און דעם שטערן אויף דער האַנד, גוט איינהערענדיג זיך וואָס דער אַלטער זאָגט. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבען זיין קאָפּ און געזאָגט:

— דיינע ווערטער, גרויסער לעהרער, שפּיעלען ווי אַ הימלישע מוזיק אין דער שטילקייט פֿון דער זיילען־האַלע און ווי הייליגער באַלזאַם טריפֿען זיי אויף דעם געריש, וועלכעס פֿערפֿולט הײַנט

די שטאָדט. אָבער, מוזאָניוס, בעת דו לערנסט די יונגע לייט ליעבע, מענשען און אמת, דאָרט, אויף די פלעצער און אויף די גאַסען, גיסען וועלף און שלאַנגען אין די הערצער פון רוימישען פאָלק גיפט פון גאוה און שנאה!

מוזאָניוס און די יונגע לייט, וואָס האָבען איהם אַרומגענומען, האָבען זיך אַרומגעקוקט, דער הויכער מענש איז אָבער גיך אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַס, וועלכע פיהרט צום טיבר.

— אמת האָט געזאָגט דער פערבייגעהענדער – האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אָנגערופען אַ יונגע שטימע פון דער גרופע מענשען – קוק זיך נאָר אום, מוזאָניוס. בעת מיר טרינקען דאָ, אין דער קיהלער שטילקייט, די הימלישע משקה פון פילאָזאָפיע, פרעסט דאָס פאָלק, שכור'ט, הוליעט און גיט אַרויס געשרייען לכבוד די מענשען, וועלכע מאַכען פון איהם אַ סטאַדע פון חזירים און וועלף. ער־ביטערונג און כעס האָבען געגומען פיהרען מײַנע געדאַנקען, און איך פרעג דיך: פאַר וואָס איז אַזוי שמאָל און וויסט דער וועג, אויף וועלכען מיר געהען נאָך דיר?

מוזאָניוס האָט מיט זײַנע הענד אַרומגענומען דעם קאָפּ פון פרעגענדען און מיט ליעבע האָט ער געענטפערט:

— הויך איז אונזער וועג און אונשטערבליך. דו ביסט אָנגעזאָפּט מיט כעס אויף די רציחות און אויף מענשענס נאַרישקייט. וויסען מוזט דו אָבער, אַז דאָס מענשען־געשלעכט ענדיגט זיך נישט מיט אונז און דער היינטיגער דור וועט נישט קענען אָבהאַלטען די ענטוויקלונג פון מענשהייט. פון אונטער דעם הימלישען ליכטיג־קייט און דער הימלישער שטילקייט, זעעט די פילאָזאָפיע איהר אמת אין די זעלטענע אויסגעוועהלטע נשמות, וועלכע טראָגען פונאַנדער דעם אמת. מיר זענען די כהנים פון דעם אמת און מיר פער־ברייטען איהם. אויף אונז האָט דאָס עניוס געזאָגט: „מיט טרערען זאָל קיינער אונזערע קברים נישט בעגיסען, וואָרום מיר לעבען אייביג, פליהענדיג פון איין נשמה צו דער אַנדערער". ווען לײַדענ־שאַפטען זידען, דער ווילקיר דריקט, נאַרישקייט פערפלייצט די וועלט, טאָרען מיר זיך נישט צוריקהאַלטען פון דעם קאַמפף, וועלכען מיר פיהרען פאַר דעם אמת און פאַר דער גוטקייט, נאָר אין דער צוקונפט פון דער וועלט מוזען מיר זיך אײַנקוקען און בלײַבען בײַ אונזערע פרינציפען, אויסשטעלענדיג אונזערע שטערנס צו די פײַלען, וועלכע ווערען צו אונז געשאָסען!...

— קום מיט אונז, גרויסער לעהרער אויף די פלעצער און

מארקען — האט זיך אַ אַנדרער יונגער מאַן אָנגערופען אום מיר זאָלען מיט אונזערע אייגענע אויגען זעהען דאַס, וואָס דער פערביי־געהענדער האָט אונז דערצעהלט.

צו דער גרופּע איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ הויכער יונגער מאַן אין אַ ווייסע טוניקאַ און אַ זילבערנעם באַנד אויף זיינע שוואַרצע האָר. אַרטעמידאַר איז דער יונגער־מאַן געוועזען. ער האָט זיך געבוקט פאַר מוזאָניוס׳ן און מיט פריינדשאַפט געקוקט אויף דער גרופּע פון זיינע חברים.

— העלווידיוס און פאַניאַ בעטען דיך — האָט ער געזאָגט — דו זאָלסט ווי אַמגיכסטען קומען צו זיי אין זייער הויז, וואו זיי װעלען אויפנעהמען דאָמיציאַנען, דעם זוהן פון צעזאַר, איידער אַ שטונדער וועט פאַראיבערגעהן.

די אויגען פון מוזאָניוס האָבען געבלאַנקט, ווי די אויגען פון אַ ריטער, ווען ער ווערט גערופען צו אַ מלחמה. קירצליך האָבען אָבער אַ ציטער געטהון די פאַלדען אויף זיין הויכען שטערן. ער האָט אויפגעהויבען די הענד און געקוקט אין דער הויך.

— דאָמיציאַן וועט אַריין קומען אין הויז פון טראַזעאַ׳ס טאָכטער!... געגען העלווידיוס׳ן וועט ער שטעהן אַ פּנים געגען אַ פּנים!...

מוזאָניוס איז וואָס אַ מאָל מעהר דערהיצט געוואָרען און ער האָט ווייטער אויסגעשריען:

— מיר האָבען נישט אפילו איין טאָג אין גאַנצען לעבען, אין וועלכען מיר זאָלען זיך קענען אָבגעבען אונזערע געדאַנקען!... מיר מוזען, מיינע ליעבע קינדער, בערייט זיין! מיר מוזען פאַר־בערייט זיין דערצו, אַז יעדע שטונדע קען אונז אַ אונגליק ברענגען! זיי זענען אַ וועקגעגאַנגען.

דער פאַרביי־געהענדער, וועלכער האָט פאַר אַ ווײַלע גערעדט צו מוזאָניוס׳ן איז שוין דאַמאָלס ווייט געוועזען פון דאָרט. פיעל גאַסען איז ער דורכגעגאַנגען, ביז צו דער בריק, וואו ער האָט זיך אַ ווײַלע נידערגעשטעלט און געקוקט אויף דער רוישענדער שטאָדט, דערנאָך איז ער דורכגעגאַנגען די בריק אויך און איז געקומען אין דעם יודישען קוואַרטאַל אין טראַנסטיבעריס. דאָרט איז דאַמאָלס שטיל געוועזען, די סירישע בעפעלקערונג איז געגאַנגען אין שטאָדט אַריין צו די פערגוויגלונגען און יודען האָבען דאַמאָלס זיך נישט אָבגעגעבען זייערע בעשעפטיגונגען, ווי זיי וואָלטען געשפּירט, אַז עס שטעהט זיי פאַר אַ גרויס אונגליק און דאַדורך האָבען זיי זיך

בעהאלטען און קיין אטהעם פון מויל נישט ארויסגעלאזט פריי. אום זייערע שונאים זאלען נישט וויסען, אז זיי לעבען. אין די קליינע שטיבלעך זייערע האבען זיי זיך פערזאמעלט, אין די „עליות", און דארט האבען זיי אין דער שטיל בעראטהונגען אבגעהאלטען.

די „עליה" אויף מנחם'ס דאך איז געווען פול מיט מענשען, וועלכע האבען מיט הייסע פיס געטרעטען די פאדלאגע פון לעהם, קאלך און אש, און מיט זייערע טורבאנען האבען זיי בעריהרט די באלקאנעס פון סופיט. נישט פיעל מענשען זענען דארט געווען, און דאך איז דארט די ענגניש געווען אזוי גרויס, אז איינער האט געטרעטען אויפ'ן אנדערענס פיס. דורך דער שויב, וועלכע איז געווען געמאכט פון א פענכער האט זיך אריינגעריסען א ביסעל ליכטיגקייט, לופט האט אויך געפעהלט; טייכען שווייס האבען זיך געגאסען פון אונטער די טורבאנען אויף די פנים'ער, וועלכע זענען געווען פול מיט פאלדען, היציג, בעשראקען.

דער, וואס איז אנגעקומען פון יענער זייט טיבר, איז גיך ארויפגעלאפען אויף די טרעפ און אריינגעגאנגען אין דער „עליה". אריינקומענדיג, האט ער באלד געווארפען זיין מאנטעל מיט'ן קאפטאר אויף דער ערד און ער איז געבליבען אין זיינע רוימישע מלבושים, פון וועלכע שמעון און אנדערע זיינס גלייכען, האבען זייערע אויגען אוועקגעווענדעט. מנחם איז אבער גיך צוגעלאפען צו דעם אנקומענדען און ער האט געוואלט זיינע הענד קושען.

– יוסטוס! רעטער פון מיין יונתן!...

יוסטוס האט איהם נישט געלאזט ענדיגען זיינע ווערטער. ער האט נישט בעמערקט, אז מנחם דריקט איהם די האנד מיט דאנקבארקייט און אנדערע קוקען אויף איהם מיט פערא͏כטונג, נאר גיך האט ער אנגעהויבען דערצעהלען אלעס, וואס ער האט געזעהן און געהערט אין דער שטאדט און אויך, וואס ער האט זיך דערוואוסט אין הויז פון אגריפס'ן. א שרעקליך געוויטער איז גע-האנגען איבער דעם קאפ פון דער געמיינדע. דער צעזאר מיט זיינע זיהן, די יודישע אריסטאקראטיע און א טהייל פון די גרויסע לייט אין רוים, דאס מיליטער און די סוחרים, דאס פאלק – אלע זענען געווען פול מיט צארן אויף יודען. פיינד געהאט יודען האבען זיי אלע מאל, נאר איצט האט די שנאה אויפגעבראכען מיט אזא קראפט, אז באלד וועט מען אפשר זעהן איהרע רעזולטאטען.

אז דער אויסברוך פון שנאה קען זיין שרעקליך, האבען יודען שוין גוט געוואוסט פון די פריהריגע בעפעלען, וואס די צעזארען

האָבּען שוין נישט אײן מאָל אַרױסגעגעבען, אַז יודען זאָלען אַרױסגעטריבּען װערען פוּן רוים און אויך פוּן די פרישע שרעקליכע מערדערײען, װעלכע זענען פאָרגעקומען נאָכ'ן חורבן ירושלים אין אַנטוכיה, אַלכּסנדריה און קיסריה. מעהר פון אַלעם איז יונתן געװען אין אַ סכּנה. הײַנט װײסען שוין אַלע, אַז ער לעבּט און אויך װאו ער איז. דאָס לעבען פון דער גאַנצער געמײנדע הענגט אָבער אויך נאָר אויף אַ האָר.

בּײַ די פערזאַמעלטע מענשען איז דאָס שוין קײן נײַעס נישט געװען. אויסער יוסטוס'ן האָבּען זײ געהאַט אין די רײַכע קװאַרטאַלען פון דער שטאָדט זײערע גוטע פרײַנד, װעלכע האָבען זײ פון דער פריה אָן צוגעטראָגען שרעקליכע ידיעות װעגען דער אויפרעגונג פון המון, װעלכער האַלט אָב מאָהלצײַטען און שכּור'ט. זײ האָבּען שוין געװאוסט, אַז דאָס בּילד פון דעם הערשער פון מצרים, אַלעקסאַנדער טיבּעריום, װעלכעס איז געשטאַנען אין שטאָדט, איז אין דער פריה בּעגאָסען געװאָרען מיט שמוציגע פליסיגקײט, װײַל דער אַלעקסאַנדער איז געװען אַ יוד, חאָטש אַ אָבּגעפאַלענער יוד, זײ האָט מען אויך דערצעהלט, אַז גרופּעס פון פאָלק און אפילו אַדעל־לײַט, זענען מיט געשרײען פאַרבּײַ געגאַנגען פאַר דעם הויז פון מונבּז'ן און פון איהם פערלאַנגט, ער זאָל צוריק געבען דאָס געלד, װעלכעס ער האָט צונויפגעקליבען פון פראָצענט, װאָס ער האָט גענומען בּײַ די אַדעל־לײַט. יוסטוס האָט דערצו אויך צוגעגעבען, אַז יוסף פלאװיוס איז נאָך זעהר פריה גערופען געװאָרען צו צעזאַר'ן, מיט װעלכען ער האָט לאַנג געשמועסט און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין דעם פּאַלאַץ פון אַגריפּוס'ן, װײנענדיג און בּעקלאָגענדיג זיך אויף דעם שגעון פון דעם יודישען המון. און אין דעם פּאַלאַץ פון אַגריפּוס'ן, זיצט טיטוס נאָך פון דער פריה אײנער אַלײן אין אַ צימער מיט בּירוניקה'ן, װעלכע װײנט און קלאָגט און איז אַ ודאי הײַנט נישט אַזוי בּערײַט, װי אַ אַנדערט מאָל יודען צו װעהרען און שיצען.

אַלע פּנים'ער האָבען זיך איצט געװענדעט צו יונתנ'ען, װעלכער איז געשטאַנען אונבּעװעגליך נעבען דעם פענסטער. מנחם האָט זיך געזעצט אין אַ װינקעלע פון דעם קלײנעם שטיבּעלע און דאָס פּנים האָט ער זיך פערשטעלט מיט די הענד. אַנדערע האָבּען געפרעגט:

— פאַר װאָס האָט יונתן געטהון דאָס, װאָס האָט געבּראַכט אַ סכּנה אויף דער גאַנצער קהלה? צו װאָס האָט ער געװעקט די שלאָפענדע

סטאַדע פֿון רויבפֿייגעל מיט לייבען? פֿאַר וואָס שווייגט ער פֿון נעכטען אָן, ווי גאָט וואָלט איהם דאָס מויל פֿערחתמ'עט? פֿאַר וואָס קוקט ער שטענדיג אויף דער ערד, ווי ער וואָלט געווען בעדעקט מיט בושה?...

יוסטוס, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך פֿערטיידיגען פֿאַר די, וועלכע קענען זעהר שווער בעשטראָפֿט ווערען איבער איהם.

יונתן האָט געשוויגען. אויף זיין פנים האָט זיך געוויזען אַ נידערגעשלאָגענקייט און אַ בושה. דאָך האָט קיינער נישט גע־האָט די העזה איהם אַ שלעכט וואָרט צו זאָגען, נאָר טרויעריג זענען אַלע געווען און שמעון, אויפֿהויבענדיג די האַנד געגען יוסטוס'ן און ווייזענדיג זיינע רוימישע מלבושים, האָט געשריען:

— אַ פֿערטשטהער איז דער! אויב מיר ווילען, אַז גאָט זאָל אויף אונז רחמנות האָבען, מוזען מיר אַרויסטרייבען די, וועלכע טראָגען מלבושים ווי אדומים. אַרויס פֿון יודישע הייזער!...

יוסטוס איז פֿריהער בלאַס און דערנאָך רויט געוואָרען. ער האָט נישט געקענט ענטפֿערן, ווייל צווישען איהם און שמעון'ען האָט זיך געשטעלט גאַרגיאַס, וועלכער איז רויט געוואָרען פֿון כעס.

— פֿאַר וואָס — האָט ער געשריען — זירעלסט דו דעם, וואָס האָט אונז שוין פֿיעל טובות געטהון מיט זיינע עצות און מיט זיין הילף און נעכטען האָט ער געשיצט פֿון די פֿיינד דעם שיצער פֿון ציון?...

— מיט מיינע אייגענע אויערען האָב איך געהערט — האָט שמעון נאָך העכער געשריען — ווי ער האָט געזאָגט, אַז אין די גריכישע און רוימישער וויסענשאַפֿטען איז פֿערהאַנען פֿיעל אמת און מיר טהון שלעכט, ווען מיר דערווייטערן זיך פֿון איהר...

— אפשר האָט ער טאַקי אמת געזאָגט — האָט זיך אָנגערופֿען איינער פֿון די יונגע לייט.

די מחלוקת האָט אויפֿגעבראָכען און אין דעם פֿייער פֿון קריגערייען האָבען זיך געוויזען צוויי שטרעמונגען. איינע איז געווען פֿול מיט שנאה צו די פֿיינד און די אַנדערע — מיט אַגרויסער טרויעריגקייט...

— גדרים, בעצוימונגען, מוזען געמאַכט ווערען צו דער היילינער תורה! — האָט שמעון געשריען — אַרומגעצוימט מיט מצות מוזען מיר זיין, אום זיך נישט צו פֿערמישען מיט אַנדערע פֿעלקער. אַלעס, וואָס גריכיש און רוימיש איז, פֿערדערבט גאָטס ווייגגאָרטען!...

גארגיאס'ען האט זיך דער טורבאן אראבגעלאזט פון קאפ און זיינע געלע לאקען זענען אראבגעפאלען אויף זיין שטערן. אויסציהענדיג די הענד צו שמעונ'ען, האט ער געשריען:

— נאך גדרים, נאך בעצוימונגען!... אלעס איז שוין פערוועהרט געווארען, אלעס איז פסול, טרפה, מען טאר שוין באלד גאר נישט טהון, גאר נישט זעהן, גאר נישט טראכטען!... וואס ווילט איהר האבען פון אונזער פאלק?!

-- מינות! אפיקורסית! — האבען פיעל אויסגעשריען.

— וועה איז דיר, מיין ארם פאלק! — האט אויסגעשריען יוסטוס, וועלכער איז געשטאנען ביים פענסטער — מין און אפיקורס הייסט ביי דיר יעדער, וואס וויל דיר א פרישען טראפען אריינגיסען אין דיין לעבען!...

יוסטוס'ן האבען באלד ארומגענומען עטליכע, שטארק דערצירנטע מענשען, וועלכע האבען געגען איהם אויפגעהויבען זייערע פויסטען.

עס איז געווארען א שרעקליכע מהומה. אלע האבען דערוויל פערגעסען אן דער סכנה, וואס שטעהט זיי פאר און נאר אין די מחלוקת זענען זיי געווען פערזונקען.

— ארויס זאלסט דו געהן פון צווישען עהרליכע יודען, די קנעכט פון אגריפוס'ן! בעזעם פון די אדומים! צרעת אויף דעם קערפער פון פאלק ישראל! אונזער הייליגקייטען בעשפייסט דו! ארויס פון דאנען! ארויס!

עטליכע הענד האבען אנגעהאפט יוסטוס'ן ביי די ארטען און אראבגעריסען פון איהם די רוימישע טוניקא. שמעון איז צוגעלאפען צו איהם און איהם אנגענומען ביים האלז. פלוצלונג האט זיך אבער יונתן אויפגעהאפט ווי פון שלאף און מיט זיינע דארע, שווארצע הענד האט ער אוועקגעשלעפט פון יוסטוס'ן זיינע פערפאלגער.

— אוועק! — האט ער געשריען מיט א לייבען־שטימע — אוועק פון איהם!... איך בין א מענש פון טהאט און קיין ווערטער ליעב איך נישט!... וואס כשר און וואס טרפה איז, האב איך אין דער מלחמה נישט געקענט וויסען. די חכמים אין יבנה האבען מיר נישט דערצעהלט די ווינדען פון דער מדבר און די חוואלעס פון ים, וואו איך האב געמוזט וואנדערן... דאס אייניגע ווייס איך אבער, אז איך ליעב מיין פאלק און מיין לאנד נישט

ווענינער פון אייך, און מיינע וואונדען זאגען מיר, אז ער, יוסטוס, ליעבט אויך דאס לאנד און דאס פאלק אונזערע, ווי איך... ער איז מיין ברודער... מיין גוטער ברודער!...

מיט זיינע ארמען האט ער ארומגענומען יוסטוס'ן און קוקענדיג אויף איהם מיט ליעבליבע, פייכטע אויגען, האט ער ווייטער געזאגט:

— גוטער!... איך וויים נישט, ווער פון זיי האט רעכט... די וכוחים אינטערעסירען מיך גאר נישט... איך וויים נאר דאס, אז דו ביסט מיין גוטער פריינד פון מיינע קינדער־יאהרען אן און איך וועל דיר נישט לאזען קיין עולה טהון...

— איך וועל נישט לאזען! — האט ער הויך אויסגעשריען, קוקענדיג אויף שמעונ'ען און זיינע אנהענגער.

אלע האבען זיך אבגערוקט. קיין איינער פון זיי האט נישט געהאט די העזה זיך געגען צו שטעלען דעם מענש, וואס האט אזוי פיעל געליטען פאר זיין פאלק און פאטערלאנד. עטליכע פון זיי זענען געבליבען פערשעהמט און האבען אראבגעלאזט די קעפ. גארגיאס האט אומגעדרעהט דאס פנים צו דער וואנד און האט געוויינט. מנחם איז זיך געזעסען אין איין ווינקעלע און האט מיט שרעקעניש געקוקט אויף זיינע געסט. פון א אנדער ווינקעלע האט זיך אנגערופען דער אלטער אהרן, וועלכער האט געפלעגט פונאנדער טראגען אין רוים פארפומען, וועלכע זענען אויסגעארבייט געווארען ביי גארגיאס'ן, אדער ער האט זיי פערקויפט אין דער זיילענהאלע:

— ערלויבט, ברידער — האט ער געזאגט — ערלויבט דעם שפל'דיגסטען פון אייך, וועלבער איז אבער דער עלטסטער פון אייך, עפעס אין אייערע אויערען צו זאגען.

אלע זענען שטיל געווען און זיך איינגעהארכט:

— ווען איך הער אייערע וכוחים — האט דער אלטער געזאגט — דערמאהן איך זיך א זאך, וואס איז פערשריבען אין אונזערע הייליגע ספרים...

אויף דעם אלטען אהרנ'ס ליפען האט זיך געוויזען א שמייכעל און אויפהויבענדיג די הענד אין דער הויך, האט ער ווייטער געזאגט:

— פיער זאכען אויף דער ערד זענען קליין, און קלוגער זענען זיי פון די קלוגסטע. מוראשקעס (מרובקעס), א שוואך פאלק זענען זיי, און זיי פארבערייטען אין שניט־צייט זייער נאהרונג;

האָזען, נישט שטאַרק זענען זיי און אין פֿעלזען מאַכען זיי זיך געסטען; היישריקען האָבען קיין קעניג נישט און געהען מחנות־ווייז; אַ שפּין איז עלענד און דאָך וואָהנט זי אין קעניגליכע פּאַלאַצען.

ער איז שטיל געבליבען, האָט ווידער געשמייכעלט און מיט זיינע טריבע אויגען האָט ער געקוקט אויף די פֿערזאַמעלטע, ווי מיט נצחון. נאָך אַ ווײַלע האָט ער ווייטער געזאָגט:

— אַ שוואַך פֿאָלק איז מחויב זיך פֿאָרצובערייטען נאַהרונג, ווי די מוראַשקעס, אום עס זאָל איהם קיין קראַפֿט צום לעבען נישט פֿעהלען, ווי די האָזען דאַרף עס זיך צו מאַכען נעסטען אין פֿעלזען און ווען דאָס פֿאָלק האָט נישט קיין לאַנד און קיין קעניג, ווי די היישריקען, מוז עס זיך צוזאַמען האַלטען, טאַקי ווי די היישריקען און נישט זיך טהיילען אויף כתות, נישט פֿיהרען קיין מחלוקת... זאָל זיך דאָס פֿאָלק וועבען זיין דינעם שטאָף, ווי דער שפּין, אום עס זאָל זיך קענען האַלטען אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, וועלכען דער אַלמעכטיגער גאָט האָט געבויעט פֿאַר אַלע פֿעלקער — שטאַרקע און שוואַכע.

— אַזוי זאָל זיין! — האָבען אַלע אויסגערופֿען

דער אַלטער אהרן האָט אָבער נאָך געהאַט פֿיעל צו זאָגען. אַלט איז ער געווען און פֿיעל געשעהענישען האָט ער געדענקט. ער האָט געדענקט דעם אומגליקליכען טאָג, ווען אַלע יודען זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון רוים אויפֿ'ן בעפֿעהל פֿון דעם צעזאַר קלוידיוס. ער האָט דערצעהלט די אַלע צרות און ליידען פֿון יענער צייט. ווער קען אָבשאַצען די צרות פֿון די מוראַשקעס, ווען אַ שווער ראַד פֿון אַ וואָגען געהט דורך אויף זייער באַרגעל, וואו זיי האַלטען זיך צוזאַמען און פֿיעל ווערען דערהרג'עט און די איבריגע מוזען זיך פֿונאַנדער לויפֿען אין אַלע זייטען פֿון דער וועלט? עס איז נישט פֿערהאַנען קיין וואָג אָבצוּוועגען די פּיין, וועלכע טראָגען מיט זיך מענשען, וואָס ווערען פֿון זייערע דורות פֿונאַנדערגעטריבען!...

די הענד און די פּיס פֿון אַלע פֿערזאַמעלטע האָבען געציטערט, דיא האָר האָבען זיך אויפֿגעשטעלט אויף זייערע קעפּ און דאָס בלוט האָט אין זיי געקאָכט.

— צונויפֿגערופֿען זאָלען ווערען אַלע עלטסטע פֿון דער קהלה! אַ בעראַטהונג מוז מען אָבהאַלטען! צו וועמען זאָל מען זיך ווענדען אום הילף און שוץ? ווי אַזוי וועט מען קענען שטילען

דעם כעס פֿון דעם צעזאר און די רוימער? וואס האָט מען צו טהון?

מיט די פֿראַגען און אויסגעשרייען זענען זיי גיך אַרויס פֿון דעם שטיבעלע, ווי דער טויט וואָלט זיי שוין געיאָגט. איילענדיג זיך, האָבען זיי געטרעטען די פֿיס איינער דעם אַנדערען. מנחם איז מיט זיי צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. אהרן, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַשטעקען, איז אַם לעצטען אַרויסגעגאַנגען.

יוסטוס מיט יונתנ'ען זענען איבערגעבליבען אַליין. יוסטוס האָט ואַנגענומען די הענד פֿון יונתנ'ען און איהם בעשיט מיט פֿ־אַגען:

— די פֿרעמדע פֿעלקער האָבען גרויסע לייט, זעהר קלוגע געלעהרטע. איינער פֿון זיי האָט געזאָגט: „די ליעבע צום פֿאַטער־לאַנד איז אַזוי גרויס, אַז זי ווערט געמאָסטען נישט מיט דעם דויערען פֿון אונזער לעבען, נאָר מיט אונזערע זאָרג וועגען איהר לעבען". די ליעבע האָט דיך פֿערשכור'ט! זי האָט דיך דערהיצט און דו האסט זי נישט געמאָסטען מיט דעם דויערען פֿון דיין לעבען און פֿון אַנדערעס לעבען.

יונתן האָט אויסגעהערט, האַלטענדיג דאָס פּנים אויסגעדרעהט צו דער וואַנד און דערנאָך האָט ער געענטפֿערט מיט היץ:

— הער אויף, יוסטוס! פֿערגרעסער נישט מיין בושה! צום ערשטען מאָל אין לעבען האָב איך שאַדען געבראַכט אונזער הייליגער זאַך! זיי מיר מוחל, יהודה! צום ערשטען מאָל אין לעבען האָב איך געדיענט די עבודה־זרה פֿון מיינע ליידענשאַפֿטען!

ער האָט צוגעדריקט דעם שטערן צו דער וואַנד, זיינע בלאַסע ליפּען האָט ער געביסען, ביז עס האָט בלוט פֿון זיי געריגען און שטיל האָט ער מיט בושה געזאָגט:

— שוואַך איז דער מענש, פֿון אַ פֿרוי איז ער געבוירען!...

דערנאָך, שטעהענדיג ווייטער ווי פֿריהער, האָט ער גיך אַנגעהויבען רעדען:

— ווי האָב איך זיי געקענט זאָגען, אַז איך האָב דאָס געטהון דורך מיין שנאה צום פֿיינד, ווען אין אמת'ן האָט די ליעבע צו אַ פֿרוי מיין מויל געעפֿענט מיט די געשרייען? האָב איך געזאָלט ליגענד זאָגען, אָדער זיך מודה זיין פֿאַר זיי, אַז מיין הערץ איז אַזוי געפֿאַלען?... ווען איך בין דאַ אַהער אַנגעקומען, האָב איך דערזעהן שפּעט אין אָווענד אַ יודיש מיידעל געהט מיט אַ רוימער און פֿיהרט מיט איהם אַ שטיל געשפּרעך... אין הויז

פון מנחם'ען האָב איך זי געזעהן און ווי אין די טהויערען פון הימעל, האָב איך פערזונקען אין איהר מיינע בליקען, איך האָב אָבער באלד דערשפירט פון איהר דעם ריח פון אדום... איהרע טויבען-אויגען האָט זי אַוועק געווענדעט פון מיר און זי האָט געטראַכט וועגען יענעם... ווען איך האָב געהאַלטען איהר האַנד, האָט זי זיך אַרויסגעריסען פון מיר און זי האָט געטראַכט וועגען יענע... אין דער שוהל איז זי נישט צוגעגאַנגען צו מיר, ווי אנדרע, נאָר זי איז געשטאַנען פון ווייטענס און פון שרעק איז זי בלאַס געוואָרען... זי מיאוס'ט זיך מיט דעם אונגליק פון אונזערע און איהרע געדאַנקען באָדען זיך אין די תענוגים פון רוים. ווען איך בין אַרוים פון דער שוהל, האָב איך די גאַנצע נאַכט געקוקט אין הימעל, פרעגענדיג גאָט, מיט וואָס איך האָב פערדיענט אויף אַזעלכע יסורים. אין די שענקען, האָב איך שטענדיג געהערט, איז דער נאָמען בירוניקה דערמאָהנט געוואָרען אָהן אויפהער... זי האָט פערגיפטעט די נשמות!... אין דער פריה בין איך שוין געווען אויף יענער זייט טיבר. איך בין נישט אַליין געגאַנגען. עפּעס אַ גייסט האָט מיך געטראָגען. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך טהו. אין מיין קאָפּ האָב איך מעהר, ווי געוויש נישט געהאַט. איך האָב וועגען דעם לאַנד יהודה שוין נישט געטראַכט, איך האָב נישט געהאַט אין זינען די ליעב פון דעם אַלמעכטיגען, וועלכע איז חרוב געוואָרען... איך האָב געטראַכט וועגען מיינע... נישט מיינע!... ווען יענע, ווי אַ שלאַנג מיט גאָלדענע שופּען, האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אום צו בעגריסען איהר מערדערישען בעליעבטען, האָב איך זי נישט געזעהן... איך האָב זי נישט געזעהן... פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען מיינע... און צו איהר רוימער האָט זי איהר האַנד אויסגעצויגען... ווען איך האָב געשריען, איז מיין האַרץ פול געווען מיט זיפצען און קללות... דער אָנפאַנג פון מיין זינד האָט נישט געשטאַמט פון דער ליעבע צום פאַטערלאַנד, נאָר פון דער ליעבע צו איהר...

ער האָט הויך געשלוכצט, דאָס פנים האָט ער פערשטעלט מיט זיינע הענד און טרערען האָבען זיך פון זיינע אויגען געגאָסען.

— שוואַך איז דער מענש — האָט ער געזאָגט שלוכצענדיג — פון אַ פריי איז ער געבוירען... זיי מיר מוחל, לאַנד יהודה! פערלעש נישט אַלמעכטיגער, דעם פייעריגען סלופּ, נאָך וועלכען איך בין געגאַנגען אויף מיין בלוטיגען וועג!...

מיט טרויעריגקייט האט יוסטוס אויסגעהערט די ווערטער פון זיין פריינד און זיינע אויגען האבען געפינקעלט פון פערעהרונג, וואס ער האט געשפירט צו יונתנ'ען. דאס גאנצע הארץ פון זיין פריינד האט זיך פאר איהם געעפענט און ער האט אין דעם הארץ געזעהן פערצווייפלונג און בושה.

און יוסטוס האט זיין איידעלע האנד ארויפגעלעגט אויף דעם אראבגעבויגענעם קאפ פון זיין פריינד און ער האט שטיל אנגעהויבען צו רעדען. ער דאט דערצעהלט, אז די גאנצע נאכט האט ער געמאכט פארבערייטונגען לייכט צו מאכען דאס ענטלויפען פון זיין טהייערן חבר, וועלכער קען יעדע ווילע געחאפט ווערען, ער האט איהם געזאגט, אז אויפ'ן ברעג שטעהט א שיפעל, וועלכעס איז בערייט איהם אבצופיהרען קיין אסטיע, וואו ער וועט אויפגענומען ווערען דורך גוטע פריינד, וועלכע וויסען שוין פון אלעם, זיי וועלען איהם אויפנעהמען און באלד וועלען זיי איהם זעצען אויף א שיף, וואס וועט איהם פיהרען וויים...

— אויפ'ן ים! אויפ'ן ים! — האט ער ענדליך אויסגעשריען — אויפס נייע א נע-ונד'ניק ווערען און עלענדקייט ליידען... קיין אנדרע עצה איז אבער נישט פערהאנען!...

יונתן האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט.

— ניין! — האט ער מיט פעסטקייט געענטפערט — איך וועל פון דעם הויז נישט אוועקגעהן... אליין!

— אין אזעלכע שרעקליכע בעדינגונגען ווילסט דו מיט זיך מיטנעהמען דאס מיידעל?

— איך וויל זי צונעהמען פון דאנען.

אומזיסט האט יוסטוס לאנג גערעדט צו יונתנ'ען, אום איהם צו איבערצייגען, אז ער דארף מירטאלא'ן נישט נעהמען מיט זיך.

— דו וועסט אומקומען! — האט ער ענדליך געזאגט.

— צוזאמען מיט איהר! — האט יונתן געענטפערט.

— קום צום שיפעל!

— און זי?

— דאס איז אונמעגליך!

— הייסט דו מיך, איך זאל זי איבערלאזען אין די הענד פון די רוימער?

ער האט געלאכט לאנג, ביטער.

יוסטוס האט די הענד געבראכען, גיך איז ער פון די טרעפ

אַראָבגעלאָפֿען און אין דעם שטיבעל אויף פּאַרטער האָט ער עטליכע מאָל אויסגעשריען:

— מירטאַלאַ! מירטאַלאַ!

ער האָט מיט איהר געוואַלט שמועסען; ער האָט זי געוואָלט בעטען, אום זי זאָל מיט אַביסעלע רוהיגקייט היילען דעם אונגליקליכען, זי זאָל איהם אויך בעטען, ער זאָל אַוועקפאָהרען. עפּענדיג די שמאָלע טהיר, וועלכע פיהרט אויף דער גאַס, האָט ער נאָך געשריען:

— מירטאַלאַ! מירטאַלאַ!

אומזיסט. די, וועלכע ער האָט גערופען, איז דאַמאָלס געווען ווייט פֿון דאָרט.

IX

מירטאַלאַ איז דאַמאָלס געווען אויף דעם שפּיץ פֿון אַוועג־טינישען באַרג, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון פּרעטאַר.

נישט לייכט איז איהר אָנגעקומען דעם וועג דורכצומאַכען פֿון דער היים ביז דאָרט הין. די לוסטיגע, שכור'ע גרופּעס אויף די גאַסען, האָבען זי אַטאַקירט מיט גראָבע בעוועגונגען און ווערטער. קיין שלעכטס האָט איהר אָבער קיינער נישט געטהון. זי האָט זאָגאַר נישט געשראָקען; איהרע געדאַנקען זענען געווען דורכגענומען מיט עפּעס אַנדערש. אין איהר קאָפּ האָבען גערוישט די ווערטער וועלכע זי האָט געהערט אין דער פריה: „צו וועמען זאָל מען זיך ווענדען אום רעטונג און שוץ?" קיינער האָט נישט געוואוסט צו וועמען מען דאַרף זיך צו ווענדען, נאָר זי אַליין האָט געוואוסט. אום שוץ און רעטונג האָט זי זיך געווענדעט צו די מעכטיגע, גוטע, קלוגע... זיי אַליין ליידען דאָך אויך!... וויפיעל מאָל האָט זי שוין געזעהן אויף זייערע פּנים'ער אַבלאַסקייט פֿון שמערצען און כעס!... וויפיעל מאָל האָט זי געזעהן, אַז פֿון פּאַני'ס אויגען גיסען זיך טרערען אויף דעם פּנים'על פֿון דעם קליינעם זוהן איהרען!... מוזאַניוס איז עפּעס אַזוי עהנליך צו מנחם'ען!... און ער? ער איז אַודאי אויך דאָרט איצט... ער וועט זיך אָננעהמען פֿאַר איהר און פֿאַר איהר פֿאָלק... זי וועט איהם זעהן!... זי וועט איהם זעהן היינט!... באַלד!... זי האָט איהם שוין אַזוי לאַנג נישט געזעהן! אפשר וועט ווידער זיין וואונדערליכע שטימע זינגען אין איהר אויער, ווי אַמאָל.

אפשר וועט ער זי ווידער נעהמען ביי דער האנד און זי פיהרען אין דעם גרינעם גארטען, אדער פון איין בילד צום אנדערען וועט ער מיט איהר געהן ווי א גוטער מלאך אין דער מלוכה פון קונסט. דאס גיהנום האט אבגעטרעטען פון איהר קאפ און א גן־עדן האט זי געהאט פאר זיך. זי איז געלאפען און געלאפען ביז זי איז צוגעקומען צו דעם הויז פון פרעטאר און דארט האט זי זיך אבגעשטעלט.

אין דעם הויז פון פרעטאר איז דאמאלס דאס גערויש געווען גרויס; זעהר פיעל מענשען זענען געווען אינווענדיג און אויס־ווענדיג. פאר דעם הויז זענען געשטאנען עטליכע צעהנדליגע שטארקע, שווארצע נעגרען, וועלכע זענען געווען בעצירט מיט גאלד און אויף די אקסלען האבען זיי געטראגען פערגאלדעטע, גרויסע לעקטיקעס, וואס זענען געווען בעצירט מיט עלפאנדביין און שארלאט. ארום די לעקטיקעס זענען געווען א מענגע ריענער אין ווייסע, מיט גאלד אויסגענעהטע מלבושים, וועלכע האבען געשמועסט, געשריען, געשפיעלט אין געלד.

ווייסע, מיט גאלד אויסגענעהטע מלבושים, ווי יעדער האט געוואוסט, האבען געהערט צו קייזערליכען הויף. דאמיציאן האט דאס איצט בעזוכט דעם פרעטאר, דאמיציאן, דעם צעזארס זוהן מיט זיין דיענסטשאפט און זיין גרויסע סוויטע. א העלפט פון הויף און א העלפט פון דעם ערשטען זאל האט די סוויטע פערפולט.

אין דעם צווייטען זאל האט זיך דאמאלס פערזאמעלט די גאנצע פאמיליע פון דעם פרעטאר און זיינע גוטע פריינד – מוזאניוס מיט זיינע תלמידים.

צווישען די צוויי גרופען: דאמיציאנ'ס סוויטע און דעם פרעטארס פאמיליע און גוטע פריינד זענען געשטאנען איינער געגען דעם אנדערן צוויי מענשען: דער פרעטאר פון רוים און דער זוהן פון צעזאר.

דער פרעטאר העלווידיוס איז געווען פיעל העכער פון דאמיציאנען, וועלכער איז געווען קרענקליך בלאס און דער קאפ זיינע – האלב גאל.

— איך בעגריס דיך, דאמיציאן! מיט וואס ווילסט דו איך זאל דיר דיענען?

פאניא האט זיך אויפגעהויבען פון איהר ארט און האלטענדיג איהר קליינעם זוהן ביי דער האנד, האט זי אויך דעם גאסט

בעגריסט און באַלד האָט זי זיך צוריק אנידערגעזעצט כלומר'ש רוהיג.

דאמיציאן האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און שמײכעלדיג האָט ער געוויזען מיט'ן פֿינגער אויף מעטיום קאַרום, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איהם.

— אויב דו, גרויסער העלווידיום — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילע, אײדעלע שטימע — ווילסט שענקען אַ בליק דעם פֿרײַנד טײַנעם, ווילסט דו לײַכט פֿערשטעהן צו וואָס איך בין געקומען צו דיר. אַ משפט האָט ער, אַ פּראָצעס האָט ער פֿערפֿיהרט געגען פּאָלאַ ארגענטאַריאַ, געגען דער אלמנה פֿון דעם פֿערברעכער לוקאניוס, וועלכער האָט זיך געבונטעוועט געגען דעם צעזאַר. בכן וויל איך, אַז דו זאָלסט אַ גוטען פּסק אַרויסגעבען. איך בעט דיך, דו זאָלסט געדענקען, אַז מעטיום איז מײַן געליעבסטער פֿרײַנד און לוקאניוס איז געווען אַ פֿערברעכער, וואָס זײַן נאָמען איז צו שאַנדען בײַ יעדען גוטען רוימישען בירגער.

— איך בעט דיך, מײַן הער — האָט דער פּרעטאָר געענטפֿערט מיט שטאָלצקײַט — רעד נישט מיט מיר וועגען לוקאניוס'ן. וואָס דו ווילסט זאָגען אויף איהם, וועט מיר נישט ליעב זײַן; וואָס איך וועל קענען וועגען איהם זאָגען, וועט דיך בעלײדיגען. איז דאָך בעסער מיר זאָלען וועגען דעם גאָר נישט שמועסען. דײַן פֿרײַנד מעטיום, ווינש איך גליק, אַ פּרעטאָר טאָר אָבער קײן נעמען נישט געדענקען. ער האָט פֿאַר זיך אַ משפט און לויט גערעכטיגקײַט און יושר מוז ער משפּט'ן. דער פּסק אין דעם משפט פֿון קאַרום אין ארגענטאַריא וועט אַרויסגעבען נישט איך, נאָר דאָס געזעץ, דער יושר.

דאַמיציאַנ'ס בלאַס פּנים איז רויט געוואָרען. הינטער איהם האָט זײַן סוויטע שטיל געשמועסט:

— מיר האָבען פֿאַראויס געזאָגט דעם געטליכען דאמיציאן, אַז דער מחוצף וועט איהם ענטזאַגען. דער געטליכער דאמיציאן האָט אָבער געענטפֿערט: „שטעהענדיג מיט מיר אַ פּנים געגען אַ פּנים, וועט ער זײַן חוצפה פֿערלירען”.

דאַמיציאן איז אָבער ווײַטער געשטאַנען מיט הכנעה און זיך געבעטען:

— וואָס האָב איך געגען דיר געזינדיגט, גרויסער און בערימטער פּרעטאָר, וואָס דו פֿיהרסט זיך אַזוי געגען מיר און געגען מײַנע גוטע פֿרײַנד?

אין דער סוויטע האָט זיך געהערט אַ שטיל געלעכטער.

— הערענדיג אַזאַ פֿראַגע, קען מען פֿערשטיינערט ווערען! דעם צעזאַר׳ס זוהן פֿרעגט וואָס ער האָט געזינדיגט געגען דעם, וועלכער טראַכט שטענדיג נאָר וועגען די צייטען ווען די צעזאַרס האָבען נאָך נישט געהערשט!

— וועגען דער זינד — האָט געזאָגט איינער פֿון דער סוויטע — דאַרף מען פֿרעגען דעם פֿילאָזאָף מוזאָניוס׳ן!... ווי שעהן האָט ער אין די טעג דערצעהלט וועגען די אַמאָליגע הערשער, וועלכע האָבען זייער מאַכט אָבגעגעבען דעם פֿאָלק, ווען דאָס פֿאָלק האָט זיי געוואָלט אַרויסנעהמען די מאַכט פֿון די הענד!

דאמיציאן האָט ווייטער געזאָגט:

— איך בין יונג און ווייסט גוט, אַז איך האָב נאָך נישט מיט וואָס צו שטאָלצירען. איך קום דאַדורך מיט הכנעה צו דיר און בעט דיך, צירונג פֿון רוים, און דו ענטזאַגסט מיר!

העלווידיוס האָט רוהיג געענטפֿערט:

— ווען דיין פֿערלאַנג וואָלט געווען רעכטשאַפֿען, וואָלט איך זעהר גערן דיך געפֿאָלגט. אָבער פֿערלאַנגענדיג אונגערעכטיג־קייט פֿון דעם, וואָס דאַרף אָבצוהיטען די גערעכטיגקייט, ווילסט דו, אַז איך זאָל טהון אַזעלכעס, וואָס איז מיאוס ביי די געטער און ביי מענשען...

דאמיציאן האָט געהויבען די ווייסע, נאַקעטע פּלייצעס, וועלכע האָבען זיך אַרויסגערוקט פֿון אונטער די פֿאַלדען פֿון זיין זיידענע טוניקא און מיט אַ טרויעריגער שטימע האָט ער געשריען:

— די געטער זאָלען מיר זיין עדות אין דעם, אַז די גרעסטע בירגער פֿון מיין פֿאטערלאַנד טהון מיר גרויסע עולות! איך זעה, העלווידיוס, אַז די מינדעסטע גנאָד האָב איך נישט אין דיינע א׳גען. דו גיסט מיר אַפילו נישט דעם טיטול צעזאַר, וועלכער קומט מיר ערליך, נאָר דו רופֿסט מיך ביים נאָמען, ווי אַ קליין קינד און ווי אַ לעהרער לערנסט דו מיך, וואָס עס איז שעהן און וואָס עס איז מיאוס. עס וואָלט בעסער געווען, ווען דו וואָלסט מיר נישט ענטזאַגט דאָס, וואָס מיין פֿערלאַנג איז. איך וויל זיך אָבער נישט נוקם זיין אָן דיר. איך וועל דיך ווייטער ליבען ווי ביז איצט און איך וועל אויף מיין פֿאטער נישט ווירקען, ער זאָל אונטערשרייבען דאָס בעפֿעהל דיך אַרויסצושיקען פֿון רוים, אָדער פֿון דער וועלט... איבערלעג זיך איבער און טראַג איבער די

גיטער, וואָס זענען געבליבען נאָך לוקאניוס'ן פֿון זיין אלמנה צו מיין גוטען פֿריינד!

העלווידיוס איז ווייטער געשטאַנען שטייף און איבערגעחזר'ט זיינע פֿריהריגע ווערטער:

– דעם פּסק, דאָמיציאן, וועלען אַרויסגעבען: דאָס געזעץ פֿון פֿאַטערלאַנד און דער יושר!

אין דער סוויטע איז געוואָרען אַ קאָכעניש. איינער האָט אויסגעשריען:

– משוגע איז ער!

דאמיציאן איז רויט געוואָרען און מיט כעס און ליצנות האָט ער געענטפֿערט:

– דו, העלווידיוס, מעגסט מקנא זיין אַ קליין קינד, וועלכעס זויגט די ברוסט פֿון זיין מוטער! מעהר שכל פֿון דיר האָט אַזאַ קינד!... מיט געטער נעהמסט דו זיך מלחמה האַלטען!... נאַר מיין פֿאָטער האָסט דו צו פֿערדאַנקען, וואָס דו ביסט נאָך נישט אין די הענד פֿון די אונטערערדישע געטער!... דו האָסט דאָך געזאָגט אין סענאַט, אַז מען זאָל אספּסינוס'ן ווי אַמווענינגסטען כבוד אָנטהון, וואָרום צו פֿיעל כבוד רופֿט אכזריות. דו האָסט דאָך צו איהם געזאָגט אין נאָמען פֿון סענאַט: „אספּסינוס!‟ און וואָס האָסט דו געטהון אין טאָג פֿון די פֿערוויילונגען? דו האָסט געעפֿענט די אַרענע ווען דער אַלמעכטיגער איז נאָך נישט געווען! דו ביסט אַ פֿערברעכער געגען דעם מאַיעסטאַט און היינט נעהמסט דו מיך אַזוי אויף! וואו זענען די בלומען און דער מוזיק, מיט וועלכע דו ביסט מחויב מיך אויפֿצונעהמען ביי זיך, אום יעדער זאָל זעהן, אַז דו פֿרייעסט זיך מיט מיין קומען צו דיר? ווען איך האָב צו דיר אַ בקשה, ענטזאַגסט דו מיר!... קלוג זענען טאַקי געווען די צעזאַרען, וואָס זענען געווען פֿאַר מיין פֿאָטער. איך בין בערייט מקריב צו זיין קרבנות אויף די מזבחות פֿון טיבעריוס, קלוידיוס און נירון, וועלכע האָבען גערייניגט די ערד פֿון אַזעלכע גיפֿטיגע קרייטעכצער, ווי דו!

העלווידיוס איז בלאַס געוואָרען, געביסען די ליפּען און זיינע בליקען האָט ער פֿרעגענדיג געווענדעט צו מוזאניוס'ן, וועלכער האָט אויך געקוקט אויף העלווידיוס'ן.

– אויב מען וועט דיר זאָגען – האָט מוזאניוס הויך געזאָגט – אויב מען וועט דיר זאָגען: „אין קייטען וועט מען דיך שמידען!‟

און דו אכטעסט דיין רעכטשאפענהייט, ענטפער: „שמיד מיך אין דיינע קייטען וועל איך א פרייער מענש בלייבען"...

די לעצטע ווערטער זענען פערזינקען געווארען אין דעם גערויש, וואס איז געווארען אין דער סוויטע. די אויגען האבען געברענט, פון די טעלער איז ארויס א הויך געלעכטער און די פינגער זענען אויסגעצויגען געווארען, טיטלענדיג אויף דעם פילאזאף, וועלכער האט מיט רוהיגקייט געקוקט אויף די, וואס האבען איהם געזידעלט און געדראהט. פלוצלינג זענען אלע שטיל געבליבען און אלע אויגען זענען געווען געווענדעט אויף איין שווארצען פונקט.

די אלטע אריע האט זיך פון איהר שטיהל אויפגעהויבען און שטעהענדיג אויף איהר פיסענבענקעלע, האט זי איהר האנד אויסגעצויגען צו דאמיציאנ'ען און מיט אזא הויכע שטימע, אז אלע האבען איהרע ווערטער געהערט, האט זי געזאגט:

— די מתים גריסען דיך, זוהן פון צעזאר!

זי אליין האט אויסגעזעהן, ווי זי וואלט צוריקגעקומען פון קבר. עפעס א שרעק איז געפאלען אויף אלע און נאך מעהר אויף דאמיציאנען, קוקענדיג אויף איהרע אפענע אויגען און הערענדיג איהר שטימע.

— די מתים גריסען דיך, זוהן פון צעזאר! — האט זי ווידער געזאגט — דו ווייסט גוט, ווער עס איז די פרוי, וועלכער רעדט איצט צו דיר. ווען דו ביסט געווען א קינד האט מען דיך אודאי געסטראשעט מיט דער געשיכטע פון מיינע אבות. צי זעהסט דו נישט די טהורמען, וואס זענען געמאכט געווארען פון די ביינער פון מיינע נעהנטסטע, וועלכע זענען געהרג'עט געווארען דורך די, וואס דו האסט געהאט די העזה זיי צו ריהמען אין דעם הויז?

איהרע דארע גלידער האבען געציטערט, נאר באלד האט זי אויפגעהויבען מיט איהרע בלאסע הענד דעם שווארצען שלייער און געשריען צו דאמיציאנ'ען:

— איך וועל נישט וויינען פאר דיר, יונגער צעזאר. איך וועל דיר נישט מאכען דאס פערגניגען, אז דו זאלסט קענען קוקען אויף די טרעהרען פון א גרויסע רוימישע דאמע. נאר דאס וועל איך דיר זאגען: געה ארויס פון דעם הויז, געה! דו ביסט דאך דא אהער נישט געקומען בעטען אום שלום, נאר מיט זידלערייען און דראהונגען. געה!...

עס איז געווארען א מהומה. אייניגע פון דער סוויטע האבען

געדראָהט, אַנדרע האָט צווישען זיך שטיל געשמועסט, אז מען דאַרף פרעגען די כשוף־מאַכערס, וואָס דאָס בעדייטעט, וואָס דאַמיציאַן האָט זיך היינט צונויפגעטראָפען מיט דער אלטער פרוי.

— שלעכטע רוחות זענען אין איהר אַריין...

— זי האָט זיך פונאַנדערגעבילט ווי העקובאַ, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צויג, ווען מען האַט איהרע קינדער געהרג'עט!

— זי זעהט אוים, ווי זי וואָלט ערשט אַרוים פון גיהינום!

איינער פון דער סוויטע האָט געקלונגען מיט דער שווערד.

— אָן הערקולעס'ען שווער איך! דאָס בילען פון איין אַלטע צויג, זאָל אונז אַלע דערשרעקען!

דאַמיציאַן האָט טאַקי שרעקליך געציטערט און לאַכענדיג מיט ביטערקייט, האָט ער אויסגעשריען:

געזעגען זיך מיט דער וועלט, פרעטאַר! לאַנג וועסט דו שוין די וועלט נישט זעהן!... געזעגען זיך מיט רוים, מוזאָניוס, דו אַפע, וואָרום מאָרגען וועט דיך דער צעזאַר אַרויסטרייבען! געזעגענט זיך אַלע! די געטער האָבען אייך פערלאָזט!

דאַמיציאַן מיט זיין גאַנצע סוויטע זענען גיך אַרוים פון דעם פרעטאַרם הויז. אַרויסגעהענדיג פון טהויער, האָט איהם דעם וועג פערשטעלט אַגאַנצע מחנה פון אויסגעציערטע ווייבער און מענער, וועלכע זענען אָנגעפיהרט געוואָרען דורך קייאַ מאַרציאַ, וואָס איז געוועזען אויסגעציערט מיט בלומען, שפיצען און ציערונג. זי האָט געהאַלטען ביי דער האַנד אַ יונג יונגעל מיט אַ שעהן, איידעל, מיעד פנים'על, וועלכען עס האָט געהאַנגען ביים האלז אַ גאָלדענע קויל אויף אַ גאָלדענע קייט. בעגעגענדיג זיך מיט דאַמיציאַנען, האָט זי איהם געוואָרפען אַ בינדעל בלומען צו די פים און נידער־קניענדיג פאַר איהם, האָט זי איהרע שעהנע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און אויסגעשריען:

— אַ דאַנק דיר, יונאָנאַ (געטין), דערפאַר, וואָס דו האָסט אויסגעהערט מיין בקשה פאַר דעם גאָלדענעם האַרץ מיט מיין שעהנסטען שמאַראַגד, וואָס איך האָב דיר אין דיין בית־מקדש גע־אָפפערט. שוין לאַנג האָב איך געשטרעבט צו זעהן פון דער נאָהנט דעם בלאַנק פון דיין זונענדיג פנים. איך האָב דערזעהן דיינע לעקטיקעם פאַר דעם טהויער פון דעם פרעטאַר'ס טהויער און די געטער האָבען מיך בעגייסטערט, אַז איך זאָל טאַקי היינט קומען צו מיין צוועק. זיי פערגעטערט, דו אונשטערבליכער! און טהו

מיר דעם חסד, אום וועלבען איך וועל דיך בעטען. אט איז מיין זוהן הארטענזיוס, א קינד, וועלבען איך האב נאך נישט אראב־גענומען פון האלז די גאלדענע קויל...

אין דער סוויטע האט מען געהערט שטילע געלעכטערן:

– וועלבער פון איהרע פיער מענער האט איהר איבערגעלאזט אלס אנדענקונג דעם תכשיט?

– וואס זאל דער געטליכער דאמיציאן טהון מיט איהר יונגעל?

– זי איז נאך שעהן און, אן וועגערא שווער איך, אז איך וואלט זיך נישט דערשראקען, ווען איך וואלט זי בעגעגענט אין א וויסט ארט...

קייא האט גאר נישט געהערט. זי איז געשטאנען און געקוקט אין די אויגען פון דעם צעזארס זוהן און מעהר האט זי גאר נישט געוואוסט.

דאמיציאן האט קייא'ן אויפגעהויבען און מיט זיין איידעלע האנד געגלעט איהר זוהן.

– מיין הארטענזיוס זאל זיין דיין דיענער און שקלאף! – האט זיך קייא געבעטען – זאל ער דיר איינגיסען וויין אין די בעכערס און ברענגען פייער פאר די געטער, וואס שטעהען אין דיין הויז. איך בין איהם מקריב אויף דיין מזבח...

דאמיציאן האט מיט א בעוועגונג פון זיין האנד פערבעטען קייא'ן זיא זאל גיין מיט איהם.

אין הויז פון דעם פרעטאר איז געווארען שטיל. אריע האט זיך אנגעשפארט אויף דעם ארם פון פאני און איז ארויס פון דעם זאל, זאגענדיג שטיל:

– שטענדיג דאס זעלבע! שטענדיג דאס זעלבע!

די גוטע פריינד פון פרעטאר זענען זיך פונאנדערגעגאנגען צווישען די בוימער פון דעם הויף און ליצנות געמאכט פון דאמיציאנ'ען מיט זיין סוויטע.

העלווידיוס האט זיך נעהנטער צוגערוקט צו מוזאניוס'ן. מען האט אן איהם גוט דערקענט, אז זיין גאנצער קערפער ציטערט.

– גרויסער לעהרער! – האט ער געזאגט – אויב זייענדיג געשמידט אין קייטען בין איך נאך פריי, האב איך דאס צו פער־דאנקען נאר דיין לעהרע. גאנצע הונדערט יאהר זענען שוין פאר־איבער, זייט איהר פילאזאפען זענט די יועצים און די טרייסטער פון רעבעלשאפענע און פרייע גייסטער. מיר לעבען און פיהרען זיך

לויט אײַערע עצות; מיר שטאַרבען זײַענדיג געטרײַסט דורך אײַך. הײַנט האָב איך פֿון דער נאָהנט געזעהן מײַן שוואַרצען סוף. באַלד װעל איך מוזען פֿערלאָזען אַלעס, װאָס איך ליעב אַזױ שטאַרק אויף דער ערד: דאָס פֿאָטערלאַנד, גוטע־פֿרײַנד, מײַן פֿרױ, מײַן קינד... אַ, גרױסער לעהרער! מײַן נשמה איז אונרוהיג. בערוהיג זי, גרױסער לעהרער!

אין די אויגען פֿון מוזאַניוס'ן האָבען זיך געװיזען טרערען און דאָך איז ער געבליבען רוהיג.

— רוהיג װעסט דו בלײַבען, העלװידיוס — האָט ער געזאָגט — איך בין זיכער, אַז דו װעסט בלײַבען רוהיג ביז צו דער לעצטער מינוט.

מוזאַניוס מיט העלװידיוס'ן האָבען זיך געזעצט נעבען דעם פֿײַער, װאָס האָט געברענט פֿאַר די הױז־געטער און זײ האָבען זעהר לאַנג שטיל געשמועסט צװישען זיך.

ניט װײַט פֿון זײ איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין אַ װײַסע טוניקע און אַ זילבערנע באַנד אויפֿ'ן קאָפּ. ער איז געשטאַנען און האָט געהאַלטען אַראָבגעלאָזט די אויגען. װען ער האָט זײ אויפֿגעהויבען, האָט ער דערזעהן מירטאַלאַ'ן, װעלכע איז געשטאַנען אין אַ װינקעל פֿון זאַל און געקוקט אויף איהם. בײדעס אויגען האָבען זיך בעגעגענט און בײדע האָבען צו זיך געשמײכעלט, דערנאָך האָט ער אַ װאונק געטהון מיט'ן קאָפּ און שטיל האָט ער צו איהר געזאָגט:

— קום!...

אין דעם גאָרטען פֿון פּרעטאָר איז געװען אַ אָרט, אין װעלכען עס איז ניט געהערט געװאָרען דאָס נערויש פֿון דער גאַס און די הײסע שטראַהלען פֿון דער זון זענען דאָרט הין ניט צוגעקומען. געדיכט בעװאַקסען איז דאָס אָרט געװען מיט בוקספּאַנען און העסים. עטליכע זעהר הויכע פּאַלמען האָבען דאָרט פֿערשפּרײט זײער שאָטען, אַנדערע, פֿערשידענע געװאוקסען האָבען געבליהט, פֿערשפּרײטענדיג אַ זיסען ריח און שטיל, רוהיג איז דאָרט געװען, געהערט האָט מען גאָר ניט אויסער דאָס שטילע גערויש פֿון דעם װאַסער, װאָס האָט זיך געגאָסען פֿון דער פֿאָנטאַנע.

דאָרטהין האָט דער יונגערמאַן, אַרטעמידאָר, געפֿיהרט מירטאַלאַ'ן און לעגענדיג זיך אויף אַ דיװאַן פֿון בליהענדע, קורצע געװאוקסען, האָט ער איהר געגלעט די האָר, זאָגענדיג:

— ענדליך זעה איך דיך, אַראַבֿנע! וואו ביסט דו אַזוי לאַנג געוועזן? פֿאַר וואָס ביסט דו נישט געקומען, ווען איך האָב דיך גערופֿען?...

— לאַנג, לאַנג האָב איך דיך שוין נישט געזעהן, מלך מיינער! — האָט זי געזאָגט — מיין ברודער, וועלבֿען מען האָט מיר נאָך אַלס קינד געגעבען פֿאַר אַ חתן, ער וויל מיך אַרויספֿיהרען פֿון רוים אויף אייביג... זיי אַלע האָבען געקושט די מיאוס'ע שווערד און היינט וויינען זיי, אַלע זיפֿצען, ציטערן, שרעקען... איצט דאַכֿט זיך מיר אָבער, אַז דאָס איז נאָר געוועזן אַ שלעכֿטער חלום... גאָט האָט מיך אויפֿגעוועקט און אַט בין איך ווידער ביי דיר און איך קוק אויף דיר... אַרטעמידאַר!...

איהרע אויגען זענען געוועזן פֿול מיט טרערען און זייענדיג זעהר גערירט האָט זי אַנידערגעלעגט דעם קאָפּ אויף דעם גראָז און זיך פֿערשטעלט דאָס פנים מיט די הענד. אַרטעמידאַר האָט זי אָבער באַלד אויפֿגעהויבען, זאָגענדיג:

— בויג נישט אַראָב דעם קאָפּ. קוק אין דער הויך. זעה, ווי שעהן די וועלט איז!... זאָל איך זעהן, ווי שעהן דיינע אויגען זענען!...

— הער, מירטאַלאַ! — האָט ער נאָך אַ ווײַלע געזאָגט צו איהר — קיין שום פֿרוי האָט נאָך נישט צוגעבֿונדען מיין נשמה צו זיך, ווי דו!... נישט איינמאָל האָט מיך דורכֿגענומען אַ שגעון פֿון דעם גאָט פֿון ליעבע, נאָר באַלד האָב איך רערזועהן, אַז דאָס איז אַ שגעון. אַ ריינע, גרויסע נשמה האָב איך געשטרעבט צו ליעבען, אַזאַ נשמה, ווי דיינע, מירטאַלאַ!

מירטאַלאַ איז פלוצלינג בלאַס געוואָרען און אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, האָט זי געזאָגט:

— איך געה שוין... — מיין שלעכֿטער חלום איז צוריקגעקומען!... איך געה שוין!... איך מוז געהן!...

— וועה איז דיר — האָט אַרטעמידאַר געזאָגט — וועה איז דיר, אויב דו גערענקסט דעם סוף, וואָס די געטער האָבען בעשטימט דיר און מיר! זיי קלוג! פֿערלאַנג נישט קיין לאַנגע האָפֿנונגען פֿון קורצען לעבען.

מירטאַלאַ האָט אָבער זיין עצה נישט געקענט אָננעהמען. זי איז געוועזן אַזוי נידערגעשלאָגען, אַזוי טרויעריג, אַז זי האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט.

— איך וועל שוין געהן! — האָט זי ווידער געזאָגט — און אויפֿ-

הויבענדיג בײדע הענד צום קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף, האָט זיך געזאָגט, ווי צו זיך אַלײן:

— איך וועל געהן!

— וואוהין? — האָט אַרטעמידאַר געפרעגט.

— איך בין געקומען צום מעכטיגען פּרעטאָר, אום איהם צו בעטען אום רעטונג... און... איך אונגליקליכע!... איך האָב פערגעסען!...

אַרטעמידאַר האָט זיך אויך אויפגעחאַפּט פון זײן אָרט און מיט אַ ביטערן שמײכעל האָט ער געזאָגט:

— צו אַרטעמידאַר'ן ביסט דו געקומען זוכען בײ איהם רעטונג... צו האָט ער אַלײן רעטונג פאַר זיך?... ער אַלײן איז אַפערמשפּט'ער און קירצליך וועלען אַלע זײנע גוטע־פרײנד איהם מוזען בעווײנען; רעטען קען איהם קײנער נישט!...

פון הינטער זײ האָט זיך געהערט אַ רײנע מענער־שטימע:

— ווער זאָגט דאָס, אַז דער פּרעטאָר האָט שוין קײן שום מאַכט נישט? דו, אַרטעמידאַר, זאָגסט אַזוי?... וואָס איך וועל זײן מאָרגען, ווײס איך נישט. אָבער הײנט? זאָגסט, וואָס ווילסט איהר? וועמען זאָל איך רעטען? איך בין פּרעטאָר אין רוים און איך האָב מאַכט!...

העלווידיוס האָט זיך געשטעלט נעבען מירטאַלאַ'ן און אַרטעמידאַר'ן. נאָך איהם איז אָנגעקומען מוזאָניוס מיט אַ שמײכעל אויף די ליפּען און באַלד איז אויך דאָרטהין געקומען פאַני מיט איהר קלײנעם זוהן העלווידיוס, וועלכער איז מיט אַלוסטיג געשרײ צוגעשפּרונגען צו מירטאַלאַ'ן, זיך אָנגעהאַנגען אין איהר האַלז און זיך בעקלאָגט אויף איהר, וואָס זי איז שוין אַזוי לאַנג נישט געווען בײ זײ, זי האָט נאָך נישט געזעהן זײן שוואַלב פון שטאָל און זילבער, וועלכע פליהט, ווי אַ לעבעדיגע...

דער פּרעטאָר האָט פערבעטען אַלע אין דער אַלטאַנע, וואו דער טיש איז שוין געווען געדעקט צום אָווענדברויט.

— דאָרט וועלען מיר אויך אויסהערען די בקשה פון דעם מײדעל — האָט ער געזאָגט.

און אַלע זענען געגאַנגען אין דער אַלטאַנע רוהיג, זיכער, ווי עס וואָלט בײ זײ גאָר נישט פאָרגעקומען קײן אונגעוועהנליכעס ווי קײן שום אונגליק וואָלט זײ נישט פאָרגעשטאַנען.

X

נעבען דעם ברעג פון טיבר, אויף דעם גרויסען פיש-מארק און די דערנעבענדיגע געסלעך זענען געשטאנען מענגעם מענשען אין פערשידענע קליידער. אלע האבען זיך צונויפגעשטופט און נישט געריהרט זיך פון ארט. דערשראקען איז יעדער געווען.

די זון איז אונטערגעגאנגען הינטער דעם בארג יאניקול. און אנגעקומען איז א ריזענדיגער וואלקען, וועלכער האט פערדעקט א העלפט פון דער בלוטיגער זון. און פון אלע זייטען זענען אנגעקומען שטיקער גרויע, אש-פארביגע און רויטע וואלקענס. פון דרום-זייט האט געבלאזען א טרוקענער ווינד, פון דעם ים זענען געבראכט געווארען אין דער לופט ריחות, וואס זענען געווען אנגעזאפט מיט זאלץ, פון אנדערע זייטען האבען די ווינדען געבראכט ריחות פון רויזען, וועלכע האבען זיך צונויפגעמישט מיט ריחות פון וויין, וואס איז פונאנדערגעגאסען געווארען אין די גאסען.

דעם שווארצען וואלקען אויף מערב-זייט האט די אונטערגעהענדע זון בעצירט מיט טויזענדער פארבען און פייערען, מיט געמאלטע בארגער און וועלדער, טהורמען און ריזענדיגע חיות. און דאס אלעס איז זיך פונאנדערגעגאנגען אויפ'ן הימעל, האט זיך פערהאלטען אויף פערשידענע פונקטען, געשלאסען זיך איינס מיט'ן אנדערן און ווידער זיך פונאנדערגעגאנגען.

אויפ'ן מארס-פעלד האבען זיך געדרעהט סלופעס פון שטויב און סלופעס פון וואסער, וועלכע דער ווינד האט אבגעריסען פון די פאנטאנעס. די בוימער אין די גערטנער האבען גערוישט. קיין בליצען און דונערען זענען אבער נישט געווען און קיין טראפען רעגען איז פון הימעל נישט געפאלען.

צווישען דעם המון, וואס האט זיך פערזאמעלט אויף דעם ברעג פון טיבער, האבען זיך געדרעהט שטערנזעהער און כשוף-מאכער, וועלכע האבען ערקלערט אלעס, וואס מען האט געזעהען אויפ'ן הימעל.

— זעהט! — האט איינער געזאגט — ווען עס ווייזט זיך אויפ'ן הימעל אזא טייך מיט בלוט, ווי דער, וואס פליסט איצט דארט איבער דעם גארטען פון צעזאר, מאכען די געטער שרעקליכע פלאנען...

— אָהו! — האָט אַ אַנדערער אויסגעשריִען — זעהסט דו די צוויי פֿײַעריִגע געקרייִצטע שווערדען! דאָס איז דער בעסטער בעווייז, אַז דער גאָט אַפּאָלאָ רופֿט דעם גאָט יופּיטער, ער זאָל זײַנע דונערען אַראָבלאָזען אויף אונז, ווײַל מען האָט זײַן יום־טוב פֿערשוואַכט!...

— עסקולאַפּ! עסקולאַפּ! (גאָט פֿון רפֿואות) — האָט אַנדערשוואו אײַנער געשריִען מיט שרעקעניש — לאָז אַראָב אויף מײַנע אויגען די שופּען, וועלכע דו האָסט אַ מאָל פֿון זיי אַראָבגענומען! זאָלען זיי ווידער בלינד ווערען! אוי! הלואי זאָל איך שוין מעהר ניִשט זעהען די שוואַרצע פּאַנצערס, וואָס פֿון זיי פֿליסט בלוט... ווען די צוויי פּאַנצערס וועלען אָבשלאָגען אײַנע אָן דער אַנדערער, וועה צו רוים!... זעהט איהר די פּאַנצערס? זעהט איהר?

זיי האָבען אַלעס נעזעהן: דעם טײַך פֿון בלוט, די פֿײַעריִגע, געקרייִצטע שווערדען, די אײַזערנע פּאַנצערס, פֿון וועלכע בלוט האָט געפֿליסט.

— עס ברענט! — האָבען פֿיעל מענשען פּלוצלונג אויסגעשריִען, דערזעהענדיג אויפֿ׳ן הימעל אַגרויסען, פֿײַעריִגען וואָלקען.

און גלײַכצײַטיִג האָט זיך געהערט עפּעס אַ הויכער מעטאַליִשער אָבקלאַנג.

אַלע פֿערזאַמעלטע האָבען אַניִדערגעקניהט פֿון שרעק און זענען בלאַס געוואָרען.

אײַנער פֿון די שטערענזעהער האָט ערקלערט, אַז דער אָבקלאַנג שטאַמט פֿון די צוויי פּאַנצערס, וועלכע האָבען זיך צונויפֿגעשלאָגען.

פֿיעל פֿון דעם המון האָבען געשריִען:

— גרויסער יונאָנאַ, קיין רוים ביִסט דו אָנגעקומען און דעם באַרג אַווענטין היִטסט דו, שיִץ אונזער שטאָדט!...

— הײַליִגע איִזידאָ, דו געטין פֿון מצרים, שוואַכע פֿרויען שיִצסט דו, האָב רחמנות אויף אונז!

— אַפּאָלאָ! לאָז דײַן אָרם פֿאָלק ניִשט אומקומען!

— פֿאָטער! פֿאָטער! וואו ביִסט דו? — האָט אַ יונגעל געשריִען.

— באַלביאַ! איך זוך דיך! וואו ביִסט דו אַהינגעקומען?

— אָ, קינדער מײַנע! איך לויף צו מײַנע קינדער, וועלכע זענען דאָרט איִבערגעבליִבען...

— איך וועל נישט געהן מיט דיר, מוטער! איך וועל דאָ נישט איבערלאָזען קלודיוס'ן, וועלכען איך ליעב!

סילוויוס, דער העפּטער פֿון אַוועגטין, האָט געשמייכעלט, הערענדיג די געשרייען פֿון די שטערנזעהער און כשוף־מאַכער און מיט זיינע אָרמען האָט ער אַרומגענומען ווענטורי'ן, וועלכער איז געשטאַנען און האָט געציטערט, ווי אין פֿיבער.

— אָ, סילוויוס! — האָט ער שטיל געזאָגט — ווען איך ציטער, ווי איצט, וואָלט איך בעסער געוואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט זיין! צו וואָס האָט מיך מיין מוטער געבוירען?...

— אַ נאַר ביסט דו, ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט געבוירען געוואָרען! — האָט דער העפּטער זיך געבייזערט און דאָך האָט ער שטאַרקער אַרומגענומען זיין פֿריינד מיט זיינע אָרמען.

ווענטורי האָט ווייטער מיט שרעק געקוקט אויף די וואָלקענס.

— זעה, סילוויוס, זעה! זאָלען מיך די געטער פֿערלאָזען, אויב איך זעה נישט איבער אונזערע קעפּ אַ סטאַדע מיט עלפֿאַנטען!

— אַ נאַר ביסט דו, ווי אַ לעערע קרוג! — האָט ער געזאָגט און אויך אויסגעצויגען דעם פֿינגער צו די וואָלקענס.

— אַ סטאַדע מיט עלפֿאַנטען! — האָט ער געשריען — זאָלען מיך די געטער פֿערלאָזען, אויב דאָס איז נישט אַ סטאַדע מיט עלפֿאַנטען. עס וועט אונז זיין גוט, אויב די בייזע חיות וועלען אונז פֿאַלען אין די קעפּ אַריין. אויב איהר זענט נישט בלינד, זעהט איהר דאָך אַליין, פֿון וועלכער זייט זיי לויפֿען. פֿון מזרח־זייט לויפֿען זיי. דער פֿער־שאָלטענער מזרח! פֿערשאָלטען זאָלען זיין די, וואָס זענען אָנגעקומען צו אונז פֿון מזרח, וואָס ציהען אויף אונז דעם כעס פֿון די געטער!

דאָס ענגשאַפֿט איז וואָס אַ מאָל גרעסער געוואָרען און די היץ האָט זיך געשטאַרקט. מען האָט זיך דערצעהלט פֿאָרפֿאַלען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען און ווייזען, אַז באַלד קומט אָן אַ גרויס אונגליק. אָט, איז אין אָפּילאַ געבוירען געוואָרען אַ קעלבעל מיט'ן קאָפּ ביי די לענדען. אין אַרעטיום האָט גערעגענט מיט שטיינער. נאָך אַ ערגערע ערשיינונג האָט מען געזעהן אין סאַמניום. דאָרט האָט גערעגענט מיט שטיקער פֿלייש. אין ערטרוריאַ האָט אַ זעקס־חודש'דיג קינד געשריען ביי דער ברוסט פֿון דער מוטער: אוי! אין אַפּוליאַ זענען צוויי ברענענדע שטאַלקאַצען אַראָבגעפֿאַלען אין אַ שעהנעם העלען טאָג אויף אַ פֿעלד נעבען די מענשען, וואָס האָבען געשניטען די תבואה.

פּעדראַנום, דער מוטהיגער סאָלדאַט, וועלכער איז שוין געוועזען אויף אַזוי פֿיעל מלחמות, איז אויך זעהר בלאַס געוואָרען פֿון שרעק און האָט געשריען:

— אין מיין געבורטס־שטאָדט ברוטיום, זענען עפּעס אַ פּרוי ווי מען דערצעהלט, אַרויסגעוואַקסען זאַנגען אין דער נאָז!...

די משונה׳דיגע מעשה, וואָס פּעדראַנוס האָט דערצעהלט, האָט ביי קיינעם נישט אַרויסגערופֿען קיין געלעכטער. פֿאַר עטליכע שטונדען, וואָלט קיינער אָן דעם נישט געגלויבט; איצט זענען אָבער אַלע אַזוי דערשראָקען געוועזען, אַז וואָס מען האָט דערצעהלט איז אָנגענומען געוואָרען פֿאַר אַ אמת.

פּודענס האַט אויך דערצעהלט, אַז ביי נאַכט האָט זיך איהם געחלום׳ט זיין שוועסטערס זוהן פּריסקוס, וועלכער האָט געוויינט פֿאַר איהם און זיך בעקלאָגט, אַז קיינער איז זיך נישט נוקם פֿאַר זיין טויט.

שרעקליכער פֿון אַלע ערצעהלונגען זענען אָבער געוועזען די ערצעהלונגען פֿון די געשעהענישען, וועלכע האָבען ערשט נישט לאַנג פּאַסירט אין רוים. אין דער לעצטער צייט פֿון דעם צעזאַר נירון האָבען די געטער געשיקט אויף רוים אַזאַ געוויטער, וואָס איז דאָרט נאָך קיינמאָל נישט געוועזען. אין דער אומגעגענד פֿון רוים, האָט אַ שטורם־ווינד רואינירט הייזער, פֿעלדער, וויינגערטנער און וועלדער. די ערד האָט געציטערט, דער ים האָט אויסגעגאָסען און דאָס וואַסער האָט פֿערנומען פֿיעל דערפֿער מיט אַלע איינוואָהנער. אין רוים האָבען דונערען צושמעטערט אַ מענגע בילדער און געהרג׳עט פֿיעל מענשען. דער טיבר האָט אויסגעגאָסען און אַרויסגעוואַרפֿען אין דער שטאָדט אַריין פֿיעל גיפֿטיגע געווירמעכטסען.

די מוחות זענען דערהיצט געוואָרען, די האָר אויף די קעפּ האָבען זיך אויפֿגעשטעלט און אַ שוויים האָט אַלע בעגאָסען.

די שרעק איז נאָך פֿיעל גרעסער געוואָרען, ווען פּלוצלינג האָט אַ בליץ געטהון און באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט אַ רונער.

איינער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר נישט קיין דונער, נאָר אין דעם בית־מקדש פֿון מאַרס האָבען אַליין פֿון זיך געפּויקט די פּויקען, וועלכע העגגען אויף די וועגד; אַזאַ נס האָט שוין געשעהן זעהר פֿיעל מאָל, ווען נאָר די געטער ווילען דאָס פֿאָלק ערוועקען, עס זאָל זיך נעהמען צו דער אַרבייט, עס זאָל פֿון זיך דערווייטערן די זינדיגע.

אַ אַנדערער האָט פלוצלינג אויסגעשריען:

— אין קיסריה האָט מען אויסגעהרג׳עט 20,000... אין אַנטיוכיה, האָבען די גרעקען און די סיריער אַלע זייערע היזער חרוב געמאַכט. אין ירושלים האָט מען, אויף דעם בעפעהל פון צעזאר, חרוב געמאַכט זייער בית־מקדש, וועלכעס איז געווען געכּויעט, ווי דאָס בית־מקדש זייערס אין ירושלים.

אויף אַ אַנדער אָרט איז אַ אַנדערער געשטאַנען און האָט געשריען מיט ציטערניש:

— זיי האָבען געהאַט די העזה אונז צו סטראַשען, אַז בשעת די פערוויילונגען וועלען זיי פערברענען דעם אַמפיטעאַטער מיט פיערציג טויזענד מענשען צוזאַמען. אין אַלכסנדריה איז דאָס געווען. איך קען צושטעלען עדות.

סילוויוס האָט געזאָגט:

— ווען מיר וואָלטען אַזוי געטהון, ווי אין קיסריה און אַנטיוכיה...

— און אַ אַנדערער האָט איהם אונטערגעהאַלפען:

— כאָרען פון אונשולדיגע מיידלעך, זינגענדיג די הייליגע הימנען, וואָלטען מיט הייליג וואַסער בעשפריצט רוים...

— אַז זיי געבען נישט אָב קיין כבוד דעם צעזאַר און נישט די געטער... וועמען דען דינען זיי?

— די אונטערערדישע שדים...

— פריסקוס מיינער! זאָל פון מיין קאָפּ ווערען אַ שטיין, אויב איך וועל זיך היינט נישט נוקם זיין פאַר דיין בלוט...

אַלע האָבען גערעדט, געשאָלטען, מתפלל געווען...

אינדעם האָט איינער אויסגעשריען:

— שטיל זייט! זעהט! די געטער ווייזען אונז, וואָס עס וועט זיין! איבער דעם קאַפּיטאָל (טעמפעל פון יופּיטער) פליהען ראָבען!...

אַלע האָבען אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט וואוהין די ראָבען פליהען.

אויף יענער זייט טיבר זענען די ראָבען געפלויגען. אין דעם קוואַרטאַל, וואו די סיריער און יודען וואָהנען, האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזט און דאָרט זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען...

עס האָט אַ בליץ געטהון און באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט אַ ריעזענדיג געשריי:

— אויף יענער זייט טיבר!... אויף יענער זייט טיבר!...
אויף יענער זייט טיבר!

און באלד איז פון דארט ארויסגעשוואומען א גאנצער ים מיט פערסאפעטע מענשען, וועלכע זענען געווען מיט שוויים בעגאסען און געהענגדיג אויף דער בריק, האבען זיי געשריען:

— אויף יענער זייט טיבר! אויף יענער טיבר!

גלייכצייטיג האט זיך געעפענט די טהיר פון דער גרויסער שענק, וועלכע איז געווען דער בריק און עס איז ארויס פון איהר א באנדע סירישע טרעגער און גנבים, וועלכע איז געגאנגען געגען דעם המון, וואס איז אנגעקומען פון יענער זייט טיבר. די פער־שכור'טע: באלביאס מיט א גרינגעם קראנץ אויפ'ן קאפ און די האלב־נאקעטע חראמיע מיט פונאנדערגעלאזטע האר זענען געגאנגען אין דער שפיץ. ביידע האבען זיך געהאלטען ביי די הענד און גע־טאנצט מיט'ן טאקט פון דער מוזיק פון די פלייטען, אויף וועלכע סירישע מיידלעך האבען געשפיעלט, אויפהויבענדיג יעדע ווײַלע זייערע נאקעטע ארמען אין דער הויך. נעבען זיי האט געשפרונגען שילאס אין ארויטע בלוזע. די אלטע חראמיע האט שפרינגענדיג אויסגעגאסען דעם וויין פון ארויטען בעכער, וואס זי האט גע־האלטען אין דער האנד. נאך זיי האט זיך געשטופט א גאנצע מחנה מיט פערווילדעטע מענשען. פיעל הענד האבען געפאטשט, די קעפ האבען זיך געשאקעלט אין אלע זייטען. די מחנה האט שוין נישט מורא געהאט פאר די צייכענס פון הימעל, וועגען געטער האט דא קיינער נישט געטראכט, קיינער האט נישט מתפלל געווען.

די באנדע סיריער האט זיך בעגעגענט מיט דעם המון, וואס איז אנגעקומען פון דער בריק און באלד האבען זיך אלע פער־שפרייט אין די געסלעך און מארקען.

דעם גרויסען נעבעל, וואס האט פערפולט דעם גאנצען קווארטאל האבען דורכגעריסען שטימען פון ווילדע געלעכטערס, טענער פון פלעטען, וועלכע האבען געקלונגען, ווי עפעס סיגנאלען, שרעקליכע יאמערס, געוויינען, קלאפערייען, קנאלען.

צו רואינירען יודישע הייזער האבען זיך אלע גענומען, חרוב צו מאכען אלעס, וואס צו יודען האט געהערט, צו רויבען און פערניכטען אלעס, אויף וועלכען יודען האבען זייער גאנץ לעבען געהארעוועט.

אויף דעם מארק, וואו עס זענען געשטאנען די הייזער פון שרה'ן און גארגיאס'ן זענען די אנפאלען געוועזן, ווי אמגרעסטען. פילוויוס מיט זיינע העלפער און ווענטורי מיט זיין פארפומען־אר־בייטער האבען אנגעפיהרט א גרויסע מחנה, וועלכע זענען אריין אין די הייזער, צובראכען און צוהאקט אלעס, וואס איז זיי געקומען אין די הענד אריין. אין איין זייט זענען געפאלען אויף די קעפ געשטיקטע שטאפען און פון דער אנדערער זייט זענען אויסגעגאסען געווארען פארפומען. פעדאנוס און פודענס האבען מיט א גרופע מענשען פון פערשידענע שטאנדען געזוכט דעם, אן וועלכען זיי האבען זיך געוואלט נוקם זיין פאר דעם טויט פון פריסקוס. פון דער מחנה האט זיך אבגעריסען א גרופע סיריער, וועלכע האט געשלעפט אין דער שענק אריין — שרה'ס יונגסטע טאכטער מרים, וועלכע האט שרעקליך געשריען און אומזיסט זיך געאמפפערט, וועלענדיג זיך ארויסרייסען פון זייערע הענד. נאך זיי איז געלאפען די דיקע שרה, וועלכע האט שוין גאר נישט געוואלט וויסען פון דעם חורבן, וואס איז געמאכט געווארען אין איהר הויז, נאר איהר טאכטערס כבוד האט זי געשטרעבט צו שיצען מיט איהר אייגען לעבען. פאר דעם הויז פון גארגיאס'ן האט געקעמפפט א גרופע מענשען, צווישען וועלכע עס איז געוועזן יוסטוס אין זיינע רוימישע מלבושים. איינער פון די מענשען איז געפאלען אויף דער ערד און אין די ארמעס האט איהם געהאפט גארגיאס, דער גוטהערציגער גארגיאס, וועלכער האט קיינמאל נישט געוואלט הערען פון שנאה צו אנדערע פעלקער. איצט האבען אבער זיינע אויגען געפינקעלט, ווי די אויגען פון א וואלף און ער האט געשריען:

— זיי מיר מוחל, שמעון! זייט מיר מוחל, חכמים פון יבנה! נקמה! נקמה!

פלוצלונג האט זיך געהערט עפעס א בעוועגונג, ווי א פרישע גרופע מענשען, וואלט זיך בעמיהט דורכצושטופען זיך צווישען די פערווילדעטע. די מענשען זענען וואס א מאל נעהנטער געקומען צו דעם ארט, וואו די העלפערס און די פארפומען־מאכערס האבען די גרעסטע חורבנות געמאכט.

— איהר האט טענות צו די איינוואהנער פון די הייזער! — האט איינער געשריען מיט א זיכערע, פעסטע שטימע — גוט. צוויי אופנים זענען פערהאנען אויפצולעזען סכסוכים: דורכ'ן פערשטאנד און דורך דער קראפט. מענשליך איז זיך צו פיהרען לויט'ן פער-

שטאַנד; בהמות, חיות האָבען קיין אַנדער מיטעל נישט, ווי דעם קראַפֿט... ציי זענט איהר אַ סטאַדע בהמות?

עטליכע מענשען האָבען זעהר הויך געלאַכט. איינער פֿון זיי, פּעדאַגוס, האָט אויסגעשריען:

— דאָ האָסט דו אויך געמוזט אַריינקריכען, פֿילאָזאָף!... דו ווערסט דאָ אַזוי פֿיעל פֿועל זיין, וויפֿיעל דו האָסט פֿועל געווען, ווען דו ביסט אַרויסגעגאַנגען געגען דעם מיליטער פֿון וויטעליוס, וועלכעס האָט בעלעגערט רוים און דו האָסט געזאָגט, אַז אַ מלחמה איז די גרעסטע רציחה און שלום איז דאָס גרעסטע פֿערגניגען...

— איך האָב זיי געזאָגט און איך זאָג איך איצט — האָט דער פֿילאָזאָף ווייטער רוהיג און זיכער געזאָגט — איך האָב זיי געזאָגט און אויך אייך זאָג איך: נידער מיט כעס! כעס ברענגט קיין שום רעכטשאַפֿענס נישט און אויף דער וועלט איז נאָר רעכטשאַפֿענהייט גוט...

דער פֿילאָזאָף האָט זיך אַרויפֿגעחאַפּט אויף אַ בערגעל פֿון צובראָכענע קאַסטענס און שרענק, וועלכעס איז געווען פֿאַר דער טהיר פֿון שרה׳ס הויז. באַלד האָט זיך אָבער דורכ׳ן צוהאַקטען פֿענסטער אַרויסגערוקט דער קאָפּ פֿון סילוויוס׳ן, וועלכער איז געווען אינווענדיג.

— זאָל דיך דער גיהינום איינשלונגען! — האָט ער געשריען — צו וואָס ביסט דו געקומען! ווער דאַרף דאָ דיין בילען: עס איז נישט פֿערהאַנען קיין גוטס, נאָר דאָס, עס איז נישט פֿערהאָנען קיין שלעכטס, נאָר יענס?...

אַנדרע האָבען ליצנות געמאַכט:

— שלאָפֿען גיה, מוזאָניוס! אַ גוטע נאַכט, פּאַפּוגיי פֿון די געטער!...

מוזאָניוס האָט געקוקט עפּעס ערגעץ, נישט אויף די, וואָס זענען אַרום איהם געשטאַנען און ער האָט געזאָגט:

— די מענשליכע געזעלשאַפֿט קען אַ קיום האָבען, נאָר דורך רעכטשאַפֿענהייט. ווען מענשען וואָלטען איינער דעם אַנדערן געשטרעבט צו הרג׳ענען און קראַנק צו מאַכען, וואָלט די גאַנצע מענשהייט געמוזט אומקומען...

די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום מוזאָניוס׳ן האָבען זיך אָנגעהויבען גוט צו ווייַלען.

— זאָלען מיר איהם אויסהערען! — האָבען עטליכע געשריען — זאָל ער פּלוידערן...

ווענטורי האָט מיט זיין דינע שטימע געזאָגט:

— אין אונזערע אייגענע קעפּ האָבען מיר געגוג פערשטאַנד. וואָס וועלען מיר האָבען פון דעם פלוידערן?

אַ שוסטער, וועלכער האָט זיך אַריינגעחאַפּט צווישען די העפּטערס, האָט זיך פערלעגט די הענד אויף די פּלייצעס און קוקענדיג דעם פילאָזאָף גלייך אין די אויגען אַריין, האָט ער געזאָגט:

— פאַר וואָס ביסט דו מוזאַניוס, אַזוי בלאַס און דיין פּנים איז אַזוי געפּאַלדעט? דער מזל האָט דיר אַ ודאי נישט איין פּאַטש געגעבען. און וואָס האָסט דו פון דיינע חכמות?

— זיינע חכמות נוצען איהם — האָט געשריען אַ אַנדערער — ער זאָל זיך קענען אָננעהמען פאַר די אויסלענדער, וועלכע זענען פערפיינדט ביי דעם צעזאַר און ביי די געטער.

מוזאַניוס האָט געענטפערט:

— איהר פערשטעהט מיך נישט און איהר לאַכט פון מיר. איך וועל דאָך נישט אויפהערען צו רעדען

זיין שטימע איז העכער געוואָרען:

— וואָס פאַר אַ נאַטור האָט אַ מענש? זי הייסט איהם גוטס טהון, און ווען ער קען נישט טהון, זאָל ער חאָטש גוטס ווינשען...

דער המון האָט געלאַכט. איינער אין רוימישע מלבושים, האָט אָבער הויך אויסגעשריען:

— מוזאַניוס! דעם מענשענס נאַטור הייסט נישט אַזוי, ווי דו זאָגסט. דו האָסט אַ טעות! צווישען דעם המון און דעם פילאָזאָף איז אַ טיפער תהום, וועלכער וועט נישט פערשיט ווערען אפילו אין משך פון הונדערטער יאָהרען!...

מוזאַניוס האָט געענטפערט:

— איך האָב געהערט ווערטער פון אַ מענש, וואָס דענקט! ווער דו ביסט, אינטערעסירט מיך נישט. דו מוזט אָבער וויסען, אַז איך האָב קיין מורא נישט פאַר'ן המון און אויך נישט פאַר די מעכטיגערע פון המון. איך גיב נישט אַרויס קיין בעפעהל מיט מיין שווערד און איך נאַר נישט דאָס פאָלק מיט נסים... היינט וועל איך גאָר נישט מאַכען. די צוקונפט איז אָבער מיין. איך שטעה ביי מיינע פרינציפּען.

— שטעה זיך, שטעה! — האָט מען צו איהם געשריען — אפילו איין קערנדל פון בעבלעך וועט דיין שטעהן נישט אַרויסגעהמען פון טאָפּ. דו טהוסט שלעכטס נאַר זיך אַליין, וואָרום, ווי מען

שמועסט, וועט דיך דער צעזאר קירצליך ארויסטרייבען פון רוים. און אפשר וועט מען דיר ארומבונדען א שנור אויפ'ן האלז און אין דער תפיסה וועט מען דיך שלעפען... וואס וועלען דיר דאן העלפען דיינע פרינציפען?

פון דעם המון איז ארויס פעדראנוס און האט אויסגעצויגען איינע ריזענדיגע פויסטען.

— ווער איז שטארקער — האט ער געפרעגט — איך, צו דו, פילאזאף? דו ביסט קלוג און מיט איין שנעל, לעג איך דיך אנידער. איך דארף ניט דיין פערשטאנד. איך וויל בעסער מיין קראפט.

עפעס אליץ האט געשריען:

— פילאזאף! ווער פון אונז האט אין לעבען מעהר געלאכט? דו, צו איך?

דער שוסטער האט געפרעגט:

— ווער וועט לענגער לעבען? א שוסטער אדער א פילאזאף?

— וועמענס בויך איז פולער, מוזאניוס? — האט א אנדערער געפרעגט — מיינער, צו דיינער?

א זעהר הויך געלעכטער האט אויפגעבראכען פון הונדערטער מיילער. די שרעקליכע שטימע פון געלעכטער איז פערמישט געווארען מיט א געוויין, יאמער, זיפצען און קללות, וועלכע האבען זיך געהערט פון א געסעל. גלייכצייטיג האבען זיך אויך געהערט טענער פון פלעטען און א געשריי:

— פעדראנוס! פעדראנוס! גיך! די סיריער האבען געפונען דעם, וואס דו זוכסט! זיי פיהרען איהם און צוזאמען מיט איהם פיהרען זיי עפעס א מיידעל.

פלוצלונג האט זיך געהערט א קלאפעריי פון רעדער און פערדס פוס. מען האט דערזעהען א ליכטיגקייט פון שטאלקאצען און א מחנה מענשען, וועלכע זענען צוזאמען מיט דער ליכטיגקייט געפלויגען.

— לעקטארען! לעקטארען! — האט מען געשריען — לעקטארען לויפען פאר א וואגען פון עפעס א מעכטיגען מענש! פערד ווי די אדלערס! עפעס א מעכטיגער שטעהט אויף א וואגען! א אנדערער האלט די לייצעס!... רוקט זיך אב! ענטלויפט!

ווייס געקליידעטע לעקטארען מיט העק אין די הענד, זענען געלאפען, פונאנדעריאגענדיג דעם המון און מאכענדיג א וועג פאר א וואגען, וואס איז געווען געשפאנט אין א פאר פערד און ארומ-

גענומען מיט פֿיעל מענשען, פֿון וועלכע עטליכע האבען געטראגען שטאלקאצען. גיך איז די גאנצע מחנה דורכגעלאָפֿען די בריק, צוזאמען מיט'ן וואגען, אויף וועלכען עס זענען געשטאנען צוויי מענשען: איינער א הויכער, שטארקער, אין א ווייסע טאגע און דער צווייטער, א יונגער, שטארקער, מיט א זילבערנע באנד אויף זיינע שווארצע האר, האט געהאלטען די לייצעס אין די האנד. אין דער זייט איז געזעסען א גריכיש שעהן יונגעל מיט לאנגע האר.

— דער פרעטאר! דער פרעטאר! - האט מען אויסגעשריען.

דער המון איז באלד שטיל געבליבען. פֿון איהם האט דער המון נישט געהאט די העזה צו מאכען ליצנות, ווי פֿון מוזאניוס'ן. אין דער ליבטיגקייט פֿון די שטאלקאצען האט זיין וואגען געבלאנקט מיט זיינע רייכע בעצירונגען, די שפאנישע פֿערד האבען מיט גאוה אויפֿגעהויבען די קעפּ, די לייצעס האט געהאלטען דער בעריהמטער רוימישער מאלער, לעקטארען מיט העק האט ער געהאט ארום זיך און ווער האט געקענט האבען די העזה זיך געגען צו שטעלען?

דער פרעטאר האט זיך געווענדעט צום המון, פֿרעגענדיג איהם, צו ער האט שוין מעהר נישט צו טהון, ווי זיך די בייכער אנצופֿילען, צי שכור'ן, ציטערן פֿאר נארישע מעשיות און אנפֿאלען אויף אונבעוואפֿענטע?

זיין שטימע איז געווארען דונערדיג.

— אנשטאט פֿאלקס-פֿערזאמלונגען האט מען אייך געגעבען א צירק; פֿון דעם ארט, וואו מען האט זיך געפלעגט בעראטהען און וועהלען הערשער און שופטים, האט מען געמאכט א ארט פֿון פֿערוויילונגען. פֿון דעם בירגער-מארק האט מען געמאכט א חזירים-מארק. „ברויט און פֿערוויילונגען!" שרייעט איהר און מיט די הינדס-צונגען לעקט איהר די האנד, וועלכעווארפֿט אייך דאס, וואס אייערע פֿערפֿינסטערטע מוחות קענען פֿערלאנגען! בלוט, ווי אממעהרסטען בלוט פֿערלאנגט איהר און אייך געפֿעלען די, וואס מאכען פֿון אייך א אכזריות'דיגע סטאדע חיות...

דער המון האט אנגעהויבען מתרעם צו זיין.

— דו זידעלסט! דו זידעלסט דאס ארמע פֿאלק!

— זעה, זעה! — האט סילוויוס געשריען — אז פֿון דיינע ווערטער זאל נישט געשמידט ווערען א האק צו דיין האלז!...

העלווידיוס האָט רוהיג געקוקט אויף דעם ים מיט קעפּ, וועלכער איז געשטאַנען אַרום זײַן וואָגען.

— ניט אַלס מעכטיגער און גרויסער בין איך געבוירען געוואָרען — האָט ער געזאָגט — זעהר נאָהנט צו אײַך בין איך. אַלס זוהן פון אַ סאָלדאַט בין איך געבוירען געוואָרען... ניט מיט יחוס בין איך שטאָלץ, נאָר מיט מײַן רעכטשאַפענהייט. איך זידעל ניט, נאָר צום לעצטען מאָל ווענדע איך זיך צו אײַך מיט מײַנע ווערטער... ווער האָט מיר געזאָגט וועגען דער האַק צו מײַן האַלז?... איך ווייס פון דער האַק!... איך האָב מײַן פערשטאַנד ניט פערלוירען און איך ווייס, וואָס איך טהו. מײַנע לעקטאָרען און די שטאָרטס־סטראַזש וועט אײַך פונאַנדעריאָגען, ווילדע שכורים!... איך וועל דאָך שוין אײַך ניט אומזאַבען, איידער איך וועל שטאַרבען... דאָך וועט אָבער פערשריבען ווערען אין דער היסטאָריע פון מײַן פאַטערלאַנד נאָך איין נאָמען, וועלכער איז ניט בעשמוצט געוואָרען... אַ נאָמען פון אַ מענש, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבען דער מאַכט פון ווילקיר!...

פון אַ געסעל האָט זיך ווידער געהערט מוזיק, וועלכע איז פערמישט געוואָרען מיט אַ הויך געלעכטער און אַ שרעקליך געשרײַ פון אַ פרוי. דערהערענדיג דאָס געשרײַ, האָט אַרטעמידאָר'ן אָנגעחאַפּט אַ ציטערניש און פון זײַן האַנד זענען איהם אַרויסגעפאַלען די לייצעס, וועלכע ער האָט געהאַלטען. ער איז גיך אַראָבגעשפּרינגען פון וואָגען און מיט אַ בלאַס פּנים האָט ער זיך געווענדעט צו דעם פּרעטאָר:

— ערלויב מיר דאָרטהין צו געהן צוזאַמען מיט דײַנע לעקטאָרען... אָ, געטער!...

איידער ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, זענען אָנגעקומען אויפ'ן מאַרק: חראָמיע, חאַראַפּיע, עטליכע אַנדרע פרויען און צוויי מיידעלעך, וועלכע האָבען געשפּיעלט אויף פלעטען. די באַנדע ווילדע פרויען האָט געשלעפּט אַ דאַר מיידעל אין צוריסענע קליידער. דערזעהענדיג די לעקטאָרען, וועלכע זענען געלאָפען געגען זיי, זענען זיי זיך פונאַנדערגעלאָפען. דאָס מיידעל איז מיט אויסגעשטרעקטע אָרמען צוגעלאָפען צו דעם פּרעטאָרס וואָגען און פאַלענדיג אויף די קניען, האָט זי זיך צוקלאַפּט דעם שטערן אָן אַ אַקסט פון ראָד.

— מײַנע פרײַנד! — האָט דער פּרעטאָר זיך געווענדעט צו זײַן סוויטע — זאָלען עטליכע פון אײַך אָבפיהרען דאָס מיידעל אין

מיין הויז אריין! זי חלש'ט, זאגט איהר? נעהם זי ארויף אויף מיין וואגען, ארטעמידאר!

ארטעמידאר האט זי אויפגעהויבען, זאנענדיג שטיל אין איהר אויער:

— מיין ליעבע!

זי האט געעפענט די אויגען און דערקענענדיג ארטעמידאר'ן, האט זיך אויף איהר מויל געוויזען א שמייכעל פון אונגעהויערען גליק. גלייכצייטיג האט זיך ארויסגעשטופט פון דעם געסעל א באנדע סיריער און סאלדאטען. פאר זיי איז געלאפען א אלטער יוד, בארפוס, אין צוריסענע מלבושים, שרייענדיג:

— דער פרעטאר איז געקומען!... ער וועט משפט'ן!... ער וועט אייך זאגען, אז איהר זאגט ליגענד, ווי הינד... אז נישט ער, נאר איך... איך... איך, מנחם...

ער האט זיך געשטעלט איינגעבויגען פאר דעם וואגען פון פרעטאר און ווייטער געשריען:

— גלויב זיי נישט, גרויסער שופט! האב רחמנות און גלויב נישט!... זיי זאגען ליגענד! ער איז נישט שולדיג... ער איז אין ערגעץ נישט געוועזען און האט אייך קיין שלעכטס נישט געטהון... אין דער היים איז ער שטענדיג געזעסען און געוועבט! ער איז א וועבער! א רוהיגער וועבער!... ווי קומט ער צו א מלחמה, צו לעסטערן אייך און אייער צעזאר!... ער וואלט דאס גאר נישט געקענט טהון... ער!... צו דעם דארף מען דאך האבען פערשטאנד און ער איז דאך א נאר... א געוועהנליכער וועבער...

ער האט זיך אויסגעגלייכט, געשטעלט אויף די פינגער פון די פיס, אנגעהאפט די זוים פון דעם פרעטארס טאגע און קושענדיג זי, האט ער ווייטער געזאגט:

דעם אמת וועל איך דיר זאגען... און איך בעט דיך, דו זאלסט מיר גלויבען. גרויסער שופט! האב רחמנות און גלויב מיר!... ער, מיין זוהן, יונתן, וועלכען די סיריער האבען ארויס־געשלעפט פון מיין הויז און די סאלדאטען פיהרען איהם צו דיר, איז אין ערגעץ נישט געוועזען און האט גאר נישט געטהון... א טעות האבען זיי... איך בין געוועזען אין לאנד יהודה, אין דער מלחמה געגען אייך, איך האב אייערע סאלדאטען געהרג'עט, זייענדיג שטענדיג ביי יוחנן גוש חלב... איך האב אין מצרים געבונטעוועט געגען אייך... איך האב אויף די פערוויילונגען...

איך... אַלעס איךְ... מנחם!... נישט ער!... איך בעט דיךְ, גלויב מיר! גיב אַרוים אַבעפֿעהל, אַז די לעָקטאָרעָן זאָלעָן מיך בינדעָן און איהם זאָלעָן די סאָלדאַטעָן אָבלאָזעָן... פֿאַר וואָס הייסט דו נישט די לעָקטאָרעָן, זיי זאָלעָן מיך בונדעָן?... איךְ בין שטעָנדיג געָוועָן אייעָר שונא! איךְ האָב דאָך אייעָרע סאָלדאַטעָן געָהרג'עָט אין לאַנד יהודה! איךְ האָב געָלעָסטעָרט!...

דעָר אַלטעָר האָט אַזוי לאַנג געָשריעָן, ביז עָס זעָנעָן אָנגעָקומעָן פּעָדאַגוּס פּודעָנס, וועָלכעָ האָבעָן געָפֿיהרט יונתנ'עָן און איהם געָשטעָלט פֿאַר'ן פּרעָטאָר, דעָרצעָהלעָנדיג איהם, וואו זיי האָבעָן יונתנ'עָן געָזעָהן און וואָס עָר האָט געָטהון. הינטעָר זיי איז געָשטאַנעָן סילאַס, וועָלכעָר האָט זיךְ געָריהמט, אַז עָר האָט דעָם געָפֿאַנגעָנעָם אויסגעָזוכט. באַבאַס און חראַמיעָ זעָנעָן צוגעָשפּרונגעָן און עדות געָזאָגט, אַז טאַקי סילאַס האָט עָנטדעָקט, וואו דעָר מעָרדעָר געָפֿינט זיךְ.

— לעָקטאָרעָן! — האָט דעָר פּרעָטאָר געָשריעָן — יאָגט פֿונאַנדעָר די ווילדעָ חיות! איהר, סאָלדאַטעָן, בלייבט דאָ!...

צו יונתנ'עָן האָט עָר שטיל און קורץ געָזאָגט:

— זאָג, יוד!

— אַלעָס, וואָס די סאָלדאַטעָן האָבעָן געָזאָגט איז אמת! — האָט יונתן געָזאָגט רוהיג, קוקעָנדיג מיט פֿעָראַכטונג אויף דעָם פּרעָטאָר — איךְ הייס יונתן. איךְ האָב אייעָרע סאָלדאַטעָן געָהרג'עָט אין דעָר מלחמה, איךְ האָב אייךְ געָזידעָלט אויף די פֿעָרוויילונגעָן. איךְ האָב אייךְ פֿיינד מיט מיין גאַנץ האַרץ!... ווען גאָט וואָלט מיךְ געָלאָזט לעָבעָן הונדעָרט מאָל, וואָלט איךְ אייךְ הונדעָרט מאָל אַזוי געָטהון, ווי איךְ האָב ביז איצט געָטהון. מעָהר האָב איךְ דיר נישט צו זאָגעָן. הייס דיינעָ מעָנשעָן, זיי זאָלעָן מיךְ פֿיהרעָן צום טויט.

העָלווידיוס האָט אַ ווײַלעָ געָטראַכט און דעָרנאָךְ האָט עָר געָזאָגט שטיל צו די מעָנשעָן, וואָס זעָנעָן געָשטאַנעָן אַרום איהם.

— דעָם אַלטעָן מיט דעָם מיידעָל פֿיהרט אָב אין מיין הויז... זאָלעָן זיי נישט זעָהעָן...

דאָס מיידעָל האָט זיינעָ ווערטעָר דעָרהעָרט און אַרויסרייסעָנדיג זיךְ פֿון אַרטעָמידאָר'ס העָנד, איז זי אַראָבגעָשפּרינגעָן פֿון וואָגעָן און זיךְ געָשטעָלט נעָבעָן יונתנ'עָן.

— איךְ מיט איהם צוזאַמעָן! — האָט זי געָשריעָן.

איהרע לאַנגע האָר האָט זי מיט בײדע הענד פֿערוואָרפֿען הינטער זיך און איהרע נאַקעטע אָרמען האָט זי אויסגעצויגען צו די יודישע מענער און פֿרויען, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די דעכער און געוויינט.

– מיט דיר, מײן אונגליקליך פֿאָלק, מיט דיר!...

גרויסע טראָפּען רעגען האָבען אָנגעהויבען צו פֿאַלען פֿון הימעל. אַ שטאַרקער ווינד האָט געבלאָזען און עפּעס ערגעץ האָט געדונערט.

– לעקטאָרען! – האָט דער פּרעטאָר הויך געשריען – נעהמט דעם מענש!...

אײדער ער האָט נאָך אויסגערעדט די ווערטער, איז מירטאַלא צוגעשפּרינגען צו דעם געפֿאַנגענעם און אַרומנעהמענדיג זײן האַלז, האָט זי ווידער געשריען:

– מיך מיט איהם צוזאַמען!

עס זענען אָבער צו איהר צוגעשפּרונגען עטליכע מענשען און אַרטעמידאָר האָט זי אָנגעכאַפּט בײ די אָרמען.

אין יונתנ'ס אויגען האָט זיך געוויזען אַ פֿײער און אויף זײנע ליפּען אַ ביטערער שמײכעל.

– זי וועט נישט זײן דײן, דו רוימער! – איך וועל אָהן איהר נישט אַוועקגעהן. און מיך וועט איהר דאָך מאָרגען הרג'ענען! האָט ער געשריען.

און זײן קרומע, קורצע שווערד האָט ער גיך אַרויסגעכאַפּט און אַרײנגעשטאָכען אין מירטאַלאַ'ס האַרץ.

די וואָלקענס אויפ'ן הימעל האָבען זיך צונויפגעשלאָסען, די וועלט איז געוואָרען שוואַרץ, פֿינסטער. די פֿלאַמען פֿון די שטאָלקאַצען זענען געיאָגט געוואָרען פֿון שטאַרקען ווינד, און דער רעגען האָט זיי פֿערלאָשען. אַנשטאַט זיי האָבען זיך געוויזען אויף דעם הימעל טויזענדער פֿײערדיגע שלאַנגען, וועלכע האָבען דורכגעריסען די וואָלקענס.

און דער המון אויף דעם מאַרק און אויף די דעכער איז געשטאַנען שטיל, ווי די מויערען. אַ ביסעל אָבגעזונדערט איז געשטאַנען מוזאַניוס אויף דעם בערגעל פֿון צובראָכענע כלים. זײנע קניען האָט אַרומגענומען אַרטעמידאָר, וועלכע האָט זײן פּנים פֿערדעקט מיט די קלײדער פֿון פֿילאָזאָף, ווי ער וואָלט איהם מיט געוויין געבעטען, ער זאָל איהם געבען עפּעס טרײסט נאָך דער שרעקליכער צרה, וואָס ער האָט געהאַט.

דער פילאָזאָף האָט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און אויסגעשריען:

— הימלישע ליכטיגקייטען! ציז איז דאָרט אויבען נישט דאָ ווער עס זאָל רחמנות האָבען אויף דער אָרמער מענשהייט? ציז וועט איהר נאָך לאַנג, לאַנג בעלייכטען אַזעלכע בילדער?

אַ שרעקליכער דונער האָט אָבגעקלאַפּט אָן וואַסער פון טיבר און אויף די ברויזענדיגע חוואַליעס, האָט זיך דער ריעזענדיגער דונער לאַנג געקאַטשעט...

שימינ'ס גרויסע
וועלט־ביבליאטעק

ערשטער יאהרגאנג

1) מ. ז. פייערבערג: וואהין?
2) ארטור שניצלער: געזאמעלטע שריפטען I באנד
3) י. מ. ווייסענבערג: שריפטען I באנד
4) „ „ „ שריפטען II „
5) העגריך היינע'ס: „ I „
6) „ „ „ II „
7) ז. שניאור: „ I „
8) „ „ „ II „
9) „ „ „ III „
10) עדוארד קיפלינג: דאס בוך פון דער וויסטע
11) י. שטיינבערג: שריפטען
12) מ. סטאווסקי: אידיליען און בילדער
13) ז. י. אנכי: צווישען הימעל און ערד I באנד
14) „ „ „ „ „ II „
15) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען I באנד
16) „ „ „ „ II
17) יודישע געשיכטע: רעד. הלל צייטלין I באנד
18) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען III באנד
19) ארטור שניצלער: שטערבען (א גרויסע ערצעהלונג)
20) י. מ. ווייסענבערג: שריפטען III באנד (די וואלד־מיידעל)
21) ארטור שניצלער: שטערבען II באנד
22) יודישע געשיכטע: „ „
23) יהודה שטיינבערג: חסידישע מעשה'לעך.
24) „ „ אין יענע צייטען

צווייטער יאהרגאנג

1) אברהם רייזען: „אלטע־וועלט“.
2) „ „ יונגוואַרג
3) דר. גינצבורג: דער תלמוד.
4) יודישע געשיכטע: 3־ער באנד
5) „ „ 4־ער באנד
6) משה: א זאמעל־בוך.
7) הלל צייטלין: שריפטען I באנד
8) „ „ „ II „
9) משה טייטש: „ I „
10) „ „ „ II „
11) י. ראזענפעלד: אין די שמאלע געסלאך
12) משה טייטש: III באנד לידער
13) פראפ. לאצארוס: ירמיהו הנביא
14—15) ז. י. אנכי: רב אבא
16—17) הלל צייטלין: דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס
18) יודישע געשיכטע: V באנד
19) הלל צייטלין: דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס
20) שאנטאפי דעלאסאסיי: געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאנען
21) יודישע געשיכטע: 6־ער באנד
22—23) שאנטאפי דעלאסאסיי: די געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאנען
24) יודישע געשיכטע: 7־ער באנד

פרייז פון יעדע 24 ביכער 3,50 רובל פארטא 50 קאפ.

נייע ביכער!!!

אין בוכהאנדלונג ב. שימין, ווארשא, נאלעווקי 33

יענען אנגעקומען פאלגענדע נייע ביכער

הערבערט ספענסער: די ערציהונג. — — —2

(300 זייטען פראכט געבונדען).

ד"ר חיים זשיטלאווסקי: די פילאסאפיע — 3,60

וואס זי איז און ווי זי האט זיך ענטוויקעלט. 20 העפטען יעדער העפט 18 ק,

ליטעראטור: זאמעלבוך I — — — — 60

„ „ II — — — — 60

יהואש: „ישעיה" איבערזעצט. (געבונדען). — — —2

„ איוב, שיר השירים, רות, קהלת — —2

הענריק איבסען. דראמען: נארא — — — 40

„ „ הערדא גאבלער — 50

„ „ דער בוימייסטער — 50

„ „ ראזמערהאלם — 50

„ „ דער קליינער עאלף 40

פעליקס האלענדער: די זוכער פון אמת — —2

ראמאן. אין פיער ביכער 540 זייטען.

סטרינדבערג: פרייליין יוליא. — — — 30

טורגענאוו: האמלעט און דאן קיכאט. — — 24

אליזו שריינער: טרוימען ערציילונגען. — — 60

לעאניד אנדרעיעוו: דאס לעבען פונ'ם מענשען 50

„ די טעג פון אונזער לעבען 50

י. זאנגוויל: מיימון דער נאר און נתן דער חכם. 30

ביערסטערנא ביערנסאן: איבער אונזער קראפט —1

וויקטאר הוגא: דער גבור אין קייטען — — 80

„ דער ים ארבייטער — — 50

הייאוואטא: איבערזעצט פון יהואש (געבונדען) — —2

מולטאטולי: געקליבענע מעשהלעך — — 24

מעטערלינק: דער בלויער פויגעל. — — 60

ניטשע פרידריך: אזוי האט גערעט זאראטוסטרא. 60

די אלע ביכער זענען אהן פארטא. קליינע סומען קען מען שיקען אין פאסטמארקען. פיר ביבליאטעקען ראבאט.

נייע קאטאלאגען ווערען געשיקט גראטיס.

Кн. маг. **Б. ШИМИНА**, Варшава, Налевки 33.